STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00268

GEZAMELTE VERK

Z. Libin

Permanent preservation of this book was made possible by
Laura Malick
in memory of
William R. Perl, 1906-1998 organized Perl Transports, rescued 40,000 Jews

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווידמעט צו מיין פרוי.

צו מיין געטרייער ליעבער סאָפיעלען.

ז. ליבין

געזאַמעלטע ווערק.

I.

ארויסגעגעבען פון

„פאָרווערטס"

.1915

אינהאלטס־פערצייכניס

דער סוועט שאפ

1) טוביה נעבאך — 2
2) א שטילער יובילעאום — 33
3) איבער א נאדיל — 41
4) מיסטער בוכהאלץ — 45
5) די ירושה — 57
6) די לעצטע טרעפ אריבער — 63
7) נא דיר פרייטאג — 73
8) דער ערשטער לעסאן — 80
9) די מאמע איז געפאלען — 89
10) א פערשלאפענער גזר דין — 94
11) מארים'עס טויט — 98

דער אייביגער איד

1) די שוהל און די קירך — 105
2) א היימישער תענית —
3) די אבענד שטונדע — 111
4) דער פלעק אין בריעף — 115
5) בארנעט'ס ערשטע פייפערס — 119
6) א גערוס צו קיינעם ניט — 123
7) מנשה — 127
8) א אידיש שפרעכענדער סאציאליסט — 132
9) א צייט בילד — 141
10) די צוויי רייניגקייטען — 145
11) ר' קלמן און „פעט" — 151
12) פרנסה — 156
13) זי האט ניט פערגעסען — 161
14) ווארום משה חיים דער פעדלער קומט אוים גוט מיט קריסטען — 165
15) ווארום ער איז געווארען א איד — 170

ביטערער שפּאַסם

1) שלימלאַווס שריפטען — — — — — — — — — 177

2) אַ מאָדנער חלום — — — — — — — — — — 192

3) מיין ערשטע טרייסט אין ניו יאָרק — — — — — — 196

4) באַלד באַלד — — — — — — — — — — — — — 201

5) „די מען ביהיינד“ — — — — — — — — — — — 207

6) אַ מעשה מיט צוויי שטרויענע העטס — — — — 211

7) עהרענהאַפט בעפרייט — — — — — — — — — — 216

8) די חתונה די זעלבע נור אנדערע חתן און כלה — — 221

9) אויפ'ן לינקען זייט — — — — — — — — — — 227

10) אַ העלד אָהן הייזען — — — — — — — — — — 232

11) אַן אויסגעבעסערטע פּיעסע — — — — — — — 238

12) אַ וואַנד — — — — — — — — — — — — — 243

דער סוועט שאַפּ

טוביה נעביך.

1.

אין גרינשטיין'ס שאפ.

טוביה איז, ניט פאר אייך געדאכט, געווען א גרויסער קבצן. ער איז געווען א קעפמייקער און האט געארבייט ביי גרינשטיינ'ען אין זיין קליין סוועטינג „שאפקע".

דאס איז געווען א טאג אין דעם אנפאנג פון נאוועמבער. ווען איהר וואלט דאן געהאט אריינגעגאנגען אין גרינשטיינ'ס שאפ, וואלט איהר געקענט מיינען אז עס איז דא געווען גענוג ארבייט.

די אפרייטארס האבען, דאכט זיך, גאנץ פיין געטריעבען די דאנקעס, דער קאטער האט, דאכט זיך, ווי עפעס געשניטען, דער ביגלער געביגעלט... א טומעל, א רעש, שמוץ, שטויב... דאכט זיך, גאנץ פיין, ווי עס דארף זיין אין א ביזי שאפ.

ווען איהר וואלט אבער דארט פערבליבען מעהר אדער ווייניגער צייט און טאקע אביסעל בעסער בעטראכטען די זאך, וואלט איהר באלד פערשטאנען, אז דער געשעפט איז דא היבש צרה'וואטעדיג. איהר' וואלט זעהן, אז דא איז עפעס אזוי א קדחת־ארדעריל, א פער־לעגענע מכה, — דאס הייסט „סטאק", אדער עפעס אזוי א מין טהעאטער שפיעל.

דארטען אין א ווינקעל זיינען געזעסען צוויי אפרייטארס און, דאכט זיך, גאר פיין געארבייט. מיט אמאל אין מיטען דער מלאכה — עפעס אזוי ווי זיי וואלטען זיך צוזאמענגערעדט — האבען זייביידע פערריסען די מיילער און האבען זיך אזוי פיין אויפ'ן בעל־הבתי'שען אופן פערצויגען מיט א גענעץ, און טאקע באלד מיט א צווייטען, מיט א דריטען — פון דער פולער האנד. ביידע האבען זיך רוהיג אוועקגעלעגט די ארבייט. איינער האט גענומען לאנגזאם און מיט די גרעסטע בדיקות שניידען זיינע נענעל און דער צווייטער האט

פון דער העלער הויט מיט'ן פינגער גענומען מאָהלען בילדער אין די שטויב פון די פענסטער.

נאָך אין אַן אָרט זיינען געזעסען צוויי אָפּרייטאָרס, מען האָט אפילו כלומרשט געארבייט, אבער עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אז חברה איילט זיך ניט, וואָרים ביידע האָבען זיך אַזוי געשמאַק ארומגעקריעגט.

די קריעג האָט געהאַט אַ פּאָליטישען כאַראַקטער. דאָס זיינען געווען אַ גאַליציאַנער „יהודי" מיט אַ רוסישען ליטוואַק; און די וואוילע יונגען האָבען זיך ארומגעריסען פאַר זייערע קיסרים.

סיימאָן דער גאַליציאַנער האָט גאָר איינפאַך געשמיערט מיט בלאָטע ניקאָלאַי דעם צווייטען.

היימאַן דעם רוסישען האָט עס פעררדראָסען. ער האָט זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר זיין קיסר און טאַקע דערביי האָט ער גוט געריבען די ביינער דעם אָרעמען עסטרייכישען פראַנץ יאָזעף.

— סיימאָן, טאָמער וואָלסטו אַוועקגעשיקט אַ פּאָר הויזען דיין פראַנץ יאָזעף'ן ? — האָט היימאַן גערייצט זיין גאַליציאַנער פריינד — שיק אַוועק, ער געהט דאָך ארום אַ נאַקעטער.

— דאָך איז ער מעהר מענש איידער דיין ניקאָלאַי. דיין קיסר איז דאָך אַן איינפאַכער שוויין.

— און דיינער געהט ארום אָהן הויזען.

— דיינער איז אַ גראָבער חזיר.

— אָהן הויזען.

— חזיר.

— אָהן תחתונים.

— פּליו ! פּליו ! שוויין — שווייניולע !

— אָהן שיך.

— גראָבער יורקע.

— גאַליציע.

— ליטוואַק...

— דער רוסישער קיסר וועט דאָך מיט איין בלאָז צובלאָזען גאַנץ גאַליציע.

— אָבער דיך האָט מען דאָך פון דיין רוסלאַנד אַרויסגעיאָגט, דו דומער ליטוואַק.

היימאַנ'ען האָבען די לעצטע ווערטער פון דעם גאַליציאַנער דער־נומען אין פינפטען ריפּ. עפּעס האָט איהם אַ כאַפּ געגעבען פאַר'ן האַרצען, און ער האָט אויף איין מינוט דערפיהלט, אַז ער קריעגט זיך דאָ טאַקע גאַנץ אומזיסט... נו, אָבער פערשעהמט ווערען געגען אַ ברודער ווילט זיך דאָך ניט, — האָט ער ווילענדיג ניט־ווילענדיג ווייטער געגומען קריגען זיך... קורץ, עס איז געקומען נאָהענט צו קלעפּ. נור צום גליק האָט זיך אונטערגערוקט סעמקע און האָט געמאַכט אַ שלום צווישען די צוויי צוקריעגטע צדדים מיט דעם, וואָס ער האָט ביידען איינגעלאַדען מאַכען אַ קערטעל מיט דעם קאַטער.

דער בלאָקער האָט עפּעס אויך אין מיטען דער מלאכה גאַנץ פיין אויסגעגענעצט זיך; אויסגעפונען עפּעס אַ בלעכענע כלי, וועלכע איז געווען עהנליך צו אַן אַלטער צדקה־פּושקע, און האָט גענומען אַרומגעהן מיט דעם פון מאַשין צו מאַשין, פון אָפּרייטאַר צו אָפּרייטאַר, זוכען שותפים פאַר אַ פיינטעלע ביער. שותפים האָבען זיך אַ סך געפונען, אָבער מיט די מזומנים האָט זיך קיינער ניט אַרויסגערוקט. דער אָרעמער בלאָקער האָט אַזוי אַ האַלבע שעה זיך אַרומגעשלעפּט איבער'ן שאַפּ. זעהענדיג אַז זיין מיה איז אומזיסט, האָט ער מיט כעס דעם קעסעלע אַ שליידער געטהאָן אָן דער פּאָדלאָגע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ ברעג פון אַ טהיר און האָט געכאַפּט אַ לייכטען דרעמעל... אַ פינישער, וועלכער האָט, דאַכט זיך, גאָר געאַרבייט, האָט עס אַלעס פיין צוגעזעהען, און ווען דער בלאָקער איז אַוועק צו זיין מנוחה, איז ער גלייך אויפגעשטאַנען פון זיין אַרבייט, צוגעגאַנגען צו דער כלי, איהר אויפגעהויבען, עפּעס אַזוי ווי פילאָזאָפיש איהר בעטראַכט פון אַלע זייטען און ווידער געגעבען זי אַ גוטען שליידער אָן פּאָדלאָגע און דערביי מיט די פיס געמאַכט איהר די קבורה. אָבער איהם איז עס גלאַט ניט אַריבער. אין דער זעלבער מינוט, ווען דער שלעכטער פינישער האָט זיך אַזוי מערדערליך נוקם געווען אָן דעם קענדעל, האָט ער שוין בעקומען זיין פּסק דורך פּלטיאל דעם קורנאָסע'ס הענד.

פּלטיאל דער קורנאָסער איז געווען אַ פרעהליכער יונג און אין אָבטהאָן אַ שפּיצעל איז ער געווען דער ערשטער אין שאַפּ. שטילערהייט האָט זיך פּלטיאל צוגע'גנב'עט צום פינישער, האָט גענומען זיינע

סוספענדערס, וועלכע זיינען אראבגעהאנגען, און האָט זיי פיין צוגעבונ־דען צו אַ שטוהל. ווען דער פינישער האָט זיך געריהרט פון אָרט, איז ער געפאלען, און דער שטוהל אויף איהם... אין שאָפּ איז געוואָרען אַ פאטשעריי, אַ געלעכטער, אַ מהומה... חברה האָט זיך גאָר איינפאך געהאלטען פאר די בייכער... נו, און פלטיאל? גאָר נישט: פלטיאל איז זיך געזעסען גאַנץ רוהיג ביי זיין מאשין און געגענעצט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען דאָס...

אָבער ניט דאָס אַלעס בין איך אויסען. איך וויל אייך בלויז זאָגען, אז אין גרינשטיינ'ס שאָפּ איז געווען צרות־סלעק, טויט־סלעק.

אי, וואָס, מען איז דאָך געזעסען, מען האָט דאָך עפּעס יאָ געאַרבייט? דאָס איז גאָר ניט, דאָס איז געווען אַ ביזנעס־זאַך.

גרינשטיין, פערשטעהט איהר, האָט געוואָלט, אַז סאַי עס איז דאָ אַרבייט, סאַי נישט, זאָלען די אַרבייטער זיך געפינען אין שאָפּ. ער האָט זעהר ניט געליעבט, אז חברה זאָלען ארומגעהן איבער די גאַסען, און מען זאָל זעהן, אז ביי איהם אין שאָפּ איז גרויסענע צרות. מען האָט געמעגט זיך טהון וואָס מען וויל: שרייען, שטיפען, לאַכען, טאַנצען, וויינען, צורייסען זיך קלאָגענדיג — אָבער געפינען זיך האָט מען אימער געמוזט אין שאָפּ. דערפאר, אַז עס פלעגט זיך מאַכען אַ קליין אָרדערל, פלעגט גרינשטיין די אַרבייט צוטהיילען צווישען זיינע אַרבייטער, און זיי, וויסענדיג, אַז דאָס טהייער אָרדערל איז אַ בן־יחיד אויף אַ גאַנצער וואָך, פלעגען זיי מיט דעם, אַנשטאָט אַ טאָג אָדער וועניגער, זיך האַלטען טאַקע די גאַנצע וואָך.

סלעק איז געווען, טויט סלעק.

אָבער אַזוי ווי ביי גרינשטיינ'ען אין שאָפּ האָבען געאַרבייט עפּעס אַלץ יונגוואַרג, נאָך ניט פערהייראַטהע, וועלכע האָבען הינטער זייערע פּלייצעס ניט געהאַט קיין ווייבעלע מיט עטליכע קינדערלעך, — איז קיין גרויסער אומעט אין שאָפּ ניט געוועזען. דער איינציגער אין שאָפּ, וועמען די סלעק האָט דערשלאָגען, וועמען די סלעק האָט פער־ביטערט די יאָהרען, איז געווען טוביה — טוביה דער גרויסער קבצן.

טוביה איז שוין געווען אַ איד פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, אַ ווייב מיט פינף קינדערלעך האָט ער אויך געהאַט, נור, פערשטעהט איהר שוין, אַז איהם האָט זיך נעבעך ניט געשפּיעלט.

אין א ווינקעל, אבגעזונדערט פון אלעמען, איז געזעסען טוביה. ער איז זיך שטיל געזעסען ביי זיין מאשין און האט לאנגזאם, פער־שלאפענערהייט געפיהרט זיך עפעס מיט א שטיקעל ארבייט.

שטונדענווייז האט איהר געקענט שטעהן נעבען טוביה׳ן, ניט אראבנעהמענדיג אן אויג פון איהם, און דאך וואלט איהר ניט בעמערקט אויף זיין פנים קיין פרייען שטריכעלע, קיין לעבעדיגע פינטעלע, קיין פרעהליכע העויה.

זיין בלאסער פנים איז געווען בעדעקט עפעס מיט א שווערען האפנונגסלאזען אומעט; עס איז געווען קענטיג, אז ער איז נידער־געשלאגען, פערשטיקט, דערווארגען... פון צרות.

ניט קיין וואונדער, גוטע פריינד! דער דלות! אי, דער דלות!... בעהיט זאל מען ווערען. דער דלות קען אלעס מאכען. און א קבצן איז טוביה געווען גאר א גרויסער — פיליכט נאך א גרעסער ווי גאט און גוטע לייט ווילען האבען. קיין ברויט, ניט פאר אייך געדאכט, — טאקע פשוט קיין שטיקעל טרוקענע ברויט האט ביי איהם, זינט די סלעק האט זיך פערצויגען, כמעט ניט געטאגט און ניט גענעכטיגט אין שטוב; און די סלעק האט זיך געצויגען, געצויגען — או—או! ווי לאנג זי האט זיך געצויגען! אהן אן אויפהער, אהן א ברעג...

— וואס הויבט מען פארט אן צו טהאן? — האט טוביה עפעס א מורמעל געטהאן פאר זיך, א בראך געגעבען מיט די הענד און ווייטער געבליבען זיצען שטיל. דאס האט דער דערשלאגענער, פון צרות דער־שטיקטער אפערייטאר פערטראכט זיך וועגען זיין לאגע.

ער האט געטראכט וועגען די „פיידע", וועלכע ער וועט אבנעהמען היינטיגע וואך און וועגען זיין היים מיט זיין פעקעלע צרות. זיין פנים האט זיך פערענדערט. ער האט אויסגעזעהן עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך געמאטערט אויסצוגעפינען עטוואס און בשום אופן ניט געקענט.

עס איז שוין דיענסטאג אריבער, און ווי פיעל האט ער אויפ׳ן ביכעלע? פינף און נייגציג סענט. און וואס הערט זיך אין דער היים? צרות, גאנצע בערג מיט צרות. מען מוז געבען געלד אין גראסערי, מען מוז געבען אין בוטשער־שאפ, מען מוז אין גיכען רענט, 6 דאלאר, בעצאהלען. עס איז שוין ווינטער אויף דרויסען, און די קינדער געהען ארום נאקעטע, בארוועסע, הוילע — איין גאט מעג רחמנות האבען! זיין חיה בריינע געהט אויך ארום א הוילע, א נאקעטע. עס זעהט זיך

פשוט דורך דאס הוילע לייב. אין שטוב איז פינסטער, חשך, קאלט, די ספרינג פון בעט האט זיך צובראכען, און ווען מען לעגט זיך שלאפען, קומט אויס, אז מען מוז ליעגען אויסגעדרעהט ווי א שלשלת. דער מאטראץ איז צוריסען. דחקות, צרות... עס איז איהם ניט ניחא אהיים צו קומען צו זיין ווייב און קינדער... געלד, געלד דארף מען האבען... אוי, ווען, וואס מען דארף האבען! — האט טוביה ווידער א מורמעל געטהאן און זיך ווידער פערטראכט.

א זיסע פאנטאזיע האט איהם דיעזען מאל געגומען איינשלעפערן.

טוביה׳ן האט זיך געדרומעלט, אז געהענדיג פון דער ארבייט, האט ער פלוצלינג דערזעהן פון וויטען עפעס א שווארצינקע זאך, איז ער ניט פויל, לויפט צו און הויבט אויף... א פארטמאנע! און טאקע גאר א פיינער!... ער קערט זיך אב אן א זייט, עפענט אויף און... און... בילעטקעס... זילבער... ער צעהלט: פינף און צוואנציג דאלאר!... דרייסיג! — האט טוביה באלד חרטה געקראגען. ניין, פערציג... פופציג... נאך צעהן... און טאקע פאר וואס ניט די גאנצע הונדערט?... ניין, צופיעל! א צו גרויסער גליק... און דער אפרייטאר האט זיך אבגעשטעלט אויף פינף־און־פופציג דאלאר...

טוביה האט זיך גענומען פארשטעלען, ווי ער וועט זיך בעגעהן, וואס פאר א מין מינע ער וועט מאכען אויף זיין פנים, ווען ער וועט קומען אהיים און וועט אנזאגען זיין חיה־בריינען די שמחה. ווי ער וועט אריינקומען אין הויז, וועט געבען א געשריי:

— חיה בריינע, מאך א גוטען סאפער היינט!

חיה בריינע וועט אויף איהם אויסשטעלען א פאר פערוואונדערטע אויגען. ער וועט זיך צולאכען און זאגען צו איהר: „קום!“ ער וועט איהר אוועקשלעפען אין בעדרום, און וועט איהר ווייזען די מזומנים...

— וואס זייט איהר אזוי פערטראכט, מיסטער טוביה? וואס קלערט איהר?

— הא? — האט זיך טוביה א כאפ געטהאן.

.2

די גוטע בשורה אין שאפ.

נעבען טוביה׳ן איז געשטאנען דער באס, מיסטער גרינשטיין אליין, און האט עפעס געשמייכעלט.

עטליכע אפּרייטארס זיינען אויך ארום איהם געשטאנען מיט אפענע מיילער און האבען עפעס אויך געלאכט. טוביה האט געמיינט, אז חברה מאכט פון איהם שפאס, און ער האט אזוי ווי ברוגז׳דיג געענטפערט:

— מען טראכט... וואס זאל מען טראכטען?

— ר׳ טוביה, — האט דער באס געזאגט — ווייסט איהר אפשר ניט פון א פאר גוטע אפּרייטארס?

— נו, איז וואס? — האט טוביה געפרעגט, ניט פערשטעהענדיג וואס דא טהוט זיך.

— שיקט זיי אהערצו, איך וועל אייך דערפאר בעפריעדיגען.

— צו וואס?

— איך האב געקראגען אן ארדער אויף פינף־טויזענד דאזען.

— פינף־טויזענד דאזען?

— יעס, פינף־טויזענד דאזען, טוביה!

— איז שוין אוים סלעק? — האט טוביה געפרעגט, ניט גלויבענדיג וואס ער הערט.

— מארגען וועט מען שוין ארבייטען ביז עלף א זייגער אין דער נאכט. אוים שפּיעלען זיך! עס הויבט זיך אן א פייערדיגע ביזי.

ביי טוביה׳ן האט גענומען ציטערן דאס הארץ פאר שמחה.

— אפּרייטארס קען מען גענוג קריגען, — האט ער געענטפערט — א סך איז דא, וואס געהען ארום אהן ארבייט, איך קען אייך שיקען.

— פערדרעהט זיך אייער קאפ, טוביה דער משוגענער! — האבען אויף איהם עטליכע אפּרייטארס געגעבען א געשריי אין איין קול — מיר וועלען אליין די ארבייט מאכען! עס זיינען דא גענוג אונזערע הענד. וועט מען צוארבייטען אביסעל! מען דארף ניט אננעהמען קיין נייע הענד.

— איך ווייס זעהר! — האט טוביה געענטפערט, כאפענדיג זיך, אז ער האט דא געטהאן א גרויסע נארישקייט.

— איהר זייט אַ פערד, ניט נעהמט פאַר אומ־גוט. — האָבען טוביה'ן עטליכע אַפּרייטאָרס געגעבען אַ קאָמפּלימענט, און טוביה האָט בלויז אַ קנייטש געטהאָן מיט די ברעמען.

— וויפיעל האָט איהר אויפ'ן ביכעל? — האָט דער באָס ווייטער גערעדט צו טוביה'ן.

— ביי אַ דאָלאַר.

— נו, איהר וועט נאָך היינטיגען שבת אוועקשלעפען אַהיים פופצעהן דאָלאַר. נור געאַרבייט, געריבען זאָל זיין, ניט געשלאָפען! — האָט דער באָס געזאָגט און געקלאַפּט טוביה'ן איבער די פּלייצעס.

און טוביה? — טויבה איז אַריבער ווי אין אַ צויבער־וועלט, זיין האַרץ איז איהם פערגאַנגען פון גליק, פון פרייד. זיין פּנים איז געוואָרען גאַר ליכטיגער. פון איהם האָט זיך דער אומעט אָבגעטהאָן.

טוביה האָט יעצט געקוקט אויפ'ן באָס עפּעס ווי אויף אַ גוטען מלאך. דער שאָפּ האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַ גן־עדן און די אָפּרייטאָרס, וועלכע ער האָט ניט זעהר ליעב געהאַט, וואָלט ער יעצט געוואָלט אַרומנעהמען און יעדען איינציגען צוקושען די גליעדער.

„פינף־טויזענד דאָזען, פינף־טויזענד דאָזען!" — אַט די עטליכע ווערטער האָבען געקלונגען ביי טוביה'ן אין די אויערען. זיי האָבען איהם נעבעך געטומעלט זיין שוואַכע קאָפּ, זיי האָבען איהם שכור געמאַכט. „פופצעהן דאָלאַר... אַכטצעהן... צוואַנציג... דריי, פינף־און־צוואַנציג... און עס וועט ווערען אַ נייער ספּרינג, אַ נייער מאַטראַץ, שיכעלעך אברהם'עלען, הייזקעלעך בערעלען, אַ העמדעלע באַסקעלען, אַ קאָפּטעלע נחמה'לען, אַ קלייד מיט אַ בגד דער ווייב, זיך אַ פּאָר הויזען, אַ נייע העט, אַ קישעלע, אויף וואָס צו זיצען ביי דער אַרבייט... און... און... און... אוי, וואָס מען דאַרף האָבען!..." סאָפּערס וועט ער נעהמען עסען טאַקע די פיינע, מיט דעם גוטען שטיקעל פלייש, מיט אַ פיינעם טעלער אַרבעס, אָדער עפּעס אַזוי אַ פּעטע גוטע קאַשע; און אַן עפּעל־צימעסעל אָדער אַ קאָמפּאָטעל פון געטריקענטע באַרען; אַ שטיקעל הערינג די ערשטע געריכט און... טאַקע אַ זופּ בראַנפען ביין עסען...

די אויגען זיינען ביי טוביה'ן אַזש פערלאָפען מיט טרעהרען און דאָס מויל האָט זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט.

אין שאפ האט געקערט א וועלט. חברה האט זיך גענומען גרייטען צו דער פייערדיגער ביזי. די אפרייטארס האבען צוגליעדערט זייערע מאשינען, האבען געגאסען אויף זיי אויל און גערייניגט אהן רחמנות.

פלטיאל איז ארומגעגאנגען ארום שאפ און האט עפעס געזוכט א רעכטען שותף צו דער האנד, און חיים דער טויבער האט אנגענומען דעם עסק. דיעזער חיים איז אין ביזי געווען א פייערדיגע בריה. הערען האט ער די וועלט ניט געהערט, — געזעסען און געריבען ווי א מחבל.

— נאר איינער, — האט פלטיאל איינגעשמועסט זיין צוקינפטיגען שותף — די ארבייט געהט צעהן מאל גיכער: אזוי דארפען ביידע ארונטערגעהן נאך ארבייט, און ווען מען ארבייט צוזאמען, געהט בלויז איינער ארונטער, און דער אנדערער זיצט און רייבט דערווייל.

— דער הויפט דארף מען זעהן, — האט חיים דער טויבער געזאגט — אז עס זאל זיין ארבייט אויף ארבייט; איין באנדעל זאל נאך ניט זיין געפינישט, זאל שוין דער צווייטער ליעגען אנגעגרייט.

— ניין—ניין! — האט פלטיאל געענטפערט — מיינסט איך ווייס דאס ניט? טהו נור א קוק, וואו איך האב געמאכט אן ארט פאר אונזערע מאשינען! זעהסט, דארטען אין ווינקעל, פערשטעהסטו מיך, קען מען בעהאלטען ארבייט אויף א גאנצער וואך.

— מען דארף מיט'ן קאטער דורכשמועסען.

— איך האב שוין גערעדט מיט איהם.

— נו, וואס?

— עס וועט שוין זיין אלראיט, מיר וועלען קריגען די בעסטע ארבייט.

אברהם דער שלים־מזל האט זיך אויך ארומגעבלאנקעט איבער'ן שאפ אין האט געזוכט א שותף; אבער אזוי ווי ער איז געווען א לאנג־זאמער ארבייטער, האבען זיך קיין בעלנים ניט געפונען.

ענדליך איז אברהם צוגעגאנגען צו טוביה'ן.

— מיסטער טוביה, וועט איהר ארבייטען שותפות מיט מיר?

— הא, שותפות?... יעס, פאר וואס ניט.

— אבער איהר זאלט נור ניט לאזען קריכען יעדען איינציגען אויפ'ן קאפ, פערשטעהט איהר מיך. מען דארף זיין א קריכער, ווען

ניט קען מען קריגען גוטע מכות און ליגען אין דער אדמה. איהר ווייסט דאָך, טוביה, וואָס הייסט ליגען אין דער אדמה.

— אוי־אוי־אוי, ווי איך ווייס! זאָל איך אזוי ניט וויסען.

— פערשטעהט איהר מיך, א ביזי פאַנגט זיך אָן א פייערדיגע, און מען מוז מאַכען די מזומנים, ווען ניט מוז מען אין די סלעק לעגען די צייהנער אויפ'ן בוידעם. די סלעק ציהט זיך און ציהט זיך און וויפיעל מען זאָל ניט אָנגרייטען נעהמט זיך אויס.

— איך ווייס דאָס זעהר גוט, אברהם'קע.

— זעהט איהר, אַבי איהר פערשטעהט! הערט־זשע, ווען מען געהט אראָב נעהמען א באַנדעל ארבייט, דארף מען זעהן קריגען וואָס בעסערע ארבייט און וואָס א גרעסערען באַנדעל.

— איך פערשטעה דאָס אויך. אָבער ווי קריעגט מען דאָס, אברהם'קע ברודער?

— דאָס האָב איך שוין בעזאָרגט, איך האָב שוין דורכגעשמועסט מיט'ן קאַטער.

— אזוי?

— ניין—ניין!

— נו, וואָס?

— גאָר נישט, ער האָט צוגעזאָגט צו געבען די בעסטע ארבייט; עס וועט בלויז קאָסטען א פאָר פיינט ביער.

— אם ירצה השם מען וועט פערדיענען.

— וואָס אָארט איך, ר' טוביה, מיר וועלען נאָך היינטיגע וואָך אָוועקשלעפּען צו אַכטצעהן „רעדער".

טוביה האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט ער אברהם'ען ארומגענומען און א קוש געגעבען.

— ווילט איהר א גלעזעל ביער, מיסטער טוביה?

— ביער? איך ווייס, זאָל זיין ביער!

— וועט איהר געבען א חלק, וועלען מיר נעהמען א פיינטעלע ביער.

— וויפיעל דארף עס קאָסטען?

— איך ווייס? מיר וועלען געפינען נאָך צוויי פאַרטנער, וועט עס קאָסטען צו צוויי סענט.

טוביה האָט זיך פערטראַכט אויף א מינוט: „צוויי סענט... צוויי

סענט...״ פאר צוויי סענט קען ער עפּעס קויפען די קינדערלעך. פאר צוויי סענט וועט זיין א האלבע קוואָרט מילך באסקעלען — אזוי נעבעך טרינקט זי געזאָדענע וואסער, וואָרים די מאמע האָט ניט מיט וואָס צו זויגען... פאר צוויי סענט... אָבער טוביה האָט זיך באלד דערמאָהנט, אז די צוויי סענט האָט ער סיי ווי סיי ניט און ער דארף דאָס גאָר ביי אימיצען באָרגען, האָט ער געענטפערט: „יעס״.

— גיט אהער צוויי סענט.

— איך האָב ניט... זאָל אזוי ניט זיין קיין צרות... באָרג מיר אויס ביז שבת...

אברהם האָט עפּעס א קראַץ געגעבען דעם קאָפּ און איז אוועק זוכען נאָך צוויי שותפים.

שותפים האָבען זיך יעצט געפונען און טאַקע באלד איז ביי טוביה׳ן אויפ׳ן מאַשין געשטאַנען א פיינט ביער. מען האָט גענומען זוכען א גלאָז, אָבער עס איז ניט געווען צו געפינען. נו, האָט מען בעשלאָסען, אז יעדערער זאָל געבען צו דריי זופּ.

אזוי ווי טוביה איז געווען דער עלטערער, האָט מען איהם דעם ערשטען געגעבען זופּען. דערביי האָט די חברה געהאַט א צווייענדיגען נוצען. אי מען האָט אָבגעגעבען כבוד אַן עלטערען, אי מען האָט טוביה׳ן אריינגעשפּאַרט די שוים.

טוביה האָט איין מאָל א גוטען זופּ געטהאָן — גאָר נישט, בלויז די וואָנצען האָט ער אין גאַנצען אין שוים פערשמירט, און פון ביער האָט ער אפילו דעם ריח ניט געהערט. די זאַך האָט איהם ניט זעהר געשמעקט. ער האָט עפּעס א מורמעל געטהאָן און האָט א צווייטען מאָל א ציה געטהאָן — א נעכטיגער טאָג! פון ביער קיין שמיער ניט; ער האָט עפּעס ווייטער א מורמעל געטהאָן, א קעהר, א קרעכץ, און האָט א דריטען מאָל געגעבען א פיינעם ציה, עטוואָס בלויז א ריהר מיט די ליפּען צו די ביער... טוביה האָט מיט הארצווייטאָג אָבער שווייגענדיג אוועקגעגעבען די פיינטעל אברהם׳ען.

אברהם האָט געגעבען זיינע דריי זופּ.

ווען די פיינטעל איז אריבער צו שמואל דעם גרויסען אין די הענד, האָבען די חברה געמיינט, אז צו די ביסעל ביער איז א סוף געקומען.

— זעה, זעה, ווי אַן אָקס, אַקוראַט... אַלץ הייסט אַ זופּ! — האָט אַברהם זיך ניט איינגעהאַלטען.

— ווען די ביער איז אַ צווייטען מאָל אָנגעקומען צו טוביה'ן, איז שוין געווען אָהן שווינדעל, און טוביה האָט פּיינע דריי זופּ געגעבען. עס איז איהם נאָך אָנגעקומען אַ דריטען מאָל צו געבען זיינע דריי זופּ. איהם האָט אַביסעל גענומען טומלען אין מוח און ער איז פרעהליך געוואָרען. ער האָט גענומען עפּעס אונטערזינגען אונטער'ן נאָז...

חברה האָט גענומען פון איהם שפּאַס מאַכען, וואָס זיי האָבען אימער געליעבט. טוביה האָט, ווי אימער געשוויגען.

טוביה איז שטענדיג געווען אַ קבצן, וואָרים אַן ארבייטער איז ער געווען אַ לאַנגזאַמער און קיין גוטער אויך ניט. איז ער אימער געווען דערשלאָגען פון צרות און צו דעם איז ער טאַקע בטבע געווען אַ שווייגעדיגער; שטענדיג געשוויגען. אין דער היים האָט דער דלות טוביה'ן געשטיקט, אַז מען האָט געקענט משוגע ווערען — טוביה האָט געשוויגען; אַוועק פון דער היים אַ הונגעריגער — געשוויגען; אין דער פינסטערער סוועטינג שאַפּקע האָט דער באָס געצאַפּט טראָפּענווייז טוביה'ס בלוט — געשוויגען. די אָפּרייטאָרס שפּאַסען — טוביה שווייגט; אויף אַלעם געשוויגען און געשוויגען און געשוויגען.

פּלטיאל איז צוגעגאַנגען צו דער חברה, וועלכע האָבען זיך יעצט געוויצעלט אויף טוביה'ס חשבון.

— מיסטער טוביה, — האָט ער געזאָגט — איהר זייט דאָך עפּעס אַן עלטערער, ווייסט איהר ניט וואָס מען לעגט צו צו אַ געשוויר? — פּלטיאל האָט דערביי געמאַכט אַזאַ ערנסט פּנים, אַז עס איז ניט געווען צו פערשטעהן, דאָס ער מיינט דאָ אַ שפּיצעל.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז. — האָט טוביה געענטפערט.

— מען זאָגט, אַז עס איז גוט צוצולעגען נויט־פּוטער.

— עס קען זיין, עס איז ניט שלעכט — האָט טוביה געזאָגט.

— ווי מאַכט מען עס די נויט־פּוטער. איהר ווייסט ר' טוביה?

— ווער ווייסט עס ניט? — מען נעהמט אַ באָטעל מילך און מען מישט אַזוי פיעל, ביז וואַנען עס ווערט פּוטער.

— ניט אַזוי, ר' טוביה. — האָט איינער פון דער חברה געזאָגט.

— ווי דען? — האָט טוביה געפרעגט.

— מען נעהמט אין מויל מילך און מען שלאָגט קאָפּ אָן דער וואנד, ביז וואנען עס ווערט פּוטער...

חברה האָט גענומען לאַכען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— ר׳ טוביה, — האָט געזאָגט שמואל דער גרויסער — פּאַר וואָס האָט מען אייער טאַטען פּערשאָטען מיט ערד, ווען ער איז געשטאָרבען ?

— א וואָרט ניט ! איך וויל ניט ! — האָט טוביה אויסגעשריען — מיין טאַטע איז געווען אַן עהרליכער און גוטער בעל מלאכה. עס איז ניטאָ פון איהם וואָס צו מאַכען שפּאַס... טוביה האָט עפּעס געגעבען מיט דער בלעכענער כלי א גוטען קלאַפּ אָן דעם סטענד פון זיין מאַשין... זיינע אויגען האָבען א גלאַנץ געגעבען.

די אַפּרייטאָרס האָבען עס בעמערקט. שמואל דער גרויסער איז עפּעס אָבגעטראָטען און די איבריגע חברה האָבען א קוק געגעבען אויף טוביה׳ן עפּעס וויא מיט מעהר דרך ארץ, עפּעס ווי מיט א מין רעספּעקט.

— איהר רעדט... איהר מאַכט שפּאַס פון מיר — האָט טוביה ווייטער גענומען רעדען — איך שוויינ. גאָר נישט. עס איז ביטער, עס איז פינסטער אויפ׳ן הארצען — נו, שווייגט מען... אָבער דאָ — איהר זעהט, דאָ — האָט טוביה געצייגט אויפ׳ן ברוסט, אָט דאָ טהוט וועה ; אָט דאָ קלעמט, קלעמט שטענדיג...

— א נייעס וואָס מען שפּאַסט ! —האָט זיך אָבגערופען אברהם— א נייעס, ר׳ טוביה ?

— יא, מען שפּאַסט, שפּאַסט מען. — האָט טוביה געענטפערט — אבער עס איז דאָ א מאָס...

עס האָט זיך געלאָזט הערען א פייף פון זעקס דעם זייגער און טוביה איז געגאַנגען אהיים.

3.

די בשורה אין דער היים.

ווען טוביה איז געקומען אהיים, איז ער אריין שמייכלענדיג. דער לעמפּעל האָט געברענט מיט א קליין פייערל, און אין צימער איז געווען פינסטערלעך.

חיה ברײנע איז געזעסען אויף א שטוהל און געהאַלטען באַסעלען

אין שוים. באַסעלע האָט געהאַלטען אין מויל אַ ראָזיג מיט זיסע וואַסער און האָט געדרעמעלט, און די מאַמע אַליין האָט אויך אונטער־געדרעמעלט. איהר פּנים איז ווי אימער געווען פערצאָגט, פערקלאָגט.

נחמה מיט בערען, באָרועסע, נאַקעטע, דאַרינקע, בלאַסע זיינען געזעסען אויף דער פּאָדלאָגע נעבען אויווען און האָבען זיך עפּעס אָרומ־געשלאָגען פאַר אַ שטיקעל ביינדעל; און אברהמ׳קע איז געזעסען נעבען דער מאַמען און עפּעס, ווי מיט אַ ניגון פון איכה, האָט ער ניט אויפ־געהערט צו רעדען.

— מאַמע, איך בלייב! עסען!...

— דער טאַטע וועט קומען, וועט ער אייך אַלעמען מאַכען די קבורה, משומדים. — האָט חיה ברייינע אַרויסגערעדט פון שלאָף און איז ווייטער אַנדרעמעלט געוואָרען.

טוביה איז אַריין אין שטוב.

ווען די קינדער האָבען דערזעהן דעם טאַטען, איז מען געבליבען זיצען שטיל ווי דער טויט, און אברהם האָט זיך שטילערהייט אָבגעטראָ־גען אין בעדרום.

— וואָס שרייט איהר, מיינע קינדערלעך, מיינע טהייערע בעבעלעך? — האָט טוביה אויסגערעדט מיט אַ ווייכען, גוטען קול.

די קינדער האָבען אַ בליק געגעבען אויף זייער פאַטער, און זייערע הערצער זיינען זיי אָבגעגאַנגען פון אימה; אָבער דאָך זיינען זיי געבליבען זיצען רוהיג און שטיל; עפּעס עס האָט זיך זיי גאָר ניט געגלויבט.

געוואוסט האָבען זיי זעהר גוט, אַז דער טאַטע קומט אַהיים, מוז ער אויף זיי גוט אָנשרייען, און טאַקע אָפּט מכבד זיין מיט די הענד; דעם טאַטענ׳ס טרויעריגער פּנים, זיין בייזער בליק איז זיי געווען זעהר גוט בעקאַנט, יעדען אַבענד, שוין פון אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, יעדען אַבענד פּלעגען זיי בעגעגענען דיעזען בליק און זייערע קינדערשע הערצער פּלעגען פערשטאַרבען ווערען פון שרעק. אָפּט, אפילו זעהר אָפּט, פּלעגט זיי דער זעלבער בייזער, צורייצטער טאַטע טאַקע באַלד נאָך די קלעפּ און נאָך די געשרייען נעהמען גלעטען, קושען, האַלזען און האַלובען. אָבער דאָך האָבען די קינדער מורא געהאַט פאַר טוביה׳ן. טוביה האָט עס געוואוסט. אָפּט פּלעגט איהם דאָס זעהר פערדריסען — אָבער קיין מאָל האָט איהם דאָס אַזוי פיעל ניט דערנומען ווי יעצט. ער

האט עס עפעס ווי מיט אמאל א פיהל געטהאן און זיין הארץ האט איהם גענומען קלעמען.

ער איז צוגעגאנגען צו נחמה'ען און האט איהר גענומען גלעטען די האר.

— נא, מיין טהייער קינד, — האט ער געזאגט צו איהר, געבענ־דיג איהר א באר, וועלכע ער האט גראד געפונען אין וועג.

נחמה האט גענומען די באר, און האט שוין מעהר ניט געקוקט אויפ'ן פאטער מיט שרעק.

— נעהם, מיין קינד, צוטהייל זיך מיט בערעלען און מיט אברהם'ען; נור ניט צושלאגט זיך, מארגען וועל איך אייך ברענגען א סך בארען.

טוביה איז צוגעאנגען צו זיין ווייב; אין דער צייט האט זיך באסעלע אויפגעכאפט; ווען זי האט דערזעהען איהר טאטען, האט זי בעהאלטען איהר קעפעלע. דאס עופ'עלע האט ניט זעהר סימפאטי־זירט מיט איהר טאטען. — באסעניו, נפש מיינער, — האט טוביה זי גערופען — קינד מיינע, וואס בעהאלסטו זיך פון מיר?

איך וויים ניט אויב באסעלע האט פערשטאנען, אז דעם טאטענס קול איז עפעס וויך און גוט, נור זי האט אויף איהר א בליק געגעבען.

א קינד, עס מעג זיין זעהר יונג, פערשטעהט זעהר גוט א בליק פון א מענשען. טהוט א בליק אויף א קינד בייז, צארנדיג, וועט עס פער־קרימען די ליפעלעך און וועט נעהמען וויינען. טהוט אבער אויף איהם א בליק איידעל און גוט, וועט עס אייך ענטפערן מיט דעם זעלבען גוטען בליק.

באסעלע האט, הפנים, אויך גוט בעגריפען דעם טאטענס גוטען קוק, וועלכער איז יעצט געווען עפעס זעהר גוט, צוציהענד, ווארעם... אין זיינע דונקעלע אבער יעצט שיינענדע אויגען האט זיך אבגעשפיע־געלט ליעבע און רחמנות, ליידען און גליק, אונגליק און פרייד...

דאס קינד האט אויסגעצויגען די הענטעלעך צו איהר ארימען פאטער.

טוביה האט זי גענומען צו זיך און האט בעדעקט איהר בלאסען פנים מיט קוסען.

חיה ברײנע האט זיך אויפגעכאפט.

— נו, וואס, חיה בריינע, — האט טוביה צו איהר געזאגט שמייג־

לענדיג — וואָס שלאָפסטו ? שטעה אויף, געה מאַך אַ רעכטען סאַפּער פאַר דיין מאַן.

— וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה ? — האָט פערוואונדערט געפרעגט חיה ברײַנע.

טוביה האָט געקוקט אויף זיין פערוואונדערטער ווייב און האָט געשמייכעלט.

ביי חיה ברײַנע׳ן איז אויף אַ מינוט איינגעפאַלען אין הארצען. זי האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז איהר אַלטינקער האָט געמוזט פון צרות דעם פערשטאַנד פערליערען.

— וואָס קוקסטו מיך אָן ווי אַ משוגענעם ? נארישע ווייבעלע דו איינע ! וואָס אַרט דיך, געה מאַך אַ גוטען סאַפּער !

— לאַכען און מאַכען מיט די זייטען מעגסטו, מיין מאַן. וואָס זאָגסטו אויף טוביה׳ן ! טוביה... דער דלות פּייפּט און טאַנצט און איהם שפּאַסט זיך נאָך...

— שרעק זיך ניט, מיין ווייבעלע, דער דלות וועט שוין מעהר ניט שפּיעלען.

— וואָס איז מיט דיר, טוביה ?

— וואָס זאָל זיין ? אַ פייערדיגע, אַ ברענענדיגע ביזי איז געוואָרען אין אונזער שאַפּ !

— אַ ביזי ? איז דאָס אמת ? אָדער מיינע שונאים זאָלען אַזוי געזונד זיין ?

— נאַר, וואָס גלויבסטו דאָ ניט ? פינף טויזענד דאָזען אָן אָרדער איז אָנגעקומען אויף איין קלאָפּ.

— טוביה, האָסטו געזעהן די ארבייט ? דיר קען מען דאָך עפּעס איינשמועסען אויך.

טוביה איז געבליבען שווייגען אויף אַ מינוט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. איהם האָט זיך געוואָלט זאָגען דעם אמת, אַז די ארבייט איז נאָך דערווייל ניטאָ, אַז דער באָס האָט עס בלויז צוגעזאָגט. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז חיה ברײַנע וועט ניט גלויבען, און איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט וואַכעדיג מאַכען די גוטע גליקליכע מינוט, וועלכע ער האָט יעצט אָנגעפאַנגען איבערצו־לעבען. צו שטאַרק האָט איהם שוין פערזומערט דאָס לעבען, דער

שטענדיגער אומעט, און איהם האָט זיך שוין לאַנג געגלוסט אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם.

— נו, געוויס. — האָט טוביה געזאָגט אַ ליגען.

— אַ סך סחורה עפּעס?

— אַ פראַגע נאָך!

חיה ברײנע׳ס פּנים איז אויך געוואָרען פרייער און ליכטיגער.

— איך וויים אָבער ניט... — האָט טוביה גענומען עפּעס ווי שטאַמלען.

— וואָס ווייסטו ניט?

— ווי זאָל איך ארבייטען? הערסטו דאָך, דעם באָס וואָלט ניט געאַרט געבען מיר אַכטצעהן דאָלאַר אַ וואָך, ווען איך זאָל ארבייטען פון וואָך; איך וויל אָבער ניט, וואָרים ווען איך וועל ארבייטען פון שטיק, קען איך מאַכען מיינע פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך... — די לעצטע ווערטער האָבען פעריאָגט פון חיה ברײנעס האַרץ יעדען סימן פון צווייפעל. טוביה האָט מיט די ווערטער געטראָפען.

— פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר! — האָט חיה ברײנע אויסגעשריען

— איך האָב מורא, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. דו האָסט אַזוי פיעל ניט פערדיענט אין דער גרעסטער ביזי, געדענקסט ניט, טוביה?

נאָר, די אַרבייט איז זעהר אַ לייכטע און האָרעווען וועט מען אויך צוויי טעג פאַר איינעם. היינט וואָס איז דאָ דער וואונדער אַזוי גרויס?

— פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר? — געה שוין געה, טוביה! מיך וואָלט ניט אַרען כאָטש אַכטצעהן.

— טאַקע פינף־און־צוואַנציג; וואָס איז, מען דאַרף ניט האָבען, חיה ברײנע?

— יעס, מען דאַרף ניט האָבען! מען איז דאָך אויף אַזוי פיעל פעראָרעמט געוואָרען, אַז איך האָב שוין פערלוירען דעם גלויבען, אַז מיר וועלען זיך ווען־עס־איז אַרויסכאַפּען פון דעם ביטערען דלות. עס איז דאָך שוין ווינטער אויף דער וועלט, און. ווען מען זאָל קוילענען, וועט מען דאָך אין הויז אַ וואַרעמע טיכעל ניט געפינען. מען איז דאָך אָבגעריסען, אָבגעשליסען, אַ גאַנצע פּאַדעשווע אין שטוב ניטאָ, היינט וויפיעל איז מען שולדיג! אין גראָסערי איז מען שולדיג... זאָל איך שוין אַזוי וויסען פון בייז ווי איך וויים וויפיעל! ווען איך טהו אַ

קוק אין ביכעלע, ווער איך אַ פערשטאַרבענע! עס איז פינסטער פון חשבונות. איך האָב שוין גאָר געלאָזען די גאַנצע זאַך אין הפקר, זאָל ער זיך פערשרייבען וואָס ער וויל.

— דאַכט זיך די גאַנצע צייט וואָס איך פערדיען ניט, האָט מען דאָך געגעסען מכות; פון וואַנען האָט מען דאָס אַזוי פיעל געלד אָנגעבאָרגט? — האָט טוביה געפרעגט.

— איך ווייס פון וואַנען? זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז! — האָט חיה ברײַנע געענטפערט — איך ווייס מעהר ניט, אַז סיי מען עסט, סיי מען עסט ניט, ווערט אין ביכעל אַלץ געדיכטער און געדיכטער. נור וואָס רעדן זאָל זיין? אַז מען לעבט אויף באָרג, קען קיין מזל ניט זיין.

— אָבער גענוג צו רעדען, — האָט טוביה געזאָגט — איך וועל איהם שוין אַלץ אויסצאָהלען. און דערווײַלע שטאַרב איך עסען. מאַך עפּעס סאַפּער, און טאַקע עפּעס אַ רעכטען סאַפּער. פאַרט מאָרגען געה איך אַוועק אַזוי שווער אַרבייטען.

חיה ברײַנע איז אַוועק אין גראָסערי. טוביה האָט זי אָבגעשטעלט ביים טהיר.

— וואוהין איז דאָס, חיה ברײַנע?

— אין גראָסערי.

— האָב איך דיר טאַקע געוואָלט זאָגען, אַז דו זאָלסט זיין אַ מענש.

— וואָס איז, וואָס?

— גאָר נישט; זאָלסט קיין לאַנגען צונג ניט האָבען.

— וואָס איז דאָרטען?

— פערשטעהסטו מיך, ביז וואַנען מיר וועלען זיך ניט אַרומזעהען אַליין, דאַרף קיינער ניט וויסען, אַז איך בין אַזוי ביזי.

— וואָס אַרט דיך, — האָט חיה ברײַנע געענטפערט — איך בין נאָך ניט אַזאַ נאַר, ווי דו מאַכסט אָב.

און זי איז אַוועק אין גראָסערי.

טוביה האָט גרעסער געמאַכט דעם פייער אין לאָמפּ, אויסגעמישט אין אויוועז, דערשאָטען קוילען און האָט אַביסעל אויפגעראַמט אין צימער — איהם האָט זיך עפּעס געוואָלט, אַז אַלעס זאָל אויסזעהען ווי יום־טוב׳דיג.

— ווילט איהר עסען, מיינע קינדערלעך?

— איך שטאַרב עסען, טאַטע — האָט אברמ'על‌ע געענטפערט.

— איך אויך.

— איך וויל אויך.

באַסעלע האָט עפּעס אויך גענומען ניקען פון וויגעלע. טוביה איז צו איהר צוגעלאָפען און האָט זי גענומען וויגען; די איבעריגע קינדער האָבען זיך אַרום איהם אַרומגעשטעלט.

— באַלד, מיינע פויגעלעך, וועט די מאַמע קומען, וועלען מיר עסען סאַפּער.

חיה ברײַנע איז טאַקע באַלד אַרײַנגעקומען און גענומען מאַכען סאַפּער.

אין גיכען איז געוואָרען דער סאַפּער פאַרטיג און חיה ברײַנע האָט גענומען געבען צום טיש.

— וואָס איז דאָ אויף סאַפּער? — האָט זיך טוביה ניט אײַנגע־האַלטען.

— וואָס זאָל זיין? אַ הערינגעל — די ערשטע געריכט — אַ זופּ פון ביינער און אַ שטיקעל בראָטענס, אַ סאַפּער כדי המלך.

— כיד המלך דאַרף מען זאָגען — האָט טוביה פעררירכט די ווייב'ס גרייז....

דאָס געזינדעל האָט זיך אַרומגעזעצט ביים טיש.

אין דעם זעלבען צימער, וואו מיט אייניגע שטונדען פריהער האָט געהערשט עלענד, אומעט, חשך און קעלט, איז יעצט געוואָרען עפּעס לעבעדיג, פרעהליך, וואַרעם און ליכטיג.

דער עולם האָט געגעסען ווי נאָך אַ קרענק. און טוביה, דער זעלבער טוביה, וועלכער איז פריהער געזעסען אין גרינשטיין'ס שאַפּקע אַ האַלב טוידטער, אַ פערפינסטערטער, אַ פערביטערטער און געוואָרגען זיך מיט צרות — דער זעלבער טוביה איז יעצט געווען גאָר אַן אַנדער מין מענש; ער איז געווען לעבעדיג און אין זיינע האַלב פערלאָשענע אויגען האָט געשטראַהלט האָפנונג; אויף זיין פערמוטשעטען פּנים האָט עפּעס גערוהט ווי אַ יום טוב.

טוביה איז געזעסען און געקוקט... געקוקט אויף זיין חיה ברײַנען, געקוקט אויף זיינע קינדערלעך, געקוקט אויף דעם פייער אין לאָמפּ,

אויף דעם פייער אין אויוועןּ, אויף אַלעס, אויף יעדען ברעקעלע אין הויז; ער האָט געקוקט און איהם האָט א הנאה געקוויקט.

טוביה איז געזעסען און געשוויגען; ער האָט מורא געהאַט א וואָרט אויסצורייד̇ען, אום עס זאָל חלילה ניט אריינכאַפּען זיך אַזאַ מין געשפּרעך, וועלכער זאָל מיט עטוואָס וואָכעדיג מאַכען זיין געמאַכטען יום־טוב. ער האָט זאָגאר געשראָקען זיך א ריהר צו טהאָן מיט'ן זינען — מורא האָבענדיג, פיליי̇כט מאַכט זיך אריין אַזאַ מחשבה, וועלכע זאָל חס ושלום ניט אריינוואַרפען א צווייפעל אין זיין אייגענעם הארצען...

לאַכט נור ניט, רבותי, פון מיין טוביה'ן. אַזעלכע מאָמענטען פּאַסירען מיט קליגערע מענשען. אַפּט, ווען אייער געדאַנק, אייער לאָגיק זאָגט אייך פּאָר בלויז ליידען און צרות, פערטומעלט איהר איהם, פערטויבט איהם, כאָטש איהר פערשטעהט, אַז איהר נאַרט זיך זעלבסט.

ווען איהר זייט שכור פון יסורים, פון וועהטאָג, ווען איהר זייט צובראָכען, מיעד פון ליידען, איז אייך אָפט געגוג דער קלענסטער סימנ'דעל פון האָפנונג, אום איהר זאָלט זעלבסט זיך בעשאַפען א פיינעם גליקליכען מיראַזש, וויסענדיג אין דער זעלבער צייט, אַז ווען איהר וועט עטוואָס זיך בעטראַכטען, צופליהט אייער מיראַזש אויף גאָרנישט. אינטעליגענטע, ענטוויקעלטע מענשען, וועלכע זיינען ווייט פון רעליגיעזען גלויבען און מנהגים, מאַכען מאַנכעס מאָל א יום־טוב, א רעליגיעזען יום־טוב מיט אַלע צערעמאָניעס, מיט אַלע מנהגים, אום איבערצולעבען א נאַרישע אָבער א גליקליכע מינוט, א געטרייע מינוט פון קינדערשע יאָהרען, אום לעבעדיג צו מאַכען וועלכע עס איז זיסע ערא̇ינערונגען... אָפּט, זעהר אָפּט געפינט מען א זיסקייט אין דעם, וואָס מען מאַכט זיך פערגעסען, וואָס מען מאַכט זיך נאַריש.

— וועסט אָבעסען סאַפּער, טוביה, וועסטו זיך באַלד לעגען שלאָפען. רוה זיך אויס גוט, ביזט אַזוי שוואַך, איך ווייס גאָר ניט וואָס איך זאָל טהאָן.

— אמת, מיין ווייבעל — האָט טוביה געענטפערט — איך פיהל טאקע, אַז קוים וואָס איך שלעפּ זיך אויף די פיס; מען מוז זיך אביסעל צוזעהן...

טוביה'ס געזינדעל האָט זיך גוט אונטערגעפייקעלט, און טוביה האָט גענומען דרעמלען.

אברהמ'על איז טאקע באלד אויפ'ן ארט אנטשלאפען געווארען. בערע מיט נחמה'ן האבען זיך געבעטען ביי דער מאמע'ן שלאפען, און חיה ברײנע האט איהר ביסעל בלוט אויסגעטראגען אין בעד־רום. טוביה'ן האט אויך גענומען שלעפערען... עס האט זעהר ווענינ געדויערט און טוביה'ס געזינדעל איז זיך רוהיג, פיין געשלאפען.

4.

טוביה'ס צרות.

— זאל זיי שטעכען אין די זייטען, וואס ארט עס מיך ?! — דיעזע ווערטער האט חיה ברײנע געזאגט צו זיך אליין אויף מארגען פריה, ווי זי איז נור אויפגעשטאנען פון בעט — זאלען זיי וויסען, אז חיה ברײנע איז שוין א מענש גליך מיט אלעמען.

דעם ערשטען וויזיט האט חיה ברײנע אבגעגעבען מיסטער באנעט, דעם גראסערי מאן. ווען טוביה'ס ווייב איז געקומען אין גראסערי איז אפילו קיין איבריגע „ביזי" ניט געווען, אבער דאך האט דער גראסערי־מאן אויף איהר אפילו קיין בליק ניט געגעבען. אלע מאל פלעגט זיך חיה ברײנע אוועקשטעלען אין א ווינקעלע, — שטעהן, שטעהן שטיל, עפעס ווי זי האט געוואַרט אויף א נדבה. ווען עס פלעגט שוין אין גראסערי א סימן פון א ווייבעל ניט בלייבען, דאן פלעגט באנעט מזכה זיין מיט א קוק די ארעמע חיה ברײנע.

— ארבייט שוין אייער מאן ? — פלעגט באנעט פרעגען.

— אם ירצה השם, מיר האפען, אז אין גיכען — פלעגט חיה ברײנע ענטפערן.

— יא, אין גיכען... אי דער גיכען, דער גיכען...

ביידע פלעגען בלייבען שווייגען און ווענען סחורה א ווארט ניט. חיה ברײנע פלעגט ניט בעטען און באנעט פלעגט זיך ניט רוקען.

— פאר וואס זוכט ער עפעס ניט אן אנדער זאך ? — פלעגט באנעט טראפענווייז ציהען חיה ברײנעס ביסעל בלוט — מען טהוט, מען טרייט עפעס.

— וואס זאל מען זוכען ? עס איז דען אזוי גרינג צו געפינען ?

— מען דארף ערגער ניט ווי א גראסערער צו זיין. מען ווערט בריל הדל, עס זיינען דא אזעלכע אונפערשעהמטע לייטע, וועלכע געהען

אין גראָסערי אזוי ווי אין אן אייגענעם גאָרטען; מען צאַפּט פון דעם גראָסערי־מאַן זיין ביסעל בלוט ארויס — וואָס ארט עס זיי? זאָל זיין קאָפּ קרענקען!...

חיה ברײנע פלעגט פערשטעהן, אז מען וואַרפט עס א שטיין אין איהר גאָרטען. זי פלעגט פיהלען דעם קלאַפּ פון שטיין. אוי, ווי זי פלעגט פיהלען! דאכט זיך, זי וואָלט נעהמען און א שפּיי געבען אויף דער גראָסערי, אויף דעם גראָסערי־מאַן און לויפען פון איהם וואו פעפער וואַקסט. אָבער חיה ברײנע פלעגט זיך דערמאָנען, וואָס עס טהוט זיך אין דער היים.... און זי פלעגט בלייבען שטעהן ווי א פערשטאַרבענע...

— פּטור! — פלעגט זי זאָגען — ווער צאָהלט דאָס ניט אָפּ אין א גראָ־סערי? סיידען מען שטאַרבט....

אָט אזא מין געשפּרעך פלעגט זיך אָפּט ציהען און ציהען און חיה ברײנע פלעגט פיהלען, אז זיא געהט אוים מיט די כוחות.... יעצטיגען מאָל איז חיה ברײנע צוגעטראָטען צום רעכטען טיש, וואו מיסטער באַ־נעט איז געשטאַנען און האָט עפּעס געוואויגען.

דער גראָסערי מאַן האָט אויסגעשטעלט אויף חיה־ברײנען א פּאָר טאָטערשע אויגען.

— מיסטער באַנעט — האָט חיה ברײנע געזאָגט הויך און מיט שטאָלץ — גיט מיר עפּעס גוטע זאַכען, איך מוז צוזעהן מיין טוביה׳ן, ער דאַרף נעבעך ארבייטען אזוי שווער....

— ביזי שוין? — האָט מיסטער באַנעט געפרעגט — ביזי שוין? און זיינע אויגען האָבען א בליק געגעבען אויף חיה ברײנען אזוי גוט, אזוי ווייך.

— אַלץ הייסט ביזי, א כאַפּעניש, א רייסעניש...

ווער קען עס בעגרייפען, ווער קען עס בעשרייבען דעם נחת, וואָס חיה ברײנע האָט איבערגעפיהלט אין דיעזער מינוט! יעדער וואָרט, וועלכע זי האָט ארויסגערעדט, האָט געקלאַפּט אין איהר הארצען ווי א קוואַל פון פערגעניגען.

— נו, בקיצור — האָט באַנעט געזאָגט — גאָט צו דאַנקען, סחורה איז דאָ גענוג, נעהמט וואָס איהר דאַרפט, וואָס דאַרפט איהר עפּעס ריידען?

— איצט, איה״ש — האָט חיה־ברײנע ווייטער גערעדט — וועלען מיר זיך פאַרנאַנדערצאָהלען.

— זאָל איך אזוי האָבען צער, איהר הערט, חיה ברײנע, ווי איך האָב געזאָרגט פאר אײערע געלד, איך האָב אימער געוואוסט, אז דאָס איז ווי ביי מיר אין קעשענע...

פון גראָסערי איז חיה ברײנע אוועק אין בוטשער שאָפּ און דאָרטען האָט זי ווידער אויסגעטרונקען א פולען בעכער פון גליק.

די לוסטיגע קבצנ'טע האָט אין גאנצען פערגעסען, אז דער מאַן האָט איהר עטליכע מאָל פערזאָגט, זי זאָל נור ניט האָבען קיין לאַנגען צונג; זי האָט גאָר נישט געדענקט; זי האָט גאָר נישט געטראַכט; זי האָט אונטער זיך די ערד ניט געפיהלט; זי איז געוועזן שכור פון נחת, פון גליק....

פון בוטשער שאָפּ איז חיה ברײנע אוועק צו שכנים, פון שכנים צו ווייטערע גוטע פריינד. ביז א זייגער צעהן אין דער פריה האָט חיה ברײנע אויסגעפּויקט וועגען איהר מאַן'ס גרויסע ביזי וואו עס איז נור מעגליך געוועזן.... ווען עס איז שוין ניט געוועזן וואוהין צו געהן, ווען זי האָט שוין געננוג דעם עולם „אַנגעשטאָכען די זייטען", איז חיה ברײנע אוועק אהיים און האָט גענומען צוגרייטען עפּעס א רעכטען דינער פאר זיך און פאר דעם מאַן.

אין דער זעלבער צייט, וואָס חיה ברײנע האָט דאָ געשעפּט נחת עמער־ווייז, איז דער אָרעמער טוביה געזעסען אין שאָפּ אין געהאַקטע וואונדער.

פון דער געפעהרליכער ביזי, פון דעם גרויסען אָרדער, איז נאָך דערווייל א סימן ניט געוועזן. אין שאָפּ איז געוועזן לעער און וויסט אזוי ווי אין די גרעסטע סלעק.

נו, און מיסטער גרינשטיין? ער איז עפּעס אויך ניט געקומען.... די אָפּערייטאָרס זיינען ארומגעגאַנגען אזוי ווי די גענז אין די דריי וואָכען. די חברה האָבען פערשטאַנען, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, נור מען האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס דער באָס איז ניטאָ און מען האָט עס אָנגענומען פאר א גוטען סימן.

— וואָס מיינסטו — האָט פּלטיאל געזאָגט צו זיין שותף — אז עס קומט אָן אזוי גרינג ביז מען פיהרט אריין אזא גרויסען אָרדער? א קלייניגקייט, פינף טויזענד דאָזען!

— ניין, ניין! — האָט חיים דער טויבער געענטפערט — געוויס דארף געווערען.

טוביה איז געזעסען ביי זיין מאַשין שטיל.... אָבער ער האָט גע־פיהלט, אז איהם שטעכט ווי מיט נאָדלען. די האַרץ האָט איהם גע־קלאַפּט, געקלאַפּט.... יעדעס גליעד האָט אין איהם געציטערט. די צייט האָט זיך אין טוביה'ס אויגען מערדערליך געצויגען. יעדע מינוט האָט געדויערט יאָהרען. צו יעדען מאָל וואָס די טיהר פון שאָפּ פלעגט זיך עפענען, פלעגט טוביה ווערען אַ פערשטאַרבענער... „אָט געהט דער באָס!"... פלעגט ער שוין מיינען, אָבער אומזיסט! דער באָס איז דאָך ניט געקומען

ווען עס איז געקומען אום צוועלף אוהר, האָט דער עולם גענומען זיך פאַר'ן דינער. טוביה איז אוועק אהיים עסען.

— ביסט גוט מיעד, מיין מאַן? — מיט די ווערטער האָט די גליק־ליכע חיה בריינע בעגעגענט איהר מאַן. טוביה האָט געוואָלט זאָגען „זעהר", אָבער פון זיין צונג האָבען זיך ארויסגעגליטשט די ווערטער „ניין, אַ האָר אויך ניט."

ביי חיה בריינען איז די האַרץ פערשטאַרבען געוואָרען, אַלע אברים האָבען ביי איהר גענומען חלש'ן. טוביה האָט דערזעהן ווי זיין ווייב איז געוואָרען אין איין מינוט בלאַס ווי לייווענד. ער האָט גלייך איינגע־זעהן, אז ער האָט מיט זיינע פאָר ווערטער אַ פעהלער געמאַכט, און ער האָט מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט געזאָגט צו זיין פרוי:

— משוגע'נע, וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? מען איז זעהר ביזי מיט די סעמפּעלס. . .

— מיט די סעמפּעלס.... און ווען הויבט מען שוין אָן צו אַר־ בייטען? — פרעגט חיה בריינע.

— ארבייטען... אָט וועט מען פּטר'ן די סעמפּעלס.

— אוי, משוגענער טוב'קע — האָט חיה בריינע געזאָגט, אָפּכאַ־ פּענדיג דעם אָטהעם — דו מוזט אָפּרייסען די יאָהרען — אנדערש קענסטו ניט...

ביים דינער האָט זיך טוביה געהאַלטען פרעהליך: ערשטענס, האָט ער זיך געמאַכט אַ ביסעל האַרץ, אום ניט צו ערוועקען ביי זיין ווייב אַ פערדאַכט; — און, צווייטענס, האָט ער זיך נאָך זעלבסט גע־טרויסט מיט דער האָפנונג, אז נאָך דינער וועט מען אריינפיהרען דעם „גרויסען אָרדער" אין שאָפּ.

— דו הערסט, טוביה? — האָט חיה ברײנע געזאָגט — אז איך וואָלט געווען א נגידה...

— נו, איז וואָס?

— וואָלט איך זיך א צאָהן ארויסגענומען; עס טהוט מיר אזוי וועה.... נור הויב זיך אָן מיט דאָקטוירים ביי יעצטיגער צייט!...

טוביה האָט געשוויגען

— איך זאָג דיר, טוביה, אז עס איז טאקע גוט צו זיין א נגידה.

— וואָס איז, וואָס?

— וואָלסטו זעהן, ווי דער גראָסערי מאַן האָט זיך דאָס מיט מיר בעגאַנגען!

ביי טוביה'ן האָבען גענומען ציטערען הענד און פיס.

— האָסט שוין פאַר אַלעמען אויסגעפויקט — האָט ער איבער־געשלאָגען זיין ווייב.

— מען האָט זיי אין דער ערד! — האָט חיה ברײנע געענטפערט.

— וואָס איז, וואָס? ווארום דארף איך זיך דאָס שטיקען פאַר דעם צווייטען? דו גנב'עסט עפּעס, וואָס?

טוביה האָט פערשטאַנען אז די זאַך קען מען שוין ניט אומקעהרען, און ער האָט גאָר נישט געענטפערט, נור דער ביסען איז ביי איהם ארויסגעפאַלען פון מויל.

— ווער קען דאָס זיין ביי אונז הונגעריג? — האָט חיה ברײנע געזאָגט — וואָס ביי דיר פאַלט דער ביסען פון מויל? אפשר אין דער היים, אין סמאַרגאָן — מיינע אָדער דיינע קרובים — גרויסע קבצנים געבעך.... וואָס מיינסטו, טוביה, אז עס וואָלט געווען פרעהליכער אויפ'ן הארצען, האָט מען זיי בעדאַרפט עפּעס ארויסשיקען, מען דארף זעהן אָנשרייבען דערוויילע, אז אי"ה....

ווען טוביה איז געקומען אין שאָפּ, איז נאָך דער באָס ניט געווען. עס האָט זיך ביי איהם ווייטער אָנגעפאַנגען די וואַרטענעס. אָבער מיט יעדער מינוט איז טוביה'ס האָפנונג אַלץ דונקעלער און דונקעלער געוואָרען; אויף זיין הארצען איז אַלץ שווערער געוואָרען.

טוביה האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, וואָס פאַר א מין אָפּקומענעש ער וועט עס האָבען, ווען פון דער ערוואַרטעטער ביזי וועט זיך גאָר ניט אויסלאָזען, און ביי איהם האָבען זיך די האָר געשטעלט קאַפּויער....

פערדראָסען האָט טוביה'ן די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט געליי־

קענט פאַר דער ווייב, וואָס ער האָט איהר באַלד ניט געזאָגט דעם אמת, אַז די ארבייט איז נאָך ניטאָ — אַז דער באָס האָט עס בלויז פערשפּראָכען. אוי, האָט איהם שוין פערדראָסען!

— אוי, טוביה פּלוט! — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — אוי, האָסטו אָנגעמאַכט א חתונה, אוי, האָסטו פערקאָכט א קאַשע!

ער האָט גענומען טראַכטען וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין שבת־צו־נאַכט, ווען חברה וועט עס קומען מיט די ביכלעך אָברעכענען זיך און בעטען בעצאָהלט און טוביה האָט נור א ביטערען שמייכעל געגעבען.

דער טאָג איז אַזוי אַריבער. עס האָט שוין גענומען דונקעל ווערען, און גאָר נישט: דער באָס איז ניט געקומען, כאָטש נעהם און שטעל נאָך איהם א ליכט. אייניגע אָפּערייטאָרס האָבען זיך צוזעצט ביי די מאַשינען און מיט צובראָכענע הערצער האָט מען גענומען זינגען „נעילה“ און אייניגע האָבען זיך געשטילט די וואונדען מיט דעם, וואָס מען האָט זיך גענומען לוסטיג מאַכען איבער דעם אָרעמען טוביה'ן.

יעצט האָבען שוין די חברה דערמאָנט זיין טאַטען, זיין מאַמען, זיין גאַנצע משפחה און טוביה האָט געשוויגען שטיל ווי א קאָטיקל....

— טשעפּעט זיך אָפּ!... לאָזט צורוה!... — מעהר ווי די ווערטער האָט מען פון איהם ניט געהערט.

— דער באָס געהט! דער באָס געהט! — איז פּלוצלונג געוואָרען א טומעל אין שאָפּ.

און גרינשטיין איז טאַקי געקומען. אייניגע אָפּערייטראָס זיינען צוגעגאַנגען צום באָס הערען וואָס עס טהוט זיך.

גרינשטיין'ס פּנים איז געווען עפּעס פערצויגען מיט א וואָלקען. ער האָט אויסגעקוקט בייז און ווילד. די אָפּערייטאָרס זיינען געבליבען שטעהן שטיל.

— נו וואָס? — האָט דער באָס געפרעגט עפּעס מיט א גיפטיגען שמייכעל.

— גאָר נישט.... אַזוי... — האָט זיך אָפּגערופען שמואל דער גרויסער — מיר וואַרטען אויף ארבייט.

— ניטאָ פאַר אייך קיין ארבייט. איך האָב געוויזען די סעמפּעלס, ווייל מען ניט האָבען אַזאַ מלאכה ווי איהר באַטשט.

צו דאָס איז געווען אמת צו ניט — דאָס האָט נור דער באָס אַליין

געוואוסט. אָבער די ארבייטער האָבען יעדענפאַלס פערשטאַנען, אַז פון דער גרויסער ביזי האָט זיך אויסגעלאָזען אַן אויסגעבלאָזענע איי, און זיי זיינען געבליבען שטעהן ווי אָבגעגאָסענע מיט קאַלטע וואַסער.

ווען טוביה האָט עס דערהערט, איז ער געוועזען ווי מיט א דונער דערשלאָגען. איהם איז נעבעך פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

— וואָס זיצט מען דאָ אין דעם גיהנם? — האָט ער א זאָג געגעבען פאַר זיך. — ווארום צולויפט מען זיך ניט?

דער באָס האָט טוביה'ס ווערטער דערהערט. שנעל איז ער אראָבגעלאָפען ערגעץ־וואו, געבראַכט א באַנדעלע, פאַרנאַנדערגענומען און האָט באַלד געגעבען א רוף טוביה'ען.

טוביה איז ווי א צוטומעלטער צוגעגאַנגען צום באָס.

— דאָס איז אייער ארבייט, טוביה? — האָט דער באָס געפרעגט — אייער מלאכה?

— מיינע, נו, איז וואָס?

— אַט אזוי ארבייט מען דאָס?... באַטשער! איבער אייער באַטשעריי האָב איך א גרויסען אָרדער אַנגעוואָרען. געהט, איך וויל אייך מעהר דאָ אין שאָפּ ניט האָבען. גיט אהער אייער ביכעל!

די אָפּעריטאָרס, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי, האָבען געמיינט, אז דער טוביה וועט זיך נעהמען בעטען און פערענטפערען זיך, אזוי ווי מיט איהם האָט עס שוין פּאַסירט אייניגע מאָל; אָבער ניט דאָס האָבען די חברה דערזעהען. טוביה האָט זיך היינטיגען מאָל בעגאַנגען גאָר אַנדערש.

ער האָט גאַנץ שטיל דערלאַנגט דעם ביכעל.

— ניטאָ שוין וואָס אָנצוואווערען — האָט ער א מורמעל געגעבען און איז אוועק צו זיין מאַשין.

שווייגענדיג האָט טוביה גענומען אָבשרויפען די קעפּעל פון מאַשין.

די ארבייטער האָבען איהם ארומגערינגעלט און מיט פערשטאָרבענע הערצער האָבען זיי צוגעקוקט די סצענע.

אין גרינשטיין'ס שאָפּ איז פון לאַנג אָן געווען א מנהג, אז ווען איינער געהט אוועק פון שאָפּ, סיי ער ווערט געסעקט, סיי ער געהט אוועק מיט זיין פרייען ווילען, זאָל מען מאַכען א מי שברך און מיט דעם נגון פון „כל נדרי" פלעגט מען אויסזינגען:

„מיט א טאָרבע אין די הייזער!"

יעצטיגען מאָל האָט עס הפנים קיינער ניט געטראַכט מקיים צו זיין, אַלע זיינען געשטאַנען שטיל ווי די אָבגענומענע...

דער ביגלער האָט אָבער ביי זיך גערעכענט, אז א מנהג ברעכט מען ניט און ער האָט גערעכענט פאר נויטיג צו דערמאָנען די ברידער וועגען דעם.

— נו, ברידער — האָט ער געזאָגט — מען קען ניט העלפען, דעם „מי שברך“ מוז מען מאַכען. פלטיאל, הויב אָן!

— א מי שברך דיר אין הארצען! — האָט אָבער פלטיאל געענט־פערט דעם ביגלער.

— ליעג אויף אָן אָרט, מאַלפּע — האָט זיך אויך אריינגעמישט שמואל דער גרויסער....

דער ביגלער איז געבליעבען שטיל.

— האָט ניט קיין מורא, ר׳ טוביה — האָט דער זעלבער שמואל אריינגעמורמעלט טוביה׳ן א סוד — איך געה אויף אוועק אין א וואָך ארום צו דעם שווארצען אין דיוויזשען סטריט. איך וועל זעהען, אז איהר זאָלט דאָרטען מיט מיר אויך ארבייטען.

— פאַלט ביי זיך ניט אראָפּ, טוביה — האָט געזאָגט חיים דער טויבער — עס איז ניטאָ אויף וואָס צו פערדריסען, איהר וועט קריעגען אזא פליים.

אַלע האָבען גענומען ריידען מיט טוביה׳ן, טרייסטען איהם ווייך און ווארעם און אויף די פנים׳ער פון די ארבייטער האָט מען געקענט זעהען, אז זיי ריידען דעם אמת.

— גיט א האנד, טוביה — האָט געזאָגט סעם.

— גיט א האַנד.

— גיט א האנד...

טוביה האָט יעדען איינעם געגעבען די האנד, אָבער ער האָט גע־שוויגען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער די הארץ האָט איהם פערקלעמט און טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין רעכטען גאָרגעל; און ער האָט בלויז געמאַכט עפּעס מיט די ליפּען, מיט די אויגען און מיט די הענד...

שווייגענדיג, מיט א באַנדעלע אונטער די הענד, האָט טוביה פער־לאָזען גרינשטיין׳ס שאָפּ. א צוטומעלטער, א צושלאָגענער האָט זיך דער אָפּרייטאָר גענומען ארומשלעפּען איבער די גאַסען.

דער וועטער איז געווען שלעכט, צרה'דיג. א רעגען, א שנעע, א ווינד — אלץ צוזאמען. נור טוביה האט עס ניט געפיהלט און ארומ־געשלעפט זיך ווי א בעל חלום. עטליכע מאל האט ער שוין געוואלט געהן אהיים, נור ס'האט איהם מוטה אויסגעפעהלט.

— פון וואנען געהט איהר דאס, טוביה? פאר וואס געהט איהר ניט אהיים?

טוביה האט זיך א כאפ געגעבען. לעבען איהם איז געשטאנען שמואל דער גרויסער.

— זעה נור, שמואל!...

— יעס, איך געה דאס פון אייך; איך וויים דאך, אז איהר זיינט א גרויסע צרה, בין איך אייך געקומען זאגען, איהר זאלט נור זיין א מענש, איהר וועט שוין קריעגען ארבייט.

— דו ביזט געווען ביי מיר, שמואל?

— נו, געוויס!

— נו, וואס טהוט מיין חיה ברײנע? זי וויים דאך שוין געוויס...

— איך האב איהר געזאגט.

— נו, וואס?

— וואס זאל זיין? א ווייבעל בלייבט א ווייבעל: זי איז אין איין מינוט געווארען א פערשטארבענע...

ביי טוביה'ן האט עפעס א ריס געגעבען אין הארצען.

— וואס זאגט זי?

— גאר נישט, זי האט אלץ געפרעגט, וואו זיינט איהר.

— ווער? חיה ברײנע האט געפרעגט?

— יעס, געוויס הונדערט מאל האט זי איבערגעזאגט: אבער וואו איז טוביה? פאר וואס קומט ער ניט?... וואו איז ער דאס?

— איך געה... א גוטע נאכט... — האט טוביה געענטפערט שנעל. און איז ווי א משוגענער אוועקגעלאפען אהיים צו זיך.

ווען ער איז צוגעקומען צום טהיר פון הויז, האט ער זיך אויף איין מינוט אפגעשטעלט און האט זיך צוגעהערט. די הארץ האט ביי דעם ארעמען טוביה'ן געקלאפט, אזוי ווי עס וואלט וועלען ארויס־שפרינגען.

טוביה האט זיך צוגעהערט.... און ער האט דערהערט ווי זיין ווייב וויינט...

ביי טוביה'ן זיינען זיך די אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען. קוים וואָס האַלטענדיג זיך אויף די פיס, איז ער אריין אין צימער.

שטיל, ווי אָפּגע'משפט צום טויט, האָט זיך טוביה אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און האָט געוואָרט אויף זיין אָפּקומענעס.

ווען חיה ברײנע האָט אויף איהם א בליק געגעבען, האָט זי אָבער בלויז פערבראָכען מיט די הענד...

— טהו א קוק אויף זיך, טוביה, ביסט דאָך א האַלבער א גע־שטאָרבענער — האָט חיה ברײנע געזאָגט.

טוביה האָט געשוויגען.

— צרות מײנע! א פײער אויף דעם שאָפּ מיט דעם באָס צוזאַ־מען! טוביה, וואָס איז מיט דיר?

— גאָר נישט — האָט טוביה שטיל אויסגערעדט.

— עס וועט גאַנץ זיין... עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט... מיר וועלען פון הונגער ניט שטאַרבען, טוביה.

— חיה ברײנע....

— אוי, נאַר! נאַר!

טוביה האָט שנעל בעהאַלטען דעם קאָפּ אין די הענד... און.... א איד מיט א באָרד האָט זיך בעגאָסען מיט קינדערשע טרערען...

א שטילער יובילעאום.

עס איז געוועזן א שטילער יובילעאום!

א זומער־אבענד, א געוועהנליכער מעבלירטער צימער פון א ניו יארקער טענעמענט־הויז.

* * *

גיטיל, הירש דעם קאפּענמאכער'ס ווייב, איז שוין כמעט פערטיג מיט איהרע מלאכות.

דער סאפּער איז שוין לאנג פערטיג, נור כדי ער זאל ניט פער־קיהלט ווערען שטעהט ער אויף א קעראסין־אויוועלע און בראט זיך אויף א קליינעם פייעריל, קענטיג, אז דער סאפּער איז שטארק ניט צופריעדען מיט זיין לאגע, ווארים ער „פארשקעט", בלאזט פון זיך און טורכעט צארענדיג אין דער דעקעל פון טעפּעל.

א שטילער, אבער גערעכטער פּראטעסט!

די גלאז אין לאמפּ איז שפּיעגעל־גלענציג אויסגערייניגט און אי־נעוועניג ברענט דער פייער אזוי מיוחס'דיג; דער טיש איז געגרייט: עס איז אראפּגענומען געווארען דער טישטוך, אום ער זאל פערבלייבען ריין נאך סאפּער; און עס גלאנצט דער ווייסער אויל־קלאטה, עס שטע־הען די טעלער, עס ליגען אנגעשניטענע סלייסעס ברויט, פון וועלכע די הארטע זייטלעך זיינען ארומגעשניטען. ביידע, אי הירש, אי גי־טיל, האבען ניט קיין צייהנער. אין אן אונטערטעציל ליגט א צושני־טענע טאמייטא; עס שטעהט א לעערער פּיטשער — די וואסער איז אין א באטעל, אין וואש־טוב, אויפ'ן אייז — מיט איין ווארט, עס איז גע־גרייט א טיש ווי פאר א מלך. ביי דער בייבי איז דער פּנים'ל אויס־געוואשען און די הערעלעך אויפ'ן קעפּעל שטעהען „דיבאם", קענטיג א קעמעל האט דא ערשט געארבייט אהן רחמנות.

גיטיל האט זיך שוין אויך איינגעוואשען, פערקאמט זיך און אנ־געטהאן א ריינעם ראפּער; אלעס איז פערטיג און די ווירטהין פון הויז ערווארטעט דעם קומען פון איהר מאן.

און אט איז הירש געקומען פון דער ארבייט.

אַריינגעקומען איז הירש אַ פּרעהליכער, אַ מונטערער, עפּעס גאָר ניט ווי פון דער אַרבייט, און נאָך זיינע אויגען נאָך האָט מען גלייך געקענט דערקענען, אַז ער טראַכט וועגען עפּעס פרעהליכעס. גלייך איז דער קומענדער צוגעגאַנגען צו זיין קינד, האָט עס אָנגעקוקט אַזוי געשמאַק פון פולען האַרצען און האָט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל גענומען קוקען אויף זיין ווייב.

— עפּעס קוקסטו מיר אויס היינט יום־טוב׳דיג — האָט גיטיל געזאָגט און האָט אויך צופריעדען געקוקט אויף איהר מאַן.

— מיר דאַרפען טאַקע היינט מאַכען עפּעס אַ שטיקעל יום־טוב — ענטפערט הירש און שמייכעלט אַלץ.

— דער באָס האָט געהעכערט די פּרייזעס? — פאַלט גיטלען איין אַ געדאַנק.

— דרויסען איז גאַנץ היים — ענטפערט הירש — אָבער דער באָס איז נאָך דערווייל ניט משוגע.

— נו, וואָס דען איז מיט דיר דער יום־טוב? — ווערט גיטיל נייגעריג.

— ווייל איך האָב היינט עפּעס בערעכענט — ענטפערט הירש.

— ווי זאָגסטו? — פערשטעהט ניט גיטיל איהר מאַן.

—ווייל איך האָב היינט עפּעס בערעכענט.

— וואָס בערעכענט? ווען בערעכענט? — קוקט גיטיל תמ׳עוואַטע אויף איהר מאַן.

— וועסט שוין הערען — ענטפערט הירש געהיימניספאָל, אָבער געלאַסען — דערווייל׳ע זאָג מיר נאָר, מיין אידענע, אויב מיר האָבען עפּעס היינט אַ רעכטען סאַפּער.

— דער סאַפּער איז שוין גאָר אַ גוטער — טהיילט מיט גיטיל, און גיט דאַביי אַ שטאָלצען בליק אויפ׳ן טעפּעל, אין וועלכען עס בראָט זיך דער סאַפּער.

— וואָס, צום ביישפּיעל? — פרעגט הירש און יעצט איז שוין נייגעריג ניט די פרוי, נור דער מאַן.

— אַ בראַטען מיט „איינגעזשאַליעטע“ פּאַטייטאָס — לאָזט וויסען גיטיל, און די עטליכע דאָזיגע ווערטער רעדט זי אויס מיט אַזאַ טעם, אַז עס דאַכט זיך, דאָס דער בראַטען מיט די „איינגעזשאַליעטע“ פּאַטייטס ליגט ביי איהר אין גאַנצען אין מויל.

— גוט! — ענטפערט ענטציקט הירש.

— ביזט צופריעדען?

— זעהר, ווארים איך האב מורא געהאט, אז עס איז זויער.

— נו, אז זויער איז וואס? — וואונדערט זיך גיטיל — האסט דאך האלט סויער.

— אבער היינט רעכען איך נעהמען א פיינטעלע ביער צו סאפער, צו זויער וואלט עס ניט געטויגט, און צו א בראטען איז דאס אויסגע־צייכענט.

— צו וואס? עס איז דאך דא קאלטע אייז־וואסער — איז גיטיל ניט איינשטימיג מיט איהר מאן.

— עס מאכט ניט — ענטפערט הירש, געהט צו צום טיש און נעהמט דעם ליידיגען פיטשער.

— ווער וועט עס אויסטרינקען א פיינט ביער? — פרעגט גיטיל.

— איך און דו — ענטפערט געלאסען הירש.

— אבער וואס איז פארט מיט דיר די שמחה?

— ווייל איך האב היינט עפעס בערעכענט.

— וואס בערעכענט? ווען בערעכענט?

— וועסט שוין הערען — ענטפערט הירש און געהט נאך ביער אוועק.

א ווײלע בלייבט גיטיל שטעהן און ווייס ניט וואס צו טהאן, נור באלד ווערט זי ווייטער ביזי.

האט זי דעם סאפער דערלאנגט צום טיש, האט עס אריינגעלעגט אין א טעלער און צוגעדעקט מיט נאך א טעלער, אז עס זאל זיך ניט אפ־קיהלען ביז מען וועט נעהמען עסען, נאכדעם האט זי אוועקגעשטעלט צוויי גלעזער אויפ׳ן טיש און פערפערטיגט נאך איניגע קלייניגקייטען.

דער קאפענמאכער האט געבראכט ביער און די פאמיליע האט זיך געזעצט סאפער עסען. הירש האט געגעבען פערזוכען א ביסעל ביער דער בייבי, דאס קינד האט עס פערזוכט. פערקרימט זיך און די עלטערען האבען זיך צולאכט.

— וויפיעל איז פאראנען נאך אונזער חתונה? — האט הירש פלוצלונג א פרעג געטהאן זיין פרוי און ער האט אויסגעטרונקען נאך א גלאז ביער.

— איך רעכען, שוין א יאהר זעקס — האט גיטיל געענטפערט.

— גוטע זעקס יאָהר — האָט הירש צוגעגעבען.

— אָט, אדרבא, לאָמיר בערעכענען — מאַכט גיטיל א פאָרשלאָג, פערטראַכט זיך און לייגט אָפּ די פינגער.

— נו, ריכטיג? — פרעגט הירש אונגעדולדיג.

— אָט הער — חשבון'ט גיטיל — וויפיעל האָבען מיר געוואוינט אין לודלאָוו סטריט?

— קיילעכדיגע זעקס חדשים — ענטפערט הירש.

— און אין גאָווערניער סטריט?

— אויך זעקס חדשים.

— און אין סאַפאָלק סטריט?

— פונקט א יאָהר.

— האָבען מיר שוין צוויי יאָהר.

— צוויי יאָהר — גיט צו הירש.

— און אין דעלענסי סטריט?

— געדענק איך ניט — זאָגט הירש.

—איך געדענק אויך ניט — זאָגט גיטיל און גיט אויף דעם רעכנונג אויף די דירות.

— איך וויים, אז עס איז זעקס יאָהר — האָט זיך הירש אָפּגערופען קורץ און שאַרף.

— געווים זעקס יאָהר — זאָגט גיטיל — געדענקסטו ווען דו האָסט זיך גענומען א וואַנע?

— פאַר צוויי יאָהרען זומער, ווען מיר האָט, ניט היינט געדאַכט, גענומען ברעכען די ביינער.

— געדענקסטו, אז ווען דו ביזט אַוועק אין וואַנע, האָסטו געזאָגט, אז היינט איז פונקט פיער יאָהר זייט מיר האָבען חתונה געהאַט?

— געווים געדענק איך.

— אָט האָסטו זעקס יאָהר.

— זאָג איך דאָך.

— און פאַר־א־יאָהרען, ווען אונזער זוהנעלע איז געבאָרען געוואָרען — רעדט גיטיל ווייטער — האָבען מיר אויך גערעכענט און בערעכענט, אז עס איז פינף יאָהר נאָך אונזער חתונה.

— זעקס יאָהר איז היינט.

— יעס, זעקס יאָהר — שטימט צו גיטיל.

— איז ריכטיג — זאָגט הירש — זעקס און פיער האָבען מיר צעהן.
— וואָס פאר פיער? — פרעגט גיטיל פערוואונדערט.
— פיער יאָהר האָב איך געארבייט ביי דער מאשין ביז דער חתונה — ערקלערט הירש — היינט איז פונקט צעהן יאָהר. איך געדענק, ערב שבועות בין איך געקומען נאָך אמעריקא און פונקט ווי היינט, צוויי טעג נאָך יום־טוב, האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביי דער מאשין און היינט איז שוין, גאָט צו דאַנקען, צעהן יאָהר, אז איך טרייב די „דאָנקע“.

א ווײלע בלייבט הירש פערטראַכט און קוקט אריין אין דער גלאָז מיט ביער, אין וועלכער עס שפּיעגעלט זיך אָפּ דער פייער פון לאָמפּ, און ער רעדט ווייטער, אָבער זיין שטימע האָט עפּעס אן אנדער טאָן גע־קראָגען.

— צעהן לאַנגע, לאַנגע יאָהרען — זאָגט הירש עפּעס מיט אזוי פיעל הארץ און טרייסעלט דאביי מיט'ן קאָפּ.

— הייסט עס, איז דאָס דיין יום טוב היינט — זאָגט גיטיל און זי צולאַכט זיך פּלוצלונג.

אין דיעזען פּלוצליכען געלעכטער האָט א שטיקעל חלק די גלעזעל ביער, וועלכע גיטיל האָט אויסגעטרונקען.

— לאַך ניט, מיין ווייבעל — האָט הירש געזאָגט — עס איז טאַקי א יום־טוב.

גיטיל שמייכעלט און דריקט מיט די פּלייצעס.

— עס איז א יום־טוב — רעדט הירש ווייטער — אז איך הויב זיך אָן צו בערעכענען, אז 10 יאָהר שוין זייט איך זיץ ביי דער מאשינע און גאָט צו דאנקען איך בין נאָך אָלל־רייט.

אויף גיטיל'ס בלאַסע באַקען האָט גענומען שפּיעלען א „ראָזע“, זי שמייכעלט, הערט זיך צו וואָס דער מאן רעדט, נור זי שווייגט, און הירש זאָגט ווייטער:

— א סך, וועלכע האָבען זיך געזעצט מיר מיר צוזאמען ביי דער מאשינע, אין איין צייט, זיינען שוין לאַנג איך ווייס וואוהין אהינגעקו־מען. וואו איז בוכהאָלץ יעצט? מיט מיר אויף איין שיף געקומען, גלייך געזעצט זיך צו דער ארבייט.... שוין באַלד צוויי יאָהר, אז ער איז מיט גראָז בעוואַקסען, אונז צו לאַנגע יאָהר.

דער שמייכעל טהוט זיך אָפּ פון גיטיל׳ס פּנים, און הירש רעדט ווייטער, העכער און בעגייסטערטער:

— וואו איז דראָב? אויך אין מיינע צייטען גענומען זיך פאר דער דאַנקע... אָט איז שוין באלד דער דריטער יאָהר, אז ער ליעגט אין האָספּיטאָל און זעגענט זיך מיט דעם לעבען. —

— ניט פאר דיר גערעכט — שלאָגט גיטיל איבער האסטיג איהר מאַן און דער שמייכעל פערשווינדט גענצליך פון איהרע ליפּען. איהר פּנים ווערט אזוי ערנסט און הירש רעדט ווייטער:

— חיים זאַוויעסע האָט אָנגעוואָרען די פיס, פּלטיאל קאלב האָט געקראַגען דעם קורצען אָטהעם און מאַטערט זיך עפּעס אין א קענדי־סטאָרקע, ביי זלמן שלימעל האָט זיך אויפ׳ן זעקסטען יאָהר שוין גע־צייגט בלוט פון האלז און אצינד לויפט ער ארום איבער די סטריטען און פערקויפט צייטונגען.... און איך, גאָט צו דאַנקען, איך בין נאָך אַלל־רייט.

— גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען, מורמעלט גיטעל שטיל, און זעהר ערנסט.

— עס דיענען נאָך די פיסעלעך — רעדט הירש ווייטער — עס בויגען זיך די הענטעלעך, און אז איך גיב זיך א יאָג, קען איך נאָך ביי היינטיגען טאָג ארויסגעבען א פיינע ביסעל ארבייט פאר א וואָך.

— דארפסט זיך ניט יאָגען — בייזערט זיך גיטעל גוטמוטהיג.

— און צעהן יאָהר איז היינט, נו, זאָג, גיטעל, איז ניט א יום־טוב?

— דער אויבערשטער זאָל שענקען דעם געזונד — ענטפערט גיטעל אויף דעם און הירש זייט אוים פון פיטשער די לעצטע גלאָז ביער, און א ווייל בלייבענדיג פערטראַכט, רעדט ער ווייטער:

— האָב איך היינט אויף קאָטאָוועס בערעכענט וויפיעל קאָפּען איך האָב עס אָבגעמאַכט אָט פאר די צעהן יאָהר.

— איך רעכען א היבשע ביסעל — מישט זיך אריין גיטעל.

— א נו, טרעף וויפיעל?

גיטעל שמייכעלט ווייטער און קוועטשט מיט די פּלייצעס.

— איך האָב ניט געקארגט, ניט געקעהרט פאר א קאָפּ און אפילו ניט פאר א דוצען, נור ווי איך האָב זיך ניט געוואָרפען אין דעם חשבון, קומט דאָך אוים ביי דריי הונדערט טויזענד קאָפּען.

— אָהאָ, האָ — וואונדערט זיך גיטיל.

— בהמה, דאָס איז אַ גוזמא, אַ שלל, אַ וועלט — ערקלעהרט הירש — דו קענסט גאָר ניט פערשטעהן וויפיעל דאָס איז.

— איך פערשטעה, אַז אַ סך — ענטפּערט אָב גיטיל.

— אַ ים מיט נפשות, אַ וועלט מיט מענשען טראָגען מיינע קאָפּען און אַז אסור זאָל מיר זיין, אויב איינער פון די יאָלדעס הויבט גאָר אָן צו וויסען אַז איך, הירש, האָב עס געאַרבייט.

— פון וואַנען זאָל מען וויסען? — גיט גיטיל צו.

— מיך אַרט עס ניט, מיין באָבע'ס דאגות — זאָגט הירש און נעהמט די גלאָז ביער אין האַנד.

— לחיים, גיטיל!

— לחיים, לחיים, משוגע'נער הירשקע.

— צעהן יאָהר אַז איך טרייב די דאַנקע און איך בין נאָך אַל־רייט, גאָט זאָל געבען, אַז די נעקסטע צעהן יאָהר זאָל איך ניט ערגער האַלטען.

און הירש נעהמט קוקען מיט אַ שמייכעל אויף דער בייבי, וועלכע שמאַקטשעט אַ ביינדעל פון דעם בראָטען און געפינט זיך אויפ'ן זיעבע־טען הימעל פאַר גליק.

— לחיים, זוהן! 10 יאָהר שוין אַז דיין טאַטע טרייבט די דאַנקע. עס איז אַ יום־טוב ביי איהם היינט... גאָט זאָל געבען, מיין קינד, דו זאָלסט ניט וויסען ניט פון קיין שעפּער, ניט פון קיין באָסעס, ניט פון קיין דאַנקע, ניט פון דער גאַנצער פערפלוכטער אַרבייט...

הירש טרינקט אויס די לעצטע גלאָז ביער...

גיטלען נעהמט זיך שלעפערען, זי נעהמט צו זיך דאָס קינד, געהט אַרויס פון טיש, נעהמט עס פערשלעפערען אין ראָקינג טשער, און מורמעלט שלעפעריג אַ טרויעריגען ניגון.

— צעהן יאָהר אַז איך האָרעווע ווי אַן אייזעל, ווי אַן אָקס — פערקעהרט זיך פלוצלינג מיסטער הירש צוריק מיט די „האַלאָבליעס“ — און וואָס האָב איך דערפאַר? אַ בלוט, בלוטיגער אביון...

ווייטער קען ער אָבער ניט געהן, דער קערפּער איז מיעד און צובראָכען פון דער אַרבייט, דער קאָפּ איז פערדרעהט פון די שלעכטע ביליגע ביער און עס שלעפערט זיך.

— ניטאָ מעהר קיין כחות... איך פאַל אין יאָך... אוי, ברודער בוכ־האַלץ, מיר וועלען זיך זעהן אין גיכען — מורמעלט דער בעל־שמחה —

קוים, קוים וואָס איך לעב... באַלד... באַלד... דער קבר... לאַנג וועל איך ניט ציהען...

און הירש איז איינגעשלאָפען זיצענדיג, און פון די פערמאַכטע אויגען האָבען אַרונטערגערונען צוויי טרערען.

גיטיל איז איינגעשלאָפען וויגענדיג דאָס קינד, און דער שטילער יובילעאום האָט זיך געענדיגט.

איבער אַ נאָדעל.

(אַ שאפּ־סצענע)

היינט איז שטיל אין שאפּ...

עס איז ניט סלעק; עס הודזשען און רווישען די רעדער פון די נעה־מאַשינען, עס קלאַפּען די שערען, עס פייפט און עס סווישטשעט דער סטים. אָבער דיעזער טומעל איז אַ שטומער רעש... דאָס איז דער שטענדיגער רעדען פון קאַלטען אייזען, וועלכער ווייס גאָרנישט, פיהלט ניט, פערשטעהט ניט און פערבלייבט צו יעדער פּאַסירונג גלייכגילטיג.

שטיל איז אָבער צווישען די אַרבייטער.

די אָפּרייטאָרס, די בייסטערס, די פינישערס, זיצען היינט ביי דער אַרבייט ווי די שטומע, טרויעריג שטיל...

אברהם דער ליץ זאָגט ניט קיין וויצען און קיינער לאַכט ניט; סעם און היימאַן, וועלכע זיינען שטענדיג ווי אויף מעסערס, רייסען זיך היינט ניט אַרום און קיינער האָט ניט הנאה; חנה די פינישערין זינגט ניט; דייוויד העלפּט איהר ניט אונטער און קיינער הערט זיך ניט צו...

צווישען די מענער אַרבייטער דערצעהלט מען ניט די נייעס פון דער גרויסער וועלט... צווישען די פרויען טרייבט מען ניט קיין רכילות... שטיל, אַלע זיצען ווי די בענומענע... אַלע שיינען צו זיין טיעף פערטרויערט... אויף אַלעמעס פּנים'ער קען מען לייענען אַ פערבאָרגענעם שמערץ... און עס מאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי אַלע וואָלטען דאָ בעקלאָגט עפּעס אַ פערשטאָרבענעם נאָהענטען פריינד, און נעהען נעהט מען דאָס פאַר איהם תכריכים.

די אורזאַכע פון דיעזער שווערער שטילקייט איז אַ ריס אין די פּרייזעס פאַר דער אַרבייט. אַ פרישע בלוטענדע וואונד אין די אַרבייטער'ס הערצער, וועלכע איז געסטערן אבענד ערשט געמאַכט געוואָרען דורך דעם פאָרמאַן — דעם באָס'ס טומפּען, פערראָסטעטען מעסער...

און עס רעדט זיך ניט, און עס לאַכט זיך ניט, און עס שפּאַסט זיך ניט, און עס זינגט זיך ניט... יעדער איז פערנומען מיט זיין פרישער וואונד. מען איז פערביטערט, צורייצט, אָבער יעדערער פאַר זיך...

עס איז שטיל אין שאַפּ.

דאַלבין, איינער פון די פערוואונדעטע אָפּרייטאָרס, זיצט פערטיעפט אין דער ארבייט און מיט זיין מחשבה רעכענט ער אַלץ די גרויס פון זיין וואונד, און האַלט אין איין מעסטען די בלוט, וועלכע וועט אויסגעצאַפּט ווערען פאַר דער גאַנצער וואָך ביי די נעכסטע ווייזשעס... עס קומט אויס א היבשע ביסעל... און עס טהוט אַזוי וועה, און עס פערדריסט אַזוי...

אוי, ברידערלעך, וואָס פאַר א שאַרפען וועהטאָג דער ארבייטער פיהלט ווען מען רייסט אראָב דעם פרייז פון זיין ארבייט...

צו דעם האָט דאַלבין היינט נאָך א צרה: ער האָט אריינגעקראָגען זעהר א שלעכטען לאָט ארבייט — א פעקעל יסורים — און ער קען בשום אופן פון דעם פעקעל ניט ארויסראַטעווען זיך... די סחורה איז א קאַמענע, הארט ווי שטיין און ווען די נאָדעל קריכט אריין דאַרף מען ארבייטען מיט דער גאַל אום ארויסצוקריגען זי צוריק. דער שניט איז א צרה'דיגער, און עס קומט אוים יעדע ווײַלע צוריק רייסען דאָס, וואָס מען האָט מיט שווייס און בלוט אויפגענעהט...

דאַלבין רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, ער בייסט די ליפּען ביז בלוט... און די הארץ שטאַרבט אָב פון צורייצטקייט און פון וועהטאָג...

אַנדערע ארבייטער, וועלכע האָבען אין דערזעלבער צייט מיט איהם גענומען צו לאָט ארבייט, זיינען שוין לאַנג, לאַנג פערטיג און ענדיגען שוין די צווייטע לאָט... און ער — דער אונגליקליכער דאַלבין מאַטערט זיך נאָך אימער מיט דער ערשטער לאָט... און ער פיהלט אַז עס שטאַרבט איהם אָב א גליעד נאָך א גליעד...

ער זיצט בלאַס ווי א טויטער... און עס ציטערן איהם אַלע אברים פון אויפרעגונג און שמערצען...

ענדליך איז די ארבייט פערטיג... ער ווישט אָב דעם דיקען שווייס פון דעם פּנים און מיט א קללה טראָגט ער די ארבייט ארונטער אין אָפּיס אריין.

ביי אברהם דעם לץ האָט זיך אָבגעבראָכען דער פּאָינט פון זיין מאַשין־נאָדעל. קיין אַנדער נאָדעל האָט ער ניט, לויפען קויפען איז א שאַדע די צייט. אברהם ווייס, אַז ביי דאַלבינען אין מאַשין־קעסטעל ליגען עטליכע נאָדלען, ער ווייס אָבער אויך, אַז דאַלבין איז היינט צורייצט ווי א טייפעל און ער וועט אין קיין פאַל ניט אויסבאָרגען און אפילו ניט

פערקויפען קיין נאָדעל... און ער געהט אליין צו דאַלבינ'ס מאַשין־קעסטעל און וויל ארויסנעהמען א נאָדעל...

דאָס קעסטעל איז פערשלאָסען, און אברהם פאַלט אויף א סברה: ער נעהמט ארויס די נאָדעל פון דאַלבינ'ס מאַשין, נעהמט ארויס פון זיין מאַשין די פערטומפּטע נאָדעל און מאַכט א בייט.

די „הענד" פון שאַפּ שמייכלען צו און אברהם ארבייט ווייטער.

דאַלבין געהט... מיט זיך טראָגט ער צוריק די אלטע לאָט ארבייט... זיין בלאַסער פּנים האָט געקראָגען ערטערווייז רויטע פלעקען, די אויגען בלישצען מיט א שרעקליכען גלאַנץ...

אלע ארבייטער פערשטעהען וואָס דאָ האָט געטראָפען... קיינער וואגט ניט צו פרעגען... און אברהם'ן איז פּלוצלינג אריבער א סקרוך איבער'ן לייב...

דאַלבין האָט א וואָרף געגעבען די ארבייט נעבען מאַשין, א זעץ געגעבען זיך אויף זיין שטוהל, אריינגעוואָרפען מיטביידע הענד אין די האָאר פון קאָפּ און איז געבליבען זיצען צוטומעלט, דערשלאָגען ווי פון א שרעקליכען קלאַפּ...

— איבערפיקסען? — האָט עפּעס איינער א פרעג געטהאָן.

דאַלבין האָט געשוויגען.

— די גאַנצע בלעדי לאָט? — האָט א צווייטער געפרעגט.

דאַלבין האָט גאָרניט געענטפערט, נור זיינע אויגען זיינען פּלוצלינג פערלאָפען מיט טרערען.

דאַלבין נעהמט א שטיקעל ארבייט... און זיינע הענד טרייסלען זיך... ער קוקט ארום די ארבייט און טהוט א זיפץ... אָבער אזא מאָדנעם זיפץ... עס דאַכט זיך, אז אינוועניג דאָרטען, פון וואַנען דער זיפץ קומט, האָט זיך אָבגעריסען א שטיק האַרץ... און אימער שווייגענדיג לעגט ער די ארבייט אונטער ד'ער נאָדעל...

דער ראָד האָט זיך א דרעה געגעבען... עס האָט א סקריפּ געטהאָן די פערטומפּטע נאָדעל.

— וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געטהאָן? און דאַלבין האָט א בליק געגעבען ארום זיך מיט א ווילדען, שרעקליכען בליק...

אברהם דער אָפּרייטאָר איז בלאַס געוואָרען...

— דו... אברהם?...

— דו האָסט דאָך אנדערע... איך וועל בעצאָהלען...

גליַיך פליהט אַ גרויסע אייזערנע שער מיט אַ שרעקליכער מאַכט צו אברהם׳ען...

עס הילכט אָב אַ געשריי פון אימה פון אַלע „הענד“...

די שער טרעפט אברהם׳ען אין אַקסעל, פאַהרט אַריין טיעף אין די פלייש און בלייבט שטעקען... עס צייגט זיך בלוט... אברהם פערוואַרפט דעם קאָפּ, עס ווערט אַ געשריי... אַ טומעל...

און דאַלבין שטעהט אַ שרעקליכער...

— זעהר רעכט... ניט קריך... — זאָגט ער, און ער טרייסעלט זיך ווי פון קעלט און שמייכעלט מיט אַ קאַלטען טייפעלשען שמייכעל...

דער באָס איז אַרויף...

וואַהרשיינליך האָט איהם שוין אימיצער געזאָגט וועגען דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, וואָרום ער איז אַריין און האָט גליַיך אויסגעשריען:

— איבער אַ נאָדעל! מערדער, באַנדיטען, מען דאַרף אייך דאָך אַלעמען פערשיקען נאָך סינג־סינג...

*

די סצענע איז געענדיגט...

מיסטער בוכהאָלץ.

די פירמע „דייווים ענד קאָמפּאַניע“ בעטרייבט אַ ניפּענטס מאַנו־פעקטשורי אין גרין סטריט. די פירמע בעשטעהט פון דריי באָסעס: ראָזענצווייג — אַ סיילסמען; גרינשטיין — אַ קאַטער, און דייווים — גלאַט אַ באָס.

אין דער ביזי־צייט, וועלכע פלעגט זיך ציהען דורכשניטליך פיער מאָנאַטען דורכ׳ן יאָהר, פלעגט דייווים בעשעפטיגען פון אכט ביז צעהן הענד און אין די איבריגע אכט מאָנאַטען סלעק פלעגט דאָרטען פער־בלייבען בלויז איין האַנד. די דריי באָסעס האָבען דאָרט אַ „רעגולייר־שען“ צו ציהען וועכענטליך צו פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר, — דאָס איז פאַר יעדען פון זיי אַלס ווייִדזשעס. שאַפּ־עקספּענסעס ווערען געצויגען בעזונדער, און דער איבריגער פּראָפיט געהט צו פערגרעסערן דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַל. ווי עס שיינט צו זיין, ווערט דיעזער קאַפּיטאַל פערגרעסערט, וואָרום פון יאָהר צו יאָהר פיקסען איין דייווים ענד קאָמ־פּאַניע זייער געשעפט אַלץ ברייטער און גרויסאַרטיגער.

נו, און די אַרבייטער פון דער פירמע? וועגען זיי איז ניטאָ וואָס צו דערצעהלען. זייער רעכנונג, דענק איך, איז יעדען איינציגען בעקאַנט. ווען זיי אַרבייטען אין ביזי צייט, מאַכען זיי אַ לעבען, און אין סלעק — מוזען זיי אויך ציהען... די ציין פון מויל. אָבער דאָס איז אַ טרויעריגער פאַקט, ניט דאָס בין איך אויסען.

די האַנד, וועלכע פלעגט זיצען אין דייווים׳ שאַפּ דורכ׳ן יאָהר, אין ביזי און אין סלעק צייט, איז געווען אַן אַרבייטער פון אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג, וועלכער האָט זיך דאָרט דערדיענט צו אַ סטעדי דזשאָב. דער נאָמען פון דיעזען גליקליכען אַרבייטער איז געווען מיסטער בוכ־האָלץ. זיין פּנים, וועלכער האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַש, איז געווען געדיכט בעוואַקסען מיט אַ שוואַרצער באָרד. און ווען ער פלעגט אַרבייטען, פלעגט זיך שטענדיג אַרויסזעהן זיין אויסגעדאַרטע ברוסט, אויך געדיכט בעוואַקסען מיט קויט און מיט האָאַר.

מיסטער בוכהאָלץ האָט אַ שווערען אָטהעם, ער הוסט צו גאַנץ פיין און פאַכט מיט דער נשמה; — ער איז אַ ברויט־געבער פון אַ ווייב מיט פיער קינדערלעך, זאָלען לעבען און געזונד זיין.

בוכהאָלץ פּלעגט זיך רעכענען אין דעם אויבענדערמאָנטען שאַפּ אַלס אַן איינגענער מענש. ווען עס פּלעגט אָנלויפען די ביזי און אַפּרייטערלעך פּלעגען אַרויפשלעפּען די מאַשינען, פּלעגט בוכהאָלץ אימער פערבלייבען בעזונדער, ער האָט זיך געהאַט זיין ווינקעל. און ער האָט מיט קיינעם פון די „אָנגעלאָפענע" אַרבייטער ניט געהאַט צו טהאָן. ווען די אָנגעלאָפענע ביזי־חברה פּלעגען זיך מאַנכעס מאָל צובונטעווען און פּלעגען נעהמען בעטען בעסערע פּרייזעס, פּלעגט מיסטער בוכהאָלץ שטעהען אַן אַ זייט, אַזוי ווי מיט איהם האָט די זאַך ניט צו טהאָן. ווען איינער פּלעגט ביי איהם פרעגען:

— נו, מיסטער בוכהאָלץ, זייט איהר איינשטימיג אַז מען זאָל בעטען געהעכערט די פּרייזעס?

— עט, — פּלעגט בוכהאָלץ אַ מאַך געבען מיט די הענד — טהוט וואָס איהר ווילט, דאָס בעלאַנגט ניט צו מיר.

— ווי הייסט? — פּלעגט מען פרעגען.

— איך אַרבייט פון וואָך, — פּלעגט בוכהאָלץ ענטפערן — און לאָזט מיך צורוה.

בוכהאָלץ פּלעגט דאָס אָבבלאָפען די אַפּרייטאָרס. ער האָט טאַקע געאַרבייט פון שטיק, נור ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט וואָס צו טהון מיט די אָנגעלאָפענע ביזי־אַפּרייטאַרס — און ער פּלעגט ליעבער פערבלייבען ביי זיינע אַלטע קלאָגעדיגע פּרייזעס... דערפאַר אָבער, אַז עס פּלעגט קומען סלעק, פּלעגט מען די ביזי־אַפּרייטאַרס אָוועקשיקען און מיסטער בוכהאָלץ פּלעגט פערבלייבען ביי זיין ווינקעל. און ער איז זיך פערבליעבען תקיף, און אַ גאַנצען קיילעכדיגען יאָהר געשוואָלען ווערען פאַר הונגער, ניט פאַר איך געדאַכט. אַזוי איז זיך די מעשה געגאַנגען און איך וואָלט אפשר ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען וועגען אונזער מיסטער בוכהאָלץ, ווען אין דיזיוים' שאַפּ וואָלט פּלוצלינג ניט פּאַסירט עטוואָס, וואָס האָט אָנגעריהרט דעם „רוהיגען" לעבען פון אונזער פריינד.

שטעלט זיך נור פאָר, דאָס איז געוועזן דער לעצטער סיזאָן. די ביזי איז אַריבער, און די הענד האָבען גענומען ביסלעכווייז אַנטרונען ווערען פון שאַפּ; בוכהאָלץ האָט זיך שוין אָנגעגרייט צו פערפּאַסטען אויף דער לאַנגער סלעק און אַליין צו פערבלייבען קעניג אין שאַפּ, — נור עטוואָס האָט איהם פערוואונדערט: אַ מאַשינקע, חוץ זיינער

נאַטירליך, איז פערבליעבען אין שאַפּ און נאָך אַן אַפּרייטאַר איז געבליעבען גענעצען גלייך מיט איהם, און אַלע סמנים האָבען ארויס־געצייגט, אַז דער צווייטער דענקט הפנים פערבלייבען אויך דאַ ווינטע־רען און דורכוואַרטען די גאַנצע צייט פון דער טויטער סלעק, ביז דעם נעקסטען סיזאָן.

בוכהאַלץ'ס האַרץ איז פערשטאַרבען געוואָרען. עטליכע טעג האָט ער געשוויגען, ער איז זיך פערבליבען גאַנץ בעזונדער אין זיין ווינקעל און האָט זיך געמאַכט, אַז ער וויל גאָר ניט וויסען פון דעם נייעם אַפּרייטאַר. דער נאָמען פון דעם נייעם אַפּרייטאַר איז געווען בלום, אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, אויך אַ פערמאָגער פון אַ ווייב מיט צוויי קינדער. בלום האָט אפילו עטליכע מאָל פּרובירט רעדען מיט זיין מיטאַרבייטער, מיסטער בוכהאָלץ, אָבער דער לעצטער פלעגט זיך אַלץ אַזוי ווי ברוגז'דיג אומקעהרען צו בלום'ען מיט'ן הינטען במחילה.

נור אָט איז אָבער געקומען אַן „אָרדערל“ אין שאַפּ. דייוויס האָט אראָבגערופען אין אָפּיס אי בוכהאָלץ'ען, אי בלום'ען און דער באָנדעל ארבייט איז געוואָרען צוטהיילט צווישען זיי ביידען...

בוכהאָלץ'ען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען; ביי איהם האָבען גענומען ציטערן הענד און פיס. ער האָט אַ וואָרף געגעבען אַ שלעכטען בליק אויף זיין קאָנקורענט. דיעזער בליק איז געווען זעהר עהנליך צו די בליקען, מיט וועלכע פעראורטהיילטע צום טויט קוקען אויף דער דזשורי, וועלכע האָט זיי פעראורטהיילט. בלום איז אוועק אָפּסטעז מיט זיין באָנדעל ארבייט, בוכהאָלץ איז אויף אייניגע מינוטען פערבליבען אין אָפּיס. ער האָט געוואָלט אַ פרעג געבען ביי דעם באָס, אויב בלום וועט דאָ אויך פערבלייבען איבער די סלעק, ביי איהם האָט אָבער ניט געבאַפּט מוטה צו רעדען און די ווערטער זיינען ביי איהם פערבליבען ווי פערפראָרען אויפ'ן צונג.

— וועלל? — האָט דער באָס אַ פרעג געטהאָן.

— גאָרנישט.—האָט געענטפערט בוכהאָלץ, און ער איז אויך אוועק אַפּסטעז.

בלום האָט שוין גענומען ארבייטען זיין טהייל ארבייט. בוכהאָלץ האָט דורכגענומען דעם ארבייטענדען מיט אַ בייזען בליק און האָט זיך

אויך אָוועקגעזעצט ביי זיין מאַשין. ער האָט מעהר ניט געקוקט אויף בלום'ען, אָבער דאָך איז דער לעצטער געשטאַנען פאַר זיינע אויגען, אַזוי ווי אַ בייזער מלאך המות. בוכהאָלץ האָט געקוקט אויף זיין באַנדעל ארבייט און אַ וועהטאָג האָט געברענט און געקאָכט זיי קראַנקע, פון דלות־צואוועהטאָגטע און פערדאַרבענע האַרץ.

— ווען זיין יעצטיגער שכן וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען, — האָט בוכהאָלץ געטראַכט — וואָלט ער יעצט געהאַט פאַר אַ דאָלאַר אַ האַלב ארבייט. מיט אַ דאָלאַר אַ האַלב איז זיין פערהונגערטע, פון נויט־צודריקטע פאַמיליע שוין בעזאָרגט די וואָך מיט ברויט און נאָך עטוואָס צום ברויט... און אַזוי, אַזוי האָט ער בלויז פינף־און־זיעבעציג פּעניס...

— וועה איז מיר! — האָט בוכהאָלץ אַ שעפּטשע געגעבען און די אויגען זיינען ביי איהם פערלאָפען מיט טרערען...

דער ראָד פון בלום'ס מאַשין האָט זיך דערווייליע געדרעהט און געדרעהט און פון די שטיקלעך וואָרע זיינען געוואָרען פאַרמען פון קליינע הייזקעס.

— דאָס איז דאָך מיין ארבייט... — האָט דער אונגליקליכער בוכהאָלץ ווייטער שטיל אַרויסגערעדט און איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט יעדען שטאָך, וועלכען בלום טהוט אריין אין דער ארבייט, נעהמט דער לעצטער אַוועק אַ ביסען נאָך אַ ביסען פון איהם און פון זיינע אָרעמע קינדער.

בוכהאָלץ האָט געוואָלט נעהמען ארבייטען, אָבער די הענד האָבען זיך איהם ניט געבויגען. ער האָט לענגער ניט געקענט שווייגען און ער האָט אָנגעפאַנגען רעדען, ווענדענדיג זיך צו בלום'ען:

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי?

— ווער יאָגט זיך? — האָט בלום שטיל געענטפערט — וואָס וועל איך זיצען? איך מאַך מיין ארבייט.

— דו מיינסט געוויס, אַז מ'וועט באַלד דערלאַנגען אַ צווייטע לאָט?

— האָט בוכהאָלץ געזאָגט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

— איך ווייס... וואָס זאָל איך מיינען? וועט זיין וועט מען געבען.

— געבען... וואָס מען גיט פּסח צום סדר... — האָט בוכהאָלץ איבערגעקרימט זיין מיטארבייטער.

—נו, וואס קען מען זיך העלפען? — האט בלום גאנץ ערנסט געענטפערט — עס איז איבעראל יעצט טויט סלעק.

— וויפיעל האסטו אויפ'ן ביכעל? — האט בוכהאלץ אלץ ברוגז־דיג געפרעגט — וויפיעל? זאג.

— איהר ווייסט דאך.

— פינף־און־זיבעציג פענעס.

— נו, וואס דען? דערווייל מעהר ניט.

— דערווייילע... וועסט מיט די עטליכע פענים די וואך ענדיגען. בלום האט געשוויגען.

— נו, און דו דענקסט דא פערבלייבען ארבייטען? — האט בוכ־האלץ ווייטער אנגעפאנגען — דענקסט דא צו זיצען די גאנצע סלעק צייט?

— איך וועל זעהן. נו, און וואס וועט איהר טהאן? — האט בלום געפרעגט — וועט איהר פערבלייבען?

בוכהאלץ'ען האט נאך מעהר זיין הארץ פערקלעמט; יעצט האט מען דא שוין אנגעריהרט זיין עהרע. סטייטש! ער ארבייט אב א צייט מיט יאהרען כסדר אין א שאפ, ער רעכענט זיך דא כמעט ווי א האלבער באס, און פלוצים נא־דיר! קומט א יונגער מחוצף און פרעגט גאר אויב ער וועט דא פערבלייבען.

— וועסט געשוואלען ווערען פאר הונגער! — האט בוכהאלץ בייז געזאגט.

— און איהר?

— וואס קרענקט דיר דיין קאפ פאר מיר?

— וואס זייט איהר ברוגז? — האט בלום פערדראסיג געפרעגט.

— ביזט א חזיר.

בלום האט אויך געוואלט ענטפערן זיין מיטארבייטער מיט א „שטארקען ווארט", אבער ווען ער האט א בליק געגעבען אויף בוכ־האלץ'ס האלב־טויטע פיגור, איז ער געבליבען שטיל.

אויף מארגען איז בלום ניט געקומען צו דער ארבייט; א גאנצען טאג איז ער ארומגעלאפען פון שאפ צו שאפ זוכען ארבייט.

ביי בוכהאלצ'ען איז שוין געווען גאר אבגעגאנגען דאס הארץ, אבער אויף איבערמארגען איז בלום ווידער געקומען צו דייוויס'ען אין שאפ. ווען ער איז ארייין אין שאפ, איז דער באס געווען אפסטעז.

— וואָס איז דער מעהר, בלום ? — האָט דער באָס געפרעגט.

— אַ קינד איז געווען זעהר קראַנק. — האָט בלום געענטפערט.

— געזוכט מסתמא אַרבייט אין אַן אַנדער שאַפּ... — האָט געזאָגט בוכהאָלץ און ער האָט געמאַכט אַזאַ „מינע“, אַזוי ווי ער וואָלט עס געמאַכט שפּאַס.

בלום איז פערבליבען אַרבייטען ; די ביסעל אַרבייט, וואָס פלעגט אַריינקומען אין שאַפּ, פלעגט דער באָס צוטהיילען פאַר ביידע אַרבייטער. און בוכהאָלץ איז געוואָרען זיין מיטאַרבייטער אַ בלוטיגער שונא.

ער האָט שטילערהייט ביי זיך אין האַרצען געזוכט פערשיעדענע מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון זיין קאָנקורענט, אום ער זאָל ווייטער אַליין פערבלייבען אין שאַפּ, און אין גיכען האָט ער געפונען אַ גוטען מיטעל ; עס האָט עטוואָס פּאַסירט, וואָס האָט איהם געגעבען די מעגליכ־קייט צו בעפרייען זיך פון זיין בלוטיגען פיינד.

שוין פון אַ לאַנגער צייט אָן האָט זיך אין שאַפּ פערלעגען אַ פּאָר קליינע הייזקעס. עס איז געווען קענטיג, אַז דער באָס האָט אָן זיי פערגעסען און אַז קיינער נעהמט וועגען זיי קיין נאָטים ניט. בוכהאָלץ האָט אַלץ געטראַכט די פערוואַלגערטע הייזקעס צו נעהמען פאַר זיין פיער־יאָהריגען בערעלען, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אין צוריסענע תחתונים׳לעך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, נור אַליין ניט וויסענ־דיג וואָרום האָט ער דאָס אַלץ אָבגעלעגט. איינמאָל האָט זיך בוכהאָלץ׳ן אָבגעדוכט, אַז בלום האָט אויך געוואָרפען אַן אויג אויף די פער־וואַלגערטע הייזקעס.

— אַ גרויסע מכה דיר, — האָט בוכהאָלץ אַ מורמעל געטהאָן — און ער האָט געוואָלט כאַפּען די הייזקעס אַראָבלויפען מיט זיי דאַנסטעז אָוועקגעבען דעם באָס און צייגען זיין טרייהייט צו איהם ; אָבער פּלוצ־לינג איז איהם אַרויף אַ געדאַנק אויפ׳ן זינען, אין זיינע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגען האָט אַ ברען געגעבען אַ שלעכטער פייערעל.

— זאָל ער זיי צונעהמען, — האָט דער אָפּרייטאָר געטראַכט וועגען זיין מיטאַרבייטער — איך וועל זיך מאַכען, אַז איך בעמערק עס גאָרניט, נאָכהער וועל איך איהם שוין מקבר זיין.

בוכהאָלץ׳ס רעכנונג איז געווען אַ ריכטיגער : בלום האָט ווירקליך געוואָרפען אַן אויג אויף די פערוואַלגערטע הייזקעס.

בלום איז אויך געווען אן ערשט־קלאסיגער אביון, אימער געשטיקט און געוואָרגען פון דחקות; זיינע קינדערלעך זיינען אויך געבעך ארומ־געגאַנגען האלב נאַקעט, און ווען דער אַפּרייטאָר האָט דערזעהן די פערוואַלגערטע הייזקעס איז איהם ארויף אַ מחשבה, אַז בעסער איידער ארומוואַלגערען זיך אין שאַפּ, וואָלט עס צוניצגעקומען פאַר זיין סעמעלען. בלום האָט גענומען אכטונג געבען אויף די הייז־קעס, און זעהענדיג אז די באָסעס האָבען זיך פון דעם הפנים מיאש געווען, האָט ער אַלץ מעהר און מעהר גענומען טראַכטען צוצו־נעהמען זיי אהיים.

אין אַ געוויסען אבענד, ווען בלום איז געקומען אהיים, האָט זיך זיין ווייב גענומען פאַר איהם קלאָגען.

— געוואַלד — האָט זי געזאָגט — וואָס וועט עס פאַרט זיין! אַזוי ווי מען דאַרף לעבען אויף דער וועלט, אַזוי מוז מען אונזער סעמעלע׳ן קויפען אַ פּאָר הייזקעס.

בלום האָט זיך דערמאָנט וועגען די פערוואַלגערטע הייזקעס אין שאַפּ.

— דער באָס האָט פערשפּראָכען מיר מאַכען אַ פּרעזענט אַ פּאָר הייזקעס קליינע. — האָט בלום געענטפּערט.

— יעם? — האָט זיך מיט שמחה אַ כאַפּ געטהאָן בלום׳ס ווייב.

— ער וועט געבען די טעג... — האָט בלום געענטפערט און אין האַרצען האָט ער געטראַכט מאָרגען אָדער איבערמאָרגען צו נעהמען די פערוואַלגערטע ניעפּענטס.

ווען בלום איז אויף מאָרגען געקומען אין שאַפּ, איז בוכהאַלץ נאָך ניט געווען. בלום האָט ארומגעקוקט ארום זיך, איבערצייגענדיג זיך אַז ער איז אַליין אין שאַפּ, האָט ער שנעל, פיעבעריש אַ כאַפּ געטהאָן די הייזקעס... פּלוצלינג האָבען זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ. ביי בלום׳ען האָבען אַ ציטער געטהאָן די הענד, דאָס האַרץ איז ביי איהם פערשטאָרבען געוואָרען און ער האָט ארויסגעלאָזען די הייזקעס פון די הענד.

קיינער איז ניט אריינגעקומען אין שאַפּ.

— דאָס האָט געמוזט איינער געהן אויפ׳ן טאַפּ פלאָר. — האָט בלום בערוהיגט זיך, און האָט אַ פרייען אָטהעם געגעבען.

אויפ׳ן טאַפּ פלאָר איז געווען אַ העמדלעך פעקטאָרי און

איינער איז ווירקליך אַהין געגאַנגען. בלום האָט ווייטער געוואָלט נעהמען די הייזקעס און בעהאַלטען זיי אין „שעטצעל“, און וועלכען ער פלעגט ברענגען דינער פאַר זיך. ביי איהם האָט אָבער שוין יעצט, נאָך דיעזען אומזיסטיגען שרעק, קיין מוטה געכאַפּט צו טהאָן דאָס און ער האָט בלויז מיט די פיס פּעררוקט די הייזקעס אין אַ ווינקעל; נאכהער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין אַרויספינישען אַ ביסעל אַרבייט — ביי אַ דוצענד קליינע הייזקעס. קוים האָט ער זיך אַוועקגעזעצט איז בוכהאָלץ אריינגעקומען.

בוכהאָלץ האָט זעהר גוט געדענקט דעם פּלאַץ וואו די פערגעסענע הייזקעס זיינען אימער געלעגען. אַריינקומענדיג האָט ער אַ שאַרפען בליק געוואָרפען אויף דיעזען פּלאַץ, און ניט בעמערקענדיג דאָרט די הייזקעס איז איהם פּלוצלינג געוואָרען עפּעס אַזוי גוט און אנגענעהם אויפ׳ן הארצען.

— ער האָט זיי געמוזט צוצופּען — האָט בוכהאָלץ געטראַכט וועגען זיין שכן, און ער האָט זיך אַ גליקליכער אַוועקגעזעצט ביי דער אַרבייט. פיליכט האָט זיי אָבער דער באָס אַוועקגענומען, איז בוכהאָלץ׳ען אַרויף אַ געדאַנק און איהם האָט אָבגעגאָסען ווי מיט קאַלטע וואַסער.

בגנבה, אַז בלום זאָל ניט בעמערקען, האָט בוכהאָלץ מיט די אויגען גענומען זוכען די פערשוואונדענע הייזקעס, עפּעס אַזוי ווי דאָס הארץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז פיליכט איז עס נאָך דאָ, און באַלד האָט ער ווירקליך בעמערקט די הייזקעס ליעגענדיג אין יענעם ווינקעל, וואוהין בלום האָט זיי פערשטופּט.

בוכהאָלץ האָט פערשטאַנען וועמעס אַרבייט דאָס איז געווען, איהם איז ווייטער געוואָרען פרעהליך און פריי אויפ׳ן הארצען און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין און גענומען אַרבייטען.

ווען איינער וואָלט וועלען אין דיעזער מינוט אַנאַליזירען די געפיהלען פון בוכהאָלץ׳ען צו זיין מיטאַרבייטער, וואָלט ער געוויס אויסגעפינען, אַז בוכהאָלץ פיהלט יעצט צו בלום׳ען דאָס זעלבע, וואָס ער פיהלט צו דער וואַנד. די בלוטיגע, ביטערע שנאה, וועלכע בוכהאָלץ האָט געפיהלט צו בלום׳ען, איז פּלוצים גענצליך פערשוואונדען געוואָרען, קיין אַנדערע געפיהלען האָבען דיעזע אונגליקליכע פיינדשאַפט ניט פערביטען און בלום איז פאַר איהם געווען יעצט אַזוי ווי ערשט־געבאָרען, אַזוי ווי ער וואָלט איהם גאָר קיינמאָל ניט בעגעגענט. בוכ־

האַלץ האָט אפילו זיך פאָרגעשטעלט א בילד ווי אזוי דער באָס וועט עס געבען א שענדליכען סעק זיין מיטארבייטער און פאָרשטעלענדיג זיך דיעזעס איז ער געווען זעהר צופריעדען, נור פון דעסטוועגען קען מען זיכער זאָגען, אז ער איז צופריעדען געווען בלויז פון דעם, דאָס ער וועט בלייבען אליין אין שאפּ, נור ניט פון זיין שכן׳ס ביטערען סוף.

— מען דאַרף איהם געבען א „שאָו" אוועקנעהמען די הייזקעס, האָט בוכהאָלץ געטראַכט און ער האָט עפּעס גענומען זיפצען, אָכטשען און קרעכצען.

אין אן אנדער צייט וואָלט בלום פיליכט ניט גענומען אין אכט, וואָס בוכהאָלץ האָט זיך אזוי צוזיפצט און ער וואָלט גאָר ניט גערעדט. אָבער יעצט, מחמת דעם, וואָס ער האָט געטראַכט צוצונעהמען די הייזקעס, איז ער עפּעס געווען אזוי אויפגעלעגט, אז איהם האָט זיך געוואָלט זיין אלץ וואָס בעסער מיט דעם בייזען בוכהאָלץ.

— וואָס איז עפּעס דער מעהר, וואָס זיפצט איהר עפּעס? — האָט בלום געפרעגט.

— וואָס זאָל איך זיפצען? — האָט בוכהאָלץ געענטפערט, מאַכענדיג אזא טאָן אזוי ווי ער וואָלט נאָך אימער פערבלייבען פיינדליך צו זיין מיטארבייטער — וואָס זאָל איך זיפצען? עס איז צרות, זיפצט מען.

— וואָס איז דאָרטען אזוינס?

— וואָס? איך זיץ דאָ ביי דער מאַשין, אָבער מיין האַרץ איז אין דער היים.

— וואָס איז דער מעהר?

— אָ, גאָט זאָל זיך מרחם זיין. — האָט בוכהאָלץ א מאַך געגעבען מיט׳ן האַנד.

— וואָס? וואָס?

— א קינד געבעך איז ביי מיר זעהר, זעהר קראַנק. איך וואָלט שוין אזוי וועלען דערהאַרען די מיטאַג־שטונדע און לויפען אהיים!

— צרות מיט די קינדער! — האָט בלום א זיפץ געגעבען. דיזער זיפץ איז אָבער ארוים פון בלום׳ס האַרצען ניט ווייל ער האָט שטאַרק געקימערט זיך איבער דעם שיקזאַל פון בוכהאָלץ׳ס קינד, נור הערענדיג אז בוכהאָלץ וועט ניט פערבלייבען דאָ אין שאפּ איבער מיטאַג־שטונדע, האָט ער א טראַכט געגעבען, אז איהם וועט זיין לייכטער צוצונעהמען

די הייזקעס... קורץ גערעדט, מיטאָג־שטונדע איז מיט מזל געקומען, בלום האָט טאַקע בעהאַלטען די הייזקעס צו זיך אין „שעטצעל" און ווען בוכהאָלץ איז געקומען אין שאַפּ, האָט ער צו זיין גרעסטען גליק און פערגניגען פערשטאַנען, אַז•דער „דזשאָב" איז כמעט ווי געענדיגט, אַז בלום איז שוין פאַר איהם מעהר ניט געפעהרליך.

ווען עס האָט אָבגעוויסעלט זעקס דער זייגער, זיינען אי בוכהאָלץ, איז בלום אַוועק פון שאַפּ. בלום איז טאַקע אַוועק אַהיים, אָבער בוכהאָלץ האָט זיך פון מיטען וועג צוריקגעקעהרט און ער איז אריין אין אָפּיס פון שאַפּ. דער באָס איז נאָך געווען דאָרט.

— וועלל? — האָט דייוויס געפרעגט.

בוכהאָלץ איז פערבליבען אייניגע סעקונדען שווייגען, ער האָט עפּעס ניט געוואוסט ווי אָנצופאַנגען צו רעדען.

— וועלל? — האָט דער באָס אַ צווייטען מאָל געפרעגט.

— איך ווייס ניט... — האָט בוכהאָלץ געשטאַמעלט.

— וואָס?

— אויב... אויב... איך קען דאָ אַרבייטען.... מיט בלום'ען... איך... איך...

— וואָס איז?

— אַזוי...

— וואָס האָסטו צו טהאָן מיט בלום'ען? — האָט דער באָס אַ געשריי געגעבען מיט כעס.

— גאָר נישט, פערשטעהט איהר מיך. מען פערבלייבט אַליין אין שאַפּ...

— נו, איז וואָס, ער פייט זיך?

—ניין, וואָס וועט ער עפּעס מיר פייטען? — האָט בוכהאָלץ געענטפערט — נור אַזוי.

— וואָס אַזוי? רעד ווערטער.

— עס איז דאָ וואָרע גענוג אַפּסטעז...

— וואָס?

— ער האָט לאַנגע פינגער.

— ווער?

— אייער נייער אַרבייטער... — האָט בוכהאָלץ מיט אַ שטאָך אַ בליק געגעבען אויפ'ן באָס.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט דער באָס אויפגערעגט געפרעגט.

— וואָס זאָל זיין ? איך האָב אַליין געזעהען ווי ער האָט אַ פּאָר הייזקעלעך אוועקגעלעגט אין זיין סעטשעל.

— דו האָסט געזעהען ?

— זאָל איך אַזוי זעהען די וועלט.

— אַלל ראַיט — האָט דער באָס גענומען קלאַפּען בוכהאָלץ'ען איבער'ן פּלייצע — ביזט אַן אָרענטליכער מאַן, פערבלייבסט ביי מיר אַ גוד באַי. מאָרגען וועל איך די זאַך פיקסען.

בוכהאָלץ איז אַוועק אַ צוטומעלטער פון גליק.

אויף מאָרגען איז בוכהאָלץ געקומען צו דער ארבייט אַ זייגער צעהן. דער מאַן האָט ניט געקענט אריינגעהן אין שאַפּ, איהם האָט זיין הארץ ניט דערלאָזען צו בעגעגענען זיך מיט בלום'ען. ווען ער איז געקומען אין שאַפּ איז אָבער שוין אַלץ געווען פּאַראיבער: ניט בלום, ניט זיין מאַשין זיינען אין שאַפּ געוועזן. בוכהאָלץ האָט אַן אָטהעם געגעבען פריי, און ער איז אראָב אין אָפּיס פרעגען, אויב עס איז עפּעס דאָ ארבייט.

— ניטאָ שוין בלום. — האָט דער באָס געזאָגט צופריעדען.

— אַוועק ? — האָט בוכהאָלץ געפרעגט עפּעס גאָר תמ'עוואַטע.

— איך האָב איהם געוואָלט ארעסטען.

— נו ?

— וועלל, דער מאַן האָט גענומען ציטערן, ווי אַ בלאַט... ער האָט גענומען וויינען, האָב איך איהם אָבגערעכענט אַ דאָלאר און אַ האַלבם פאַר דער גנבה און האָב איהם מיט זיין מאַשין אראָבגעשליי־דערט פון אַלע טרעפּ.

בוכהאָלץ האָט געקראָגען עטוואָס ארבייט און ער איז ארויף אַפּסטעז.

יעצט איז ער שוין געוועזן אַליין !

ווען בוכהאָלץ איז דינערטיים אראָב אויפ'ן גאַס, איז ער פּלוצלינג איבערראַשט געוואָרען; דאָ אין שאַפּ איז געהאַנגען אַ סיין" וועלכע האָט געלויטעט: „מען ברויכט אַן אָפּרייטאָר צו הייזקעס". בוכהאָלץ איז געבליעבען שטעהן ווי דורך אַ דונער אַ דערשלאָגענער. ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען און ער האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ... איהם האָט גענומען דאָס הארץ וועה טהאָן, אָבער יעצטיגען מאָל האָט

איהם דאס הארץ געריסען ניט אויף דעם, וואס עס וועט ארויפ־קומען נאך אן אפרייטאר, נור אויף דעם, וואס ער האט אזוי ניעדריג פערטריבען דעם ערשטען. דיעזער „סיין" וועגען פערלאנ־גען אן אפרייטאר האט עפעס איהם ווי אין גאנצען צוטרייסעלט. איהם איז פלוצלינג געווארען שמערצליך פערדראסיג אויף בלום'ן, און איהם האט זיך שטארק פערוואלט נעהמען יעצט און לויפען צו איהם, פאלען איהם אויפ'ן האלז און בעטען מחילה...

בוכהאלץ האט עס אבער ניט געטהאן, און שפעטער מיט א פאר שטונדען האט ער אפסטעז געארבייט, אבער ער איז ווייטער שוין געוועזן ניט אליין: מיט איהם איז געוועזן נאך איינער — א נייער אפרייטאר.

די ירושה.

א קאַלטער ווינטער־פריהמאָרגען.

שנעע, שנעע און שנעע, וואוהין דער בליק זאָל ניט פאַלען איז שנעע. א גאַנצע נאַכט האָט געשאָטען דער שנעע, באַגינען איז געוואָרען א פרעסטעל און עס איז א קאַלטער אמת ווינטערדיגער פריה־מאָרגען.

אין מיסטער דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ זיצען די הענד ביי דער אַרבייט, די אָפּערייטאָרס בעוועגען די רעדער פון די נעה־מאַשינען, די פינישערס, די בייסטערס ציהען די נאָדלען, דער קאַטער קלאַפּט מיט׳ן שער, דער ביגלער מיט׳ן ביגעל־אייזען, דער פּעקער מיט די באָקסעס — מען אַרבייט געשמאַק, עס איז ביזי.

עס איז נאָך גאַנץ פריה. און די גאַסען פון ניו יאָרק זיינען געדיכט פון שטראָמען מענשען, וועלכע עס ציהען זיך ערשט צו דער אַרבייט. פיעלע סטאָרס זיינען נאָך צוגעמאַכט. און דער פריהמאָרגען רייבט זיך נאָך די אויגען פון דעם נאַכט־שלאָף. נור אין דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ אַרבייט מען שוין זייט לאַנגע, לאַנגע שטונדען.

ערגעץ־וואו האָט געשלאָגען א זייגער.

— וויפיעל האָט עס געשלאָגען? — פרעגט אַן אָפּערייטאָר אין דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ.

— זיעבען — ענטפערט א צווייטער אָפּערייטאָר.

— וואָס? — גלאָצט אויס די אויגען דער אָנפרעגער — איז דען ערשט זיעבען דער זייגער?

— וויפיעל דען האָסטו געמיינט, יאָלד? — פרעגט דער צייט־מיטטהיילער.

— איך האָב געמיינט, עס איז שוין באַלד דינער־טיים.

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס דער אָרעמער נפש האָט אזא מיסטייק געהאַט. עס איז געווען דער רעכטער שניידער־סיזאָן און אין מיסטער דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ פאַנגט זיך אָן אין אזא צייט דער אַרבייטס־טאָג ווען די שטערען שפּיעלען נאָך אויף די הימלען און די לבנה דאַרף נאָך דורכמאַכען א גוטע העלפט פון איהר רייזע.

מען אַרבייט, עס איז ביזי!

דער שאָפּ איז ניט קיין גרויסער, אָבער נפשות געפינען זיך דאָ

ניט צום איבערצעהלען. די הענד זיצען געפּאַקט ווי די הערינג, אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. מיסטער דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ איז איבערגעפּיקסט פון דריי איינפּאַכע טענעמענט־צימערען, און אין איין חדר איז דאָ אַ טיעפער אַלמער. ווען מענשען האָבען בעוואוינט די צימערען, האָט מען אין דעם דאָזיגען אַלמער קליידער געהאַנגען. ווען מיסטער דאַרדיק האָט דאָ ערעפענט זיין שאָפּ איז דער אַלמער געבליבען אָהן אַ פּראַק־טישען געברויך, אָבער אין ברענענדער ביזי איז דער אַלמער אויך צוניץ געקומען. אינווייניג האָט מען אריינגעזעצט אַן אָפּערייטאָר און העכער אַביסעל, אויף אַן עקסטראַ צוגעפּיקסטער פּאָליצע זיצט אַן ארבייטער ביי דער ארבייט. אַט אַזוי איז דאָס טהייער אין דאַרדיק׳ס סוועט־שאָפּ אַ ברעקעלע פּלאַץ, אָבער ניט דאָס בין איך אויסען.

אין אַ ווינקעל שטעהט אַ נעה־מאַשין. די מאַשין איז לעער, קיינער ארבייט אויף איהר ניט.

אויף דער מאַשין ליגען אָפּערייטאָרשע „טולס“: אַ ספּול שוואַרצע קאַטען, אַ קאַטען סטענד, אַן אויל־קענדעלע מיט אויל, אַ שער און אַ סאַראַטענע קישעלע. דער קעפּעל פון דער מאַשין איז ארומגעבונדען מיט אַ פאַרטוך.

און אין גיהנום איז דאָ אַ לעערער ווינקעלע און קיינער וואַגט איהם ניט צו פערכאַפּען. עס ליגען דריי אַזעלכע נוצבאַרע חפצים פאַר אָפּעריטאָרס, אָבער קיינער וואַגט ניט צו דעם צוריהרען זיך און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער קאַלטער טויט האָט אַוועקגענומען די „האַנד“ וועלכע עס איז געזעסען ביי דיעזער מאַשין.

מיט איינינע טעג צוריק האָט עס פּאַסירט.

לעבען דער מאַשין איז געזעסען מיסטער באַרנעט חליאַק, אַן ארבייטער פון אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג, וועלכער האָט געהאַט דעם קורצען אָטהעם און איז געווען אַ גרויסער הוסטער.

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז באַרנעט חליאַק געקומען צו דער ארבייט מיט גרויס פאַראַד, נעמליך, זיינע צוויי עלטערע קינדער: די זעקס־יאָהריגע שרה׳לע און דער זיעבען־יאָהריגער אברהם׳קע האָבען איהם געבראַכט פאַר די הענד און ווען די איבעריגע ארבייטער פון דאַרדיק׳ס שאָפּ האָבען געפּרעגט וואָרום ער פערשאַפט זיך אַזוי פיעל כבוד, האָט חליאַק געענטפערט, אַז עפּעס די פיס זיינען איהם געוואָרען „פול“ און איהם איז שווער צו געהן אַליין.

פון דאַן אָן פלעגען דעם קראַנקען אָפּעריישאָר די קינדער ברענגען יעדען טאָג אין שאַפּ.

לאַנג איז דאָס אָבער ניט אָנגעגאַנגען. אין איין שעהנעם טאָג איז באַרנעט געבליבען זיצען ביי דער מאַשין ווי אַ ליימענער.

אַ שוויים איז איהם פּלוצלינג אַרוים איבער׳ן פּנים, די אויגען זיינען געבליבען שטעהן פערגלאָצט ווי גלעזערנע און דער ראָד איז געבליבען בעוועגלאָז.

— חליאַק!

— באַרנעט!!

— היי! אָו! האַ! — מען האָט איהם אָבגערופען און צוויי אָפּע־רייטאָרס האָבען מקריב געווען אַ ביזי שעה אַרבייט און מען האָט דעם אָפּערייטאָר אוועקגעפיהרט אַהיים צו דער ווייב און צו די קינדער.

אויף מאָרגען איז אין שאַפּ אָנגעקומען די בשורה אַז באַרנעט איז אוים אָפּערייטאָר, אַז ער איז שוין עליו השלום.

הערענדיג דיעזע בשורה, זיינען אַ ווײַלע די אַרבייטער געבליבען זיצען טרויעריג פערטראַכט, נאָכהער האָט מען גענומען דעם פערשטאָר־בענעם אַרבייטער צום גוטען און צום וואוילען דערמאָנען. אונטערדעסען האָבען זיך צוויי אָפּערייטאָרס אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו באַרנעט׳ס מאַשין, צוזאַמענגעבונדען מיט דעם פאַרטוך פון דעם געשטאָרבענעם אַרבייטער די קעפּעל פון דער מאַשין.

— חברה — האָט זיך איינער פון די אַרבייטער אָבגערופען — אָט אַזוי זאָלען די זאַכען ליגען און קורצע יאָהר וועט יענער האָבען, ווער עס וועט זיך צו דעם צוריהרען.

— מען דאַרף עס אוועקטראָגען דער אַלמנה — האָט אַ צווייטער אָפּערייטאָר געמאַכט אַ פּראַקטישען פאָרשלאָג.

— מען דאַרף זי יעצט ניט באַדערען — האָט נאָך איינער געזאָגט — עס איז איהר נעבעך יעצט געגוג ביטער אויף׳ן הארצען. זאָל געוועה־רען אביסעל.

— זאָל עס אַזוי פערבלייבען ביז מען וועט קומען אָבנעהמען דעם סטענד (דער סטענד פון דער נעה־מאַשין איז ביי דעם פערשטאָרבענעם אָפּערייטאָר געווען אַ גערענטעטער) — האָט אַן עצה געגעבען דער בייס־טער, וועלכער איז געזעסען אין אַלמער — און נאָכדעם וועט מען די זאַכען אוועקטראָגען דער אַלמנה.

און די מאשין איז געבליבען שטעהן וואו זי איז אימער געשטאנען, בור שטיל, בעוועגלאז, מיט די שניידערשע חפצים פון אויבען און ארומ־געבונדען מיט א שווארצען פארטוך.

* * *

צוויי פערפראהרענע קינדערלעך זיינען אריין אין דארדיק׳ס שאפּ: א מיידעלע און א אינגעלע פון זעקס ביז זיבען יאהר,ביידע קינדער זיינען געווען געקליידעט אין שמאטעס און אין צוריסענע שיכלעך.

— בארנעט׳ס קינדערלעך! — האט איינער אויסגעשריען... און פּלוצלינג איז עטוואס וואונדערבארעס געשעהן.

דער גיהנום איז שטיל געווארען, דער סמבטיון איז א ווייל שטיל און רוהיג געבליבען.

געסטאפּט האבען די רעדער פון די מאשינען... פערקיהלט זיינען געבליבען שטעהן די שווערע ביגעל־אייזענס. די נאדלען האבען אויפ־געהערט צו ציהען די קאטען... די שער האט מעהר ניט געשניטען, פון אלמער איז ארוים דער אפּערייטאר, דער בייסטער איז ארונטער פון זיין „עקסטרא פּאליצע“. אלע האבען ארומגערינגעלט די אריינגעקומענע צוויי קליינע יתומים׳לעך.

— וואס טהוט די מאמע, קינדערלעך? — האט איינער אנגעפאנ־גען צו ריידען צו די קינדער.

— זיצט שבעה — האט געענטפערט דער באי.

— האט איהר היינט געגעסען? — פרעגט נאך אן אפּערייטאר.

— יעס — ענטפערען די קינדער.

— וואס?

— סופּ מיט ברייט.

— ארעמע פויגעלעך — האט א מורמעל געטהאן דער בייסטער, װעלכער איז ארונטער פון פּאליצע, און אין זיין שטימע האבען זיך דערפיהלט טרעהרען.

— האט מען ביי אייך געהייצט? — פרעגט נאך איינער.

— ניין — ענטפערט די מיידעלע.

די אפּערייטארס האבען זיך דורכגעקוקט.

איינער האט ארויסגענומען א ניקעל און באלד איז יעדער אריינ־געקראכען אין קעשענע; עס האבען גענומען קלינגען מטבעות.

מען האָט געמאַכט א פרייען קאָלעקשאָן פאַר די יתומים.

— האָסט א גאַנצען פּאַקעט? — האָט זיך איין אָפּערייטאָר געווענדעט צו דעם באַי, האַלטענדיג אין האַנד די צוזאַמענגעקליבענע געלד.

— יעס, אָט דער פּאַקעט איז א גאַנצער.

— נאַ, וועסט עס געבען דער מאַמען, דאָס זיינען מיר געווען שולדיג דעם טאַטען דיינעם, — און דער אָפּערייטאָר שיט אריין דאָס געלד צו דעם קינד אין קעשענע אריין.

— גאַר אָהן שיף — קוקט איינער טרויעריג אויף די קינדער.

— געבעך גאַר נאַקעט...

— איהר זייט נאָך עפּעס געקומען? — פרעגט איינער די קינדער.

— די מאַמע האָט אונז געשיקט אָבנעהמען דעם טאַטען'ס זאַכען — טהיילט מיט די מיידעלע דעם צוועק פון איהר און איהר ברודערס קומען.

— די מאַשין און די איבעריגע זאַכען — זאָגט דער באַי פון זיין זייט.

— זיי זיינען געקומען נאָך דער ירושה — בעמערקט מאָריס דער ליז, און שאַפּיראָ אָקס געהט צו איהם צו גלייך און שטעקט אויס א קולאַק דעם ליז אונטער'ן נאָז.

— הונד — זאָגט שאַפּיראָ מיט כעס — איז דאָס א שפּאָס? איך צוהאַק דיר באַלד דיין נאַרישען פּיסק.

— דער זעלבער סוף וועט מיט אונז אַלעמען זיין — בעמערקט א צווייטער אָפּערייטאָר, און מאָריס'ען פערדריסט וואָס ער האָט דאָ א שפּאַס געמאַכט און ער טראָגט זיך אָב אָן א זייט.

מען האָט דערלאַנגט די זאַכען די קינדער: דעם באַי האָט מען געגעבען די קעפּעל פון דער מאַשין און דער מיידעל די איבעריגע חפצים פערבונדען אין א באַנדעל. מען האָט אָבער גלייך בעמערקט, אז די מאַשין איז צו שווער צו טראָגען פאַר דאָס קינד.

— וועסט עס קענען איינטראָגען? — האָט זיך אַן ארבייטער געווענדעט צו דעם באַי, און געקוקט אויף איהם אזוי רחמנות'דיג.

— יעס — האָט אברהמ'קע געענטפערט, האָט זיך אויסגעצויגען עפּעס אזוי ווי וועלענדיג זיך מאַכען גרעסער, און האָט דערביי אויף זיך געמאַכט א פּנים פון א גבור.

ווען ער וועט ניט קענען, וועל איך איהם העלפען — האָט די

קליינע שרה'לע געענטפערט, און די קינדער זיינען ארויס פון שאפ.

די ארבייטער האבען גענומען פערנעהמען זייערע פלעצער. דער אפערייטאר פון אלמער איז אוועק אין אלמער, דער בייסטער, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן פאליצע, איז אוועק אויף זיין ארט, נור איין אפערייטאר וועלכער איז געבליבען קוקען אין פענסטער, און האט נאכ־געקוקט די אוועקגעהענדע קינדער, האט פלוצלינג אויסגעשריען:

— אוי, וועה איז מיר!

— וואס איז? וואס איז געשעהן? — איז געווארען א טומעל.

— דאס קינד איז געפאלען מיט דער מאשין אין שנעע.

אלע האבען זיך א לאז געטהאן צו די פענסטער, נור מארים דער לץ איז ארויסגעלאפען פון שאפ העלפען די קינדער.

באלד האבען די יעניגע, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון די פענסטער, געזעהן ווי מארים דער לץ האט אויפגעהויבען דעם קליינעם אברהמ'קען, האט אויפגעהויבען די מאשין, גענומען עס צו זיך און איז אוועק צוזאמען מיט דער מאשין.

— א לץ און דאך א וואוילער יונג — האט אויף דעם בעמערקט שאפירא אקס, און אין שאפ האט זיך ווייטער אנגעפאנגען די איבער־געריסענע ברענענדע ביזי.

די לעצטע טרעפֿ אריבער.

לאזאר און באָרים זיינען צוויי גוטע, הערצליכע פריינד, חברים נאָך פון קינדערשע יאָהרען. זייערע הערצער זיינען אימער געווען עפּעם ווי צוזאַמענגעבונדען — זיי האָבען איינער דעם אנדערען באמת ליעב געהאַט.

די צוויי חברים׳ס עלטערען האָבען געוואוינט א הויז געגען א הויז אין א קליין רוסיש־ליטוויש שטעדטעלע. און דיזע צוויי פאַמיליעס זיינען אימער געווען בעפריינדעט. לאזאר און באָרים האָבען זיך אימער געשפּיעלט צוזאַמען, געלערענט ביי די זעלבע מלמדים; אין איין צייט האָבען זיי פערלאָזען די גמרא, אין איין צייט גענומען זיך פאַר די חכמות האומות, צוזאַמען אַוועקגעוואַנדערט אין א גרויסע שטאָדט אום אַנצוקומען אין גימנאַזיום, צוזאַמען געהונגערט, צוזאַמען צרות געהאַט און צוזאַמען אַנגעקומען אין שקאָלע.

געשטאַנען זיינען די חברים אימער אויף איין קוואַרטיר. עס פלעגט זיך טרעפען, אז זיי פלעגען זיך צושפּאַרען, צוקריעגען זיך, ברוגז ווערען און אויפהערען ריידען איינער צום צווייטען; אָבער דער כעס פלעגט דויערען זעהר ווייניג, א טאָג אָדער העכסטענס צוויי. אין אזעלכע טעג פלעגען זיי ביידע ארומגעהן מיט אראָבגעלאָזענע נעז, עפּעס אזוי ווי האַלבע מענשען.

ווען לאזאר און באָרים זיינען געווען אין פינפטען קלאַס גימנאַזיום, איז דאַן געווען א צייט, ווען מען האָט זעהר אונטערדריקט אידישע שילער, און זיי זיינען נעבעך ביידע ארויסגעשפּרונגען פון שקאָלע.

באָרים האָט זיך גענומען צו שטונדען געבען און לאזאר׳ן האָט זיך איינגעגעבען אויסצולערנען די שריפטזעצעריי; ער האָט געקראָגען א פיינע שטעלע, און האָט אויך אריינגענומען אין דיעזער מלאכה זיין חבר.

די צייט איז געלאָפען. די יאָהרען האָבען גענומען ביטען איינער דעם צווייטען. אונזערע פריינד זיינען געוואָרען מענער פון פרויען און טאַטעס פון קינדער.

עס האָט זיך געמאַכט אזוי, אז לאזאר האָט פערלאָרען זיין שטעלע, און נאָך א צייט לעער ארומגעהן, האָט ער בעשלאָסען צו פערלאָזען זיין

אַלטע היימאַטה און איז אַוועקגעפאָהרען אין דער נייער וועלט גליקען זוכען.

ווער עס האָט נור געזעהן, ווי לאַזאַר און באַרים האָבען זיך בעגאָסען מיט טרעהרען, ווען זיי האָבען זיך בעדאַרפט שיידען — פאַר יענעם וואָלט זיין איבעריג צו דערצעהלען, אַז זיי זיינען געוועזן איינער דעם צווייטען זעהר טהייער.

וויט זיינען יעצט געוועזן די פריינד איינער פון דעם צווייטען. די ערשטע צייט האָבען זיי זיך דורכגעשריעבען זעהר אָפט. אָבער נאָכהער איז זייער איבערשרייבען זיך געוואָרען אַלץ זעלטענער. וואָרים לאַזאַר האָט אין דער נייער לאַנד געכאַפּט אַ נייעם פּעקעל יסורים; אויך באַרים'ן איז אין דער אַלטער היימאַטה ניט געגאַנגען אַם בעסטען: ער האָט פערלאָרען זיין שטעלע, געקראַנגען עפּעס אַן אַנדערע, אָבער ער איז געוועזן אויף צרות.ביידע פריינד אונזערע האָבען זיך אריינגע־וואָרפען אין דעם ניט זיסען קאַמפּף פאַר'ן שטיקעל ברויט, אָבער ווען איהר דענקט, אַז זיי האָבען איינער דעם צווייטען פערגעסען, האָט איהר דאָך אַ גרויסען טעות.

עס איז געוועזן אַ הייסער זומער־טאָג. לאַזאַר איז געשטאַנען אין שאָפּ און האָט געאַרבייט. דער שאַפּ איז בעשטאַנען פון אַ שמאָלען, ניעדריגען צימער, און עס איז דאָרט געוועזן הייס, דושנע, כאָטש ווער פערברענט. די לופט איז געוועזן איבערפילט מיט דעם ריח פון בליי און בענזין.

די אַרבייטער זיינען געשטאַנען כמעט האַלב־נאַקעט, דאָך האָבען זיי געפּאָכט מיט די נשמות און בעגאָסען זיך מיט שוויים. און זייערע פּנים'ער... אַך, זייערע פּנים'ער... זיי זיינען געוועזן בלאַס, צו דער זעלבער צייט פערשוואַרצט, פערפינסטערט, אַזוי ווי די בלייענע בוכשטאַבען, ביי וועלכע זיי האָבען געאַרבייט.

אַרבייטענדיג האָט לאַזאַר יעדער מינוט געקוקט אויפ'ן זייגער; ער איז עפּעס געוועזן אונגעדולדיג; עס איז געוועזן דייטליך, אַז ער האָט ערוואַרטעט עטוואָס.

— זילבערמאַן! (דאָס איז געוועזן לאַזאַר'ס צווייטער נאָמען) זילבערמאַן! — האָט מען אַ געשריי געגעבען פון אָפיס, וועלכער איז געוועזן מיט אַ פלאָר ניעדריגער.

— די טעלעגראַמע! — האָט לאַזאַר אויסגעשריען מיט שמחה,

און איז מיט אימפעט אראָבגעלאָפּען פון די טרעפּ אין אָפּיס אריין.

— היער, פּאפּא, די מאמע האָט דאָס דיר געשיקט... א טעלע־גראמע איז אָנגעקומען, און אָנקעל קומט צו פאָהרען, — האָט דעם שריפּטזעצער בעגעגענט זיין קליין מיידעלע.

— באָרים!... באָרים!... באָרים! — האָט לאזאר איינפאך געגומען שפּרינגען פון פרייד און זיינע אויגען האָבען גענומען שיינען און דער בלייענער פּנים פון דעם שריפּטזעצער איז אין איין מינוט געוואָרען פרעהליך, לעבעדיג.

— טאקע געקומען? — האָט געפרעגט דער באָס.

— יע — האָט שנעל געענטפערט לאזאר.

— אלזאָ, געהסטו אוועק.

— יע, יע... בלויז אויף א פּאָר שטונדען....

לאזאר איז ארויף אַפּ־סטעז.

— געקומען שוין? געקומען שוין? — האָבען געפרעגט די ארביי־טער פון שאַפּ.

— יע, יע, יע — האָט לאזאר געענטפערט קורץ און שארף.

ער האָט זיך געכאַפּט אָנטהאָן, נור אלעס איז איהם געפאלען פון די הענד; די העט האָט ער אָנגעטהאָן קרום, איין קלאָש פון די הויזען איז געבליבען אביסעל פערקאשערט, און אזוי איז ער ארויסגעלאָפען פון שאַפּ.

אַך, וואָס עס טהוט זיך אין קעסיל גארדען: א שיף האָט געבראכט פון דער אלטער ווייטער וועלט א פיינע ביסעל עמיגראנטען. מען וויינט, מען לאכט, מען רעדט, מען קושט זיך...

דאָ וויינט א מאמע און קושט איהרע קינדער; אָן האָט אן אָנגע־קומענער טאטע ארומגענומען זיין זוהן, קושט, האלזט איהם און וויינט ווי א קינד... הערצער בעגעגענען הערצער.... מען וויינט... מען וויינט... יעדער טרעהר, יעדער שטומער טרעהר, דאכט זיך, פון פריידען, פון גליק, דערצעהלט שטילערהייד וועגען גאנצע הערצרייסענדע דראמעס.

א טומעל... א גערויש...

און דאָ... אין טומעל שטעהען צוויי יונגע מענער, צוויי בלאסע שריפטזעצער — זיי זיינען פעסט געארעמט און זיי וויינען אויפ'ן קול... דאָס האָבען זיך בעגעגענט אונזערע אלט־בעקאנטע פריינד: לאזאר און באָרים.

די צוויי זיינען פערבליבען אמת'ע פריינד.

און די צייט, זי פליהט זיך ווייטער. די קאַלטע שטאָלצע צייט, זי קוקט אויף גאָר נישט: ניט אויף די שענדליכסטע, ניט אויף די הערליכסטע טהאטען, ניט אויף די פרעהליכסטע, ניט אויף די טרויעריגסטע בילדער... זי מאכט אוועק אויף אַלעס מיט'ן האנד, לאַכט זיך אויס, און פליהט און פליהט איהר אייביגען געהיימניספאָלען וועג.

באָריס האָט שוין אהער אַראָבגעבראכט זיין ווייב און קינדער, און זיין ראָזע האָט שוין מיט מזל איהם מנדב געווען מיט אַן אַמעריקאַנער סיטיזען. ער וואוינט שוין אין א טענעמענט רום, בעלאַנגט צו דער שריפטזעצער יוניאָן... און.... און... איז זיך א יוניאָן מאַן. קיין „סטעדי" אַרבייט האָט ער נאָך דערווייל ניט, עפּעס אַזוי ווען ניט ווען דער־גרייכט עפּעס אויף צו זיין „רייהע", ער כאַפּט א פּאָר דאָלאַר.. א האַלבען טאָג... א ביסען ברויט... א מאַנגעלע פון לעבען, אָבער סטעדי אַרבייט האָט ער נאָך דערוויילע ניט. עס זיינען דאָ אין דער יוניאָן געגוג קאַנדי־דאַטען אויף אַרבייט פריהערדיגע פון איהם, צו זיין רייהע איז נאָך העט ווייט, ווייט.

דער אַמעריקאַנער דלות, וועלכער טראָגט אַזעלכע שרעקליכע נעגעל, איז שוין ביי באָריס'ן אין הויז א שטענדיגער בעזיצער; ער ווערגט שוין גאַנץ פיין מיט די נעגעל דעם אָרעמען באָריס'ן, ער ווערגט זיין ווייב, ער ווערגט די חברה קליינע קינדערלעך, ער ווערגט, ער שטיקט פאַר די גערגעלעך...

איז אייך בעקאַנט די שרעקליכע שלאַנג, וועלכע צווישען אונז קבצנים רופט מען מיט דעם נאָמען „דחקות"?

וועה איז צו יענעם... וועה, וועה איז צו יענעם, אויף וועמען זי וואַרפט זיך אַרויף! זי פערגיפטעט דעם קערפּער, זי פערגיפטעט דעם גייסט... לאַנגזאַם מיט מאַטערניש, שטיקלעכווייז, א גליעד נאָך א גליעד שטאַרבט אַוועק איהר אָפּפער... אָה, די שלאַנג, די שלאַנג!... איך ציטער ווי א בלאַט, ווען איך זעה איהר געשטאַלט.

אָט דיעזע שלאַנג האָט אַרומגעוויקעלט באָריס'ען פון די פיס ביז דעם קאָפּ...

נור דעם גרינעם'ס מזל איז נאָך ניט פערפאַלען, און עס וואַקס ביי איהם די האָפנונג אויף א פערבעסערונג פון זיין לאַגע: ער איז שוין ניט דער לעצטער אין דער „רייהע", עס איז שוין נאָהענט פון א סטעדען

פלאץ. די לעצטע צייטען האט זיין מזל א שיין געגעבען: אן ארבייטער פון די פריהערדיגע אין דער „רייהע“ האט זיך אויסגעבראכען א האנד — און בארים איז ארויף א טרעפ נעהנטער צו זיין וואונש — צו האבען ארבייט. א צווייטער האט איבערגעלאזען א ווייב מיט קינדער און איז אנטלאפען ערגעץ־וואו — נאך א טרעפ ארויף! א דריטער האט בעקומען די שווינדזוכט און ליגט אין האספיטאל — נאך א טרעפ! איין טרעפ איז איהם געבליבען... נאך איין טרעפ, און זיין לאגע איז פערבעסערט... אבער אויף דיעזער לעצטער טרעפ האט ער זיך פערזאמט — ער קען זי ניט אריבער.

* * *

דאס איז געווען אין אנפאנג פון מאנאט מערץ. דער טאג איז געווען עפעס א צרה'דיגער: אויף דרויסען איז געווען נאס, קאלט און פינסטער.

דונקעל, קאלט און טרויעריג איז אויך געווען אין דער וואוינונג פון בארים דעם שריפטזעצער. די קינדער זיינען געווען אין סקול, די בייבי האט געשלאפען. בארים איז געזעסען דעם קאפ אנגעשפארט אן ביידע הענד, און האט וועגען עפעס געטראכט; זיין ווייבעל איז געלעגען אין בעד־רום און פון דארטען האט מען געקענט הערען איהרע זיפצען.

— דו הערסט, בארים? — האט זיך דערהערט א שוואכע, וויינענדיגע פרויען־שטימע פון בעד־רום.

— יעס, — האט זיך א כאפ געטהאן בארים.

— דו הערסט? — האט די שטימע גערעדט — נו, וואס וועט דאס פארט זיין? מען מוז דאך פארט קויפען א נייעם מאטראץ, ווען ניט וועלען וואנצען צופרעסען אונזער בייבי, איך שלאף ניט נעבט און קלייב פון איהר. דעם מאטראץ קען מען שוין ניט רייניגען...

— את... את, טאמער וועט זיך פארט מאכען מעהר ארבייט — האט בארים געענטפערט, און זיין פנים האט זיך בעדעקט מיט א שאטען.

— נו, און וואס וועט דאס פארט זיין מיט מיינע שיך? — האט זיך ווייטער געהערט א זיפץ פון בעד־רום — מען מוז דאך פיקסען, זיי צופאלען דאך אויף די פיס... איך קען א טראט ניט געבען.

— נו, וואס זאל איך טהאן? וואס זאל איך טהאן? — האט בארים פערבראכען מיט די הענד.

— נו, און דיינע הויזען? זיי צופּאַלען דאָך שוין; איך קען זיי שוין מעהר ניט פיקסען...

— נו, מאַך עפּעס, אַז ס'איז ניטאָ אַ סענט ביי דער נשמה — האָט זיך באָרים עפּעס ווי געבעטען רחמים.

— ביי באַשקעלע'ן איז שוין אַ העמד ניטאָ אויפ'ן לייב, און וואָס איז ביי מיר? איך האָב שוין אויך ניט קיין העמד אויפ'ן לייב.

באָרים האָט לענגער ניט געקענט איינזיצען. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט גענומען אַרומטרעטען איבער'ן צימער.

— און אָט רוקט זיך אונטער רענט... אוי, אוי, רענט... דערמאָן זיך רענט.... ניין דאָלאַר... ניין דאָלאַר... — האָט ניט אויפגעהערט צו זיפצען באָרים'עס פרוי.

— גאָט מיינער... וואָס טהו איך? — האָט אויסגעשריען דער פערצווייפעלטער באָרים.

מען האָט האַסטיג אָנגעקלאַפּט אין טהיר און עס איז אַריינגעלאָפען בלומע — לאַזאַר'ס פרוי.

איין בליק אויף דער אַריינקומענדער האָט דייטליך געצייגט, אַז אַן אומגליק האָט פּאַסירט. איהרע האָר זיינען געווען צואוואָרפען, דער פּנים בלאַס און פערוויינט און די אויגען פול מיט טרעהרען.

— בלומע!! — האָט באָרים געגעבען אַ געשריי מיט שרעק — וואָס האָט פּאַסירט??

באָרים'עס זיפצענדע ווייבעל איז אַרויס פון בעד־רום.

— מיין לאַזאַר... — האָט קוים וואָס אַרויסגערעדט בלומע, האָט זיך אוועקגעזעצט און צוואויינט זיך אויפ'ן קול.

— וואָס איז געשעהן? — האָט באָרים צוזאַמען מיט זיין פרוי געפרעגט אין איין קול.

— ער איז געקומען פון שאַפּ... אהיים... ער איז זעהר קראַנק... ער פיהלט זיך זעהר שלעכט... איך האָב געוואָלט רופען אַ דאָקטאָר, האָט ער מיך פריהער אהער געשיקט... באָרים... קומט, קומט שנעלער!

— ער וועט גאַנץ זיין, בלומע, — האָט גערעדט באָרים'עס ווייבעל,

— ער וועט געזונד זיין, שרעקט זיך ניט... זייט נור אַ מענש.

באָרים האָט שנעל אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם העט, ער האָט געכאַפּט דעם רעקעל אָנטהאָן... סטאָפּ! דאָ האָט די איילעניש געמישט. וואָרים דער אונטערשלאַק איז געווען צוריסען אין די אַרבעל, און ער

האָט געמוזט פריהער קאַלטבלוטיג מיט אַן אָרדער איהם אויסלעגען.... ניט ווילענדיג האָט ער אַ בליק געגעבען אויף זיינע הויזען... אַך, ווי זיי זיינען געווען צוריסען... דורך באַרים'ס צוטומעלטע געדאַנקען האָט זיך שנעל ווי אַ פייל פון בויגען דורכגעשניטען אַ מחשבה, אַז די „לעצטע טרעפּ" איז פּיליכט אַריבער... ער האָט זיך עפּעס ווי אַליין דערפאַר דערשראָקען...

— קומט — האָט ער געזאָגט צו בלומען, און ער איז ארויסגעלאָפען פון צימער...

שפּעט אין דער נאַכט איז באַרים געגאַנגען פון זיין קראַנקען פריינד. ער איז געגאַנגען פערטראַכט. זיין קאָפּ איז געווען איבערפילט מיט רעיונות: די גאַנצע צייט וואָס ער האָט פערבראַכט ביי זיין פריינד, מיט אַלע קלייניגקייטען, וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען, איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען... זיין האַרץ איז אָבער פערבליבען עפּעס רוהיג.

— וואָס איז דאָס? — האָט באַרים ביי זיך זעלבסט געפרעגט — לאַזאַר'ס לאַגע איז אַזוי קריטיש, וואָרום טהוט עס מיך עפּעס ניט אַ ריהר ביים האַרצען?

באַרים האָט זיך זעלבסט גענומען אַנאַליזירען. ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי צוגעהערט, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין האַרצען — לאַזאַר, זיין קראַנקער פריינד, איז דאָרטען ניט געווען...

דעם דאָקטאָר'ס ווערטער האָבען זיך גענומען איבעררייידען אין זיין זינען.

— זיין לונג איז שוין לאַנג קראַנק — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אַצונד האָט ער זיך גוט צוגעקיהלט, ביי איהם איז אַ שטאַרקע אָנציי־דונג, ער איז געפעהרליך קראַנק.

„געפעהרליך קראַנק... געפעהרליך קראַנק"... דיעזע ווערטער האָבען גענומען אָהן אַן אויפהער קלינגען אין באַרים'ס אויערען, און ער האָט דערפיהלט, אַז איהם פאַלט אַראָב ווי אַ שטיין פון האַרצען.

— וואָס איז מיט מיר? ניט שוין־זשע ווינש איך לאַזאַר'ן שלעכטס? — האָט באַרים געפרעגט ביי זיך — איך... איך... לאַזאַר'ען?
— ער האָט פערביסען די ליפּען.

— דיין רייהע וועט קומען מאָרגען, וועסט שוין אַרבייטען! — האָט ער דערהערט ווי אַ שטימע רעדט צו איהם — אויס דחקות, שבת

נאך דער פיי וועסטו קויפען א מאטראץ... שיך... העמדלעך... הייזען... דיין ראזע וועט ווערען פרעהליכער, געזינטער. דיין לעצטע טרעפ צו דיין „רייהע“ איז אריבער.

באריס'ן איז געווארען אלץ בעסער און בעסער אויפ'ן הארצען... נור פלוצלינג האט ער זיך א כאפ געטהאן... איהם האט עפעס א שוידער געגעבען.

„אויף וועמעס רעכענונג איז דאס? ! — האט ער כמעט הויך געשריען — אויף לאזאר'ס! אויף מיין לאזאר'ס! וואס איז מיט מיר? וואס בין איך — משוגע?“

באריס האט זיך גענומען דערמאנען ווי אמאל, ווען זיי, ער און לאזאר, זיינען געשטאנען צוזאמען קווארטיר, איז ער, באריס, געווען קראנק. ער האט זיך לעבעדיג גענומען עראינערען ווי לאזאר פלעגט אבגעבען נעכט ביי זיין געלעגער, ווי לאזאר האט פערזעצט זיינע ביכער, זיין לעצטע העמד פון זיך און האט איהם רפואות געשאפט... ביי באריס'ן זיינען פערלאפען די אויגען מיט טרעהרען, און דאס הארץ האט איהם גענומען וועה טהאן...

— לאזאר, מיין גוטער לאזאר — האט ער גענומען שעפטשען — איך האב דיך האלט, אזוי ווי אמאל... דאס איז גארנישט... דאס איז נאריש....

„ער וועט נאך יעצט געזונד ווערען“, האט באריס ווייטער געטראכט.

„און דו וועסט סטאפען פון דער ארבייט“ — האט געלאזט זיך הערען א קאלטע, אונאנגענעהמע שטימע... ביי באריס'ען איז ווייטער געווארען דאס הארץ קאלט, פערשטיינערט, און ער האט ווייטער דער־הערט דעם דאקטאר'ס ווערטער: „געפעהרליך קראנק“... איהם איז ווידער געווארען ווי פרייער, ווארעמער אויפ'ן הארצען...

— אה, ווי איך בין פערדארבען! איך בין געפאלען! האט באריס אליין צו זיך גערעדט.

„האט מען אויף דיר רחמנות?“ — האט עפעס ווי אימיצער גענומען איהם פערענטפערען — „קוקט מען דען אויף דיר, ווען דו שטארבסט באלד אוועק פון הונגער?...“

„וואנצען עסען אונזער בייבי“, — האט באריס אין זיין מחשבה דערהערט זיין ווייב'ס שטימע.

— איך וועל אָבנעהמען פּיי, וועל איך קויפען פאַר דעם קינד א נייע בעטעלע. — האָט ער גלייך געענטפערט מיט זיין מחשבה.

— און ווען לאַזאַר וועט בעסער ווערען ?...

„געפעהרליך קראַנק" — האָט אָבגעקלונגען דעם דאָקטאָר'ס ווערטער....

ווען באָרים האָט זיך א כאַפּ געגעבען, איז ער שוין געהאַט געגאַנגען איבער'ן האָל פון דער הויז, וואו ער האָט געוואוינט.

ער האָט גענומען שנעל טרעטען איבער די טרעפּ. איהם האָט זיך עפּעס פערגלוסט אַנצוזאָגען זיין ראָזע'ן די „שלעכטע בשורה", אַז לאַזאַר איז „געפעהרליך קראַנק".

כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, דאָך איז ראָזע ניט געשלאָפען. נאָך איהרע אויגען איז געווען קענטיג, אַז זי איז געווען אויפגערעגט.

— נו, וואָס איז מיט לאַזאַר'ן ? — האָט זי געפרעגט.

— ער איז „געפעהרליך קראַנק" ; אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— וואָס איז דאָס מיט אַמאָל ?

— א לונג־אָנצינדעניש...

— דאָס איז ניט פרעהליך...

„דאַרפסט שוין מאָרגען געהן אַרבייטען" — האָט ראָזע געוואָלט זאָגען, אָבער די ווערטער זיינען ביי איהר געבליבען אויף דער צונג...

„מאָרגען געה איך אַרבייטען" — האָט באָרים געוואָלט זאָגען, ער איז אָבער דערווייל אויך געבליבען שטיל. שפּעטער, שפּעטער, האָבען זיי שוין וועגען דעם גערעדט.

* * *

דאָס איז געווען א שעהנער פריהלינג אבענד ; די זון האָט שוין געהאַלטען אין פערגעהן, און פאַר איהר שיידען זיך האָט זי געקוקט אַזוי מילד, אַזוי שעהן און האָט אַלעם בעגאָסען מיט א בראָנזען־ליעבליכע ליכט...

ווען איהר זייט נור געווען ביי באָרים'ען אין וואוינונג מיט א צייט צוריק, דאַן ווען ער האָט, ניט פאַר אייך געדאַכט, קיין אַרבייט ניט געהאַט און איהר וואָלט יעצט אַריינגעקומען, וואָלט איהר די זעלבע

צימערען גאר ניט דערקענט. אמאליגער אומעט, וואס האט דא גע־הערשט, איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען. אלעם האט זיך געענ־דערט: די וועגד זיינען געוועז פון דאס ניי איבערגעפייפערט, נייע מעבעל צוגעקומען, ראזע, באריס'עס פרוי, האט שוין אין זין געהאט א נייעם ראפער, נייע שיך.

זי איז געשטאנען א צופריעדענע און אויפגעלעגטע ביים פרעהליך־ברענענדען אויווען און געקעכעלט. די קינדערלעך האבען געשפיעלט, געשטיפט און געלאכט. די בייבי איז געלעגען אויף א קישעלע און האט אויך עפעס פרעהליך „גערדריוקסט", עפעס אזוי ווי זי וואלט פערשטאנען, אז דעם טאטענ'ס לאגע האט זיך פער־בעסערט.

עס איז אריינגעקומען באריס. זיין פנים האט אפילו ניט איבריגס געשיינט. ער איז געוועז פערשווארצט, פערפינסטערט פון דער ארבייט, אבער דאך איז אויף איהם געלעגען א קאנטענטקייט.

— האלא, מיינע טהייערע ! — האט דער שריפטזעצער בעגעגענט זיינע קינדער און האט זיי יעדען געקושט, אויך האט ער ניט פערגעסען זיין ראזע'ן.

— באריסעלע — האט ראזע געזאגט — וואש זיך איין, און לאמיר טאקע גלייך עסען סאפער; איך בין אזוי הונגעריג, און מיר האבען טאקע היינט א פיינעם סאפער.

אין דער זעלבער צייט, אין דעם זעלבען אבענד, איז אין א טענעמענט קבר אויף א בעטעל געלעגען א סקעלעט פון א מאן, בעצווי־גען מיט א געלער בלאסער הויט. דער סקעלעט האט אלץ געוואלט כאפען דעם אטהעם און האט ניט געקענט. ער האט זיך שרעקליך געמאטערט און געשיידעט זיך מיט'ן לעבען.

ארום איהם איז געזעסען א פרוי מיט צוויי קינדער און האבען הערצרייסענד יאמערליך געוויינט.

דאס איז געוועזן לאזאר דער שריפטזעצער מיט זיין פאמיליע...

נא דיר פרייטאג.

איך צווייפעל אויב אירגענד ווער האט ווען־עס־איז געוואַרט אויף א פרייטאג, אזוי ווי עס האט די לעצטע גאנצע וואך געוואַרט אויף איהם ברוך דער שוהמאכער און זיין פאמיליע.

דער מאן איז א גאנצע צייט ארומגעגאנגען סלעק, ער האט עפּעס ביי א דריי מאָנאטען צייט א צובראָכענע פּעני ניט פערדיענט און ביי איהם אין הויז האט זיך איינגעוואָרצעלט א פינסטערע, שוידערליכע נויט, עס איז געקומען אזוי ווייט, אז עס איז איינפאך ניט געווען אויפ׳ן שטיקעל טרוקענעם ברויט.

נור ענדליך האט זיך דער מזל ערבארעמט איבער דעם אָרימען שוסטער און ברוך האט געקראָגען ארבייט. דער גליק איז געקומען פּונקט צו דער צייט, ווארום ווען עס וואָלט געדויערט עטוואס לענגער, וואָלט ברוך מיט זיין פאמיליע מעהר עקזיסטירען ניט געקענט.

מאָנטאג אין דער פריה, ווען ברוך איז אוועק צו דער ארבייט, האָט ער מיט זיך גאָרנישט גענומען צום עסען. אויך האָט ער געוואוסט אז ער לאָזט איבער אין דער היים א פרוי מיט דריי קליינע קינדער אָהן א שטיקעל ברויט.

ברוך׳ס ווייבעל, וועלכע איז שוין געווען אין דער לעצטער שטופע פון פערצווייפלונג און וועלכע איז שוין געווען מיעד פון בעטען בּאָרגען און פון בעטען לייהען, וואָלט שוין געווים געבליבען זיצען אין דער היים און איבערגעגעבען זיך און איהרע קינדער אין דער האנד פון דעם שיקזאל, נור דער געדאנק, אז איהר מאן ארבייט שוין, האָט איהר געגעבען מוטה, זי איז אוועק „טרייען“ און האָט ענדליך ארום האלבען טאָג געקראָגען ערגעץ־וואו א דאָלאר אויסגעבאָרגט.

די פרוי איז געקומען אהיים, געמאכט עפּעס וואָס צום עסען פאר זיך און די קינדער, אויך האָט זי געמאכט א סאפּער פאר׳ן מאן.

ווען ברוך איז געקומען פון דער ארבייט איז ער געווען אזוי שוואך, אז קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס.

— וואָס הערט זיך? — זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער,

ווען ער איז אריינגעפאלען אין הויז — האבען די קינדער גענעסען?

— יא, יא. — האט איהם בערוהיגט זיין פרוי.

— נו, און מיר איז עפּעס פאראנגען וואס א ביס צו טהון? — האט ער שוין דאן געפרעגט מיט א לייכטערען אָטהעם.

— ראָזע, אזוי האט געהייסען ברוך'ס ווייבעל, האט מיטגעטהיילט איהר מאן, אז עס איז דאָ סאפּער, און דעם אָרימען שוסטער איז געוואָרען גוט און לייכט אויפ'ן הארצען.

שפּעטער ביים סאפּער האט ראָזע זיך צורעדט מיט איהר מאן. ער האט דערצעהלט וועגען זיין ארבייט, און זי האט אלץ דערצעהלט ווי ביטער און שווער עס איז איהר אָנגעקומען צו דערקאזען דעם דאָלאר, און דאן האבען זיי ביידע געפּאסט א רעזאָלוציאָן, אז מיט דעם געבאָרגטען דאָלאר מוז מען אויסקומען ביז פרייטאג אבענד, דאָס הייסט ביז וואנען ער, ברוך, וועט ברענגען זיינע ווייַדזשעס, וואָרום אין דער פעקטאָרי וואו ער האט געארבייט איז פרייטאג געווען דער „פּעי דעי“.

ברוך פלעגט יעדען טאָג געהן צו דער ארבייט און ער האט געוואַרט אויפ'ן פרייטאג. ראָזע פלעגט יעדען טאָג מאַטערן זיך מיט איהר עקאָנאָמיע אום אויסצוציהען די לעצטע הוצאות פון דעם איינ־ציגען דאָלאר און האט געוואַרט אויפ'ן פרייטאג. אויך ברוך'ס הונגעריגע, אויסגעדארטע קינדערלעך האבען ערוואַרטעט דעם גוטען פרייטאג, וועגען וועלכען פּאפּא און מאמא האבען זיי דערצעהלט הרים וגבעות און אין וועלכען זיי האבען ערוואַרטעט צו געניסען פיעלע פערשפּראָכענע גליקען — איך צווייפעל אויב אירגענד ווער האט ווען־עס־איז געוואַרט אויף פרייטאג אזוי ווי עס האט די לעצטע גאנצע וואָך געוואַרט אויף איהם ברוך דער שוהמאכער און זיין פאמיליע...

דאָנערשטאג איז אריבער! ביי ברוך'ן אין הויז איז שוין א פּעני ניט געווען. ראָזע האט די לעצטע פּאָר סענט פון דעם דאָלאר געספּענט אויף א האלבען גאלון קעראָסין, א לעבעלע ברויט און א הערינג. דיזער מאטעריאל איז דאָס שוין געווען איינגעקויפט אויף מאָרגען, אויף פרייטאג, אבער מעהר איז אין הויז גאָרנישט געווען — ניט קיין צוקער, ניט קיין טהעע, ניט קיין קאפּע, ניט קיין ביסעל מילך — גאָרנישט, גאָרנישט! אבער דערפאר האט מאָרגען בעדאַרפט זיין פרייטאג, און ברוך מיט זיין פאמיליע האבען ניט געזינדיגט.

אויף מאָרגען פריה, ווי ברוך האָט נור געעפענט די אויגען פון שלאָף, האָט ער גלייך צו זיך זעלבסט געזאָגט:
— היינט איז שוין פרייטאג.
— עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז ראָזע שלאָפט שוין אויך ניט און זי האָט געענטפערט:
— און איך טראַכט וועגען דעם טאַקע.
— אז מען לעבט דערלעבט מען — האָט ברוך געזאָגט און גענומען שנעל אָנטהאָן זיך.
— גאָט צו דאַנקען דורכגעקומען — האָט ראָזע גלייך בעגינען איינגעטהיילט א ברכה דעם טאַטען אין הימעל.
ברוך איז אַרוים אין קיטשען, א פליאָך געגעבען אביסעל וואסער אויף די הענד, א ריב געגעבען דעם פּנים, א וויש מיט'ן האַנדטוך, און שוין גענומען געהן צום טהיר.
— ברוך — האָט איהם ראָזע אָבגעשטעלט — נעהמסט גאָר ניט מיט מיט זיך אין שאַפּ?
— איך האָב זיך גאָר פערגעסען — האָט ברוך זיך א כאַפּ געטהאָן
— האָסט עפּעס וואָס צו געבען?
— אין ברויט־באָקס ליגט ברויט — האָט ראָזע געענטפערט — און אין אַלמער אין א פּייפּער ליגט א הערינג; נעהם, דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב, ברוך'ל.
— גענוג — האָט ברוך געענטפערט, שנעל אָבגעשניטען א שטיקעל לחם, אָבגעריסען דעם קאָפּ פון דעם הערינג, פערוויקעלט אין א פּייפּער און גענומען עפענען די טהיר.
— ברוך — האָט ראָזע א צווייטען מאָל אָבגעשטעלט איהר מאַן — וועסט אפשר קענען אויסבאָרגען א פּאָר פּענים אין שאַפּ, וועסט זיך עפּעס קויפען צום עסען.
— עט, — האָט ברוך געענטפערט — בעסער אפשר וועסטו קריגען עפּעס, כאָטש א פּאָר פּענים, קויף פּאַר די קינדער עפּעס צום עסען.
— ברוך... וועה איז מיר — האָט ראָזע זיך פּלוצלינג א כאַפּ געטהאָן — עס איז דאָך עפּעס היינט פרייטאג, איך האָב גאָר פערגעסען. ביז וואַנען דו וועסט קומען און ברענגען געלד און ביז וואַנען איך וועל אָראָב איינקויפען, קען מען נאָך חלילה פערשפּעטיגען די בוטשער סטאָר און די גראָסערי, וועה איז מיר, וואָס זאָל איך טהאָן?

— וואָס קען איך דאָ העלפען ? — האָט ברוך געפרעגט.

— איך וועל דיר זאָגען, — האָט ראָזע געענטפערט — ווען דו וועסט געהן פון שאַפּ, אייל זיך ווי דו קענסט, און אויפ'ן וועג פערגעה אין בוטשער סטאָר, נעהם אַ פונט פלייש ; פערגעה אין גראָסערי, און פערקאַפּ אַ קוואָרט פּאָטייטאָס, אַ פונט ציבעלע, אַ פערטעל פּוטער, אַ פּייפּער צוקער, און אַכטעל טהעע, אַ פערטעל קאַפּע.... וואַרט, און וואָס נאָך ? — האָט ראָזע זיך גענומען עראינערען און גלייך ווייטער גענומען רעכענען — אַ פערטעל רייז, צוויי סענט ראָזשינקעס, אַ חלה און אַכט־סענטיגע, צוויי הערינג און... און וואָס נאָך ?

ביי דעם אָרימען ברוך האָבען זיך די האָר פון קאָפּ אוועקגעשטעלט קאַפּויר.

— גענוג, גענוג ! — האָט ער איבערגעשלאָגען זיין ווייבעל — ווי וועל איך דאָס אַלעס געדענקען ?

— וועסט געדענקען. — האָט ראָזע געזאָגט — און ווען ניט, וועט דער גראָסערי מאַן דיך שוין אליין דערמאָנען. ער וועט שוין דיר אַלעס אויסרעכענען.

— און ווי וועל איך דאָס אַלעס אריינטראָגען ? — האָט ברוך געפרעגט.

— גלייך. — האָט ראָזע געענטפערט.

די ווייבעל איז ניט פויל געווען, אויפגעהויבען זיך פון בעט, אריין אין פראָנט רום, ארויסגענומען עפּעס אַ טישטוכעל פון שטרויענעם קאַסטען און דערלאַנגט עס דעם מאַן.

— נאַ, — האָט ראָזע געזאָגט מיט אַ שמייכעל — וועסט איינ־וויקלען אַלעס אין דעם, וועסט מאַכען אַ באָנדעלע.

ברוך איז אייגענטליך ניט געוועזן צופריעדען פון דעם גאַנצען מסחר און ער איז שוין געווען ברוגז'לעך. נור ווען עס האָט זיך נעבען איהם אוועקגעשטעלט זיין ראָזע אין איהר „נאַיט גאָון" און האָט קאָקעטיש געשמייכעלט, איז איהם דער כעס פאַראיבער. ער האָט גוט־מוטהיג אַ שמייכעל געגעבען און גענומען דעם טישטוכעל אוועקלעגען אין קעשענע. דערווייל האָבען גענומען ברוך'ס קינדערלעך איינציג־ווייז אַרויסקריכען פון בעדרום.

— פּאַפּאַ, היינט איז פריידאַג, וועסט ברענגען גוטע זאַכען.

— פּאַפּאַ, ברענג מיר קענדי.

— פאפא...

— גוט, גוט, גוט... — האט ברוך שטיל געענטפערט און איז ארויסגעלאפען פון הויז.

*

אין שאפ, וואו ברוך דער שוסטער האט געארבייט, האט מען געהאלטען אין טהיילען וויידזשעס צו די ארבייטער.

— ברוך לערמאן ! — האט דער באס אויסגערופען און אונזער שוסטער איז צוגעגאנגען צום באס. דער ארבייטער האט געהאט צו בעקומען זיעבען דאלאר און ער האט שוין ערווארטעט גלייך צו קריגען די מזומנים. מען האט איהם אבער קיין געלד ניט געגעבען.

דער באס האט איהם אנשטאט געלד דערלאנגט א פאר מענער־שיך און האט ביי איהם געפרעגט :

— האט איהר דאס געארבייט ?

ביי ברוך'ן איז דאס הארץ אזוי ווי פערשטארבען געווארען.

— יעס. — האט ברוך געענטפערט, דערקענענדיג זיין ארבייט.

דער באס האט איהם אנגעצייגט אויף א געוויסען פעהלער, וועלכען ער האט געמאכט אין דער ארבייט.

ברוך איז געווארען בלאס ווי א טויטער.

— איך האב אזעלכע אכט פאר שיך, — האט דער באס דאן געזאגט — און אלע אייער ארבייט, און אלע מיט דעם זעלבען מיסטייק.

ברוך האט דערפיהלט אזוי ווי אימיצער װאלט ביי איהם אונטער־געהאקט די פיס... איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען...

— וועלל, — האט דער באס גענומען רעדען — עס איז נאך גוט, עס איז נאך א גליק, וואס די שיך זיינען ביליגע און די גאנצע אכט פאר טרעפען אן בלויז צעהן דאלאר.

— וואס טהו איך ? — האט דער אונגליקליכער און דערשראקע־נער ברוך געשטאמעלט און ער האט געציטערט ווי א בלאט.

— וועלל, — האט דער באס געענטפערט — איך האף אז איהר וועט יעצט בעסער ארבייטען, נור די אכט פאר שיך מוזט איהר צונעהמען, אזוי פיהרט זיך דא אין שאפ ; ווען איינער פערדארבט אן

ארבייט, נעהמט ער עם זי צו און בעצאָהלט דאַפיר. זיעבען דאָלאר וועל איך אייך אָברעכענען היינטיגע וואָך און דריי דאָלאר וועט איהר אָבארבייטען נעקסטע וואָך.

*

אין דער היים האָט מען ברוך'ן אונגעדולדיג ערוואַרטעט. די קינדער זיינען געשטאַנען און געקוקט אין די פענסטער, און ראָזע האָט זיך פערפערטיגט און צוגעגרייט. זי האָט אויפגעזאָדען אַ „טהי פאָט" מיט וואַסער; אַוועקגעשטעלט קאָכען אין אַ טעפּעל וואַסער; פערקאַשערט די אַרבעל הויך איבער די עלענבויגענס און האָט געוואַרט אויף איהר מאַן.

— דער פּאַפּאַ געהט! דער פּאַפּאַ געהט! — איז געוואָרען אַ פרעהליכער ליאַרם פון די קינדער.

ראָזע האָט אַ בליק געגעבען אין שפּיעגעל און צוגעלאָפען צום פענסטער. זי האָט ווירקליך געזעהען איהר מאַן מיט אַ באָנדעל אין די הענד, קומענדיג אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום הויז. ראָזע האָט מיט דורסטיגע בליקען בעטראַכט דעם באָנדעל וועלכען איהר מאַן האָט געטראָגען; איהר האָט דער באָנדעל געשיינט צו זיין צו גרויס עפּעס, און דעם שוסטער'ס ווייבעל האָט געטראַכט און געוואונדערט זיך וואָס איהר מאַן האָט דאָרט אָנגעקויפט.

נור אָט האָבען זיך ברוך'ס טריט דערהערט אין האָל, ביי ראָזע'ן האָט עפּעס גענומען קלאַפּען דאָס האַרץ, און די קינדער האָבען גענומען שפּרינגען און טאַנצען.

— דער פּאַפּאַ געהט...

— דער פּאַפּאַ טראָגט גוטע זאכען!

— דער פּאַפּאַ... דער פּאַפּאַ...

און דער פּאַפּאַ איז אַריינגעקומען.

אָבער אָה, וועה, ווי ברוך האָט אויסגעקוקט!...

דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען, דער פּנים בלאַס און אויסגעקרימט פון יסורים און די אויגען פערלאָפען מיט טרערען.

ברוך האָט אַ שליידער געגעבען דעם באָנדעל אויף דעם פלאָר, האָט זיך אַ זעץ געגעבען אויף אַ שטוהל און בעהאַלטען דעם קאָפּ אין די הענד.

ראָזע, ווי אויך די קינדער, זיינען געבליעבען שטעהען איבערראַשט, פערוואונדערט און דערשראָקען.

— וואָס איז דער מעהר? — האָט מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם געפרעגט די דערשראָקענע ראָזע.

— טהו אַ בליק, וועסטו וויסען... — האָט ברוך געצייגט אויף דעם באַנדעל, און ער האָט גענומען איקען און זיפצען.

ראָזע האָט פונאַנדערגעבונדען דעם טישטוכעל.

— שיך! — האָט די אָרעמע פרוי אַ פערצווייפעלטען געשריי געגעבען, און איהר פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון שרעק

— שיך.

— שיך... — האָבען די קינדערלעך פערוואונדערט זיך איבער־געקוקט, און די יונגינקע נפש'לעך האָבען ניט געוואוסט, צו וויינען, צו לאַכען.

באַלד האָט ראָזע וועגען אַלעם זיך דערוואוסט.

— נאַ דיר פרייטאָג! — האָט זי געזאָגט מיט אַ נערוועזען שמיי־כעל... און באַלד האָט זי זיך צואויינט.

די קינדער האָבען טרויעריג אַראָבגעלאָזען די קעפּעלעך און זיי זיינען געבליעבען שטעהען שטיל ווי די בענומענע...

דער ערשטער לעסאָן.

ערשט מיט איינינע חדשים צוריק האָט עס פּאַסירט...

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג ווינטער אַבענד; ווען העסיל דער העמדעל־נעהער איז געקומען אַהיים פון דער ארבייט, האָט ער אַזוי ווי אימער געטראָפען זיין פרוי קאָכענדיג סאַפּער און זיין קליינע צוויי־יעהריגע מיידעלע, שפּיעלענדיג מיט צאַצקעס אויפ'ן פלאָר; ער האָט אָבער ניט געטראָפען אין דער היים זיין עלטערעס קינד, זיין זוהן, זיין צעהן־יעהריגען אייבי'ן.

און געוואוינט געוואָרען איז העסיל שטענדיג טרעפען זיין עלטערעס קינד אין דער היים, זיצענדיג פערטיעפט אין זיינע סקול־ביכלעך אָדער אין די ביכלעך וועלכע ער, אייבי, נעהמט צום לעזען אין דער פרייער לייברערי פון היברו „אינסטיטוט".

ליעב האָט דער פּאָטער אייבי'ן, שמערצליך ליעב, און דער העמדעל־נעהער לעגט גרויסע האָפנונגען אויף זיין זוהן.

א טהייער קינד איז אייבי, א זעלטען קינד!

טראָגט אויף זיך א טהייער קעפּעל און איז א גרויסער בעל חשק אין לערנען, אין סקול איז ער דער ערשטער און בעסטער שילער, לערנט זעהר גוט, אויך ווען אייבי קומט אַהיים נעהמט ער זיך גלייך פאַר זיינע ביכלעך.

אייבי איז עפּעס גאָר ניט ווי אַנדערע קינדער, ער האָט ניט ליעב ארומצולויפען, לויפערן, אין איהם איז גאָר קיין שפּיעל ניטאָ. דער בוך — דאָס איז אייבי'ס נשמה; שרייבען, לייענען — דאָס איז זיין לעבען. ניט אומזיסט איז העסיל געוואוינט געוואָרען קומענדיג פון דער אַרבייט צו טרעפען זיין אייבי'ן אין דער היים ביי די ביכלעך, און ווען ער האָט איהם דעם מאָל ניט געטראָפען, האָט עס דער אָפּרייטאָר גלייך בעמערקט און האָט זיך ווענדען דעם געווענדעט צו זיין פרוי:

— פרומע לאה, וואו איז עפּעס אונזער אייבי?

שטעהט פרומע לאה און שמייכעלט.

— האָסט איהם נאָך עפּעס געשיקט? — פרעגט העסיל.

— ניין. נאָך וואָס זאָל איך איהם שיקען?

בעמערקט העסיל, אז זיין ווייב שמייכעלט, ווערט ער נאָך מעהר נייגעריג און פרעגט ווייטער:

— וואָס שמייכעלסטו, בהמה, וואו איז אייבי?

— האָסט שוין אַן ארויסהעלפער אויף די עלטערע יאָהרען. — מאַכט פרומע לאה און שמייכעלט אימער עפּעס אזוי גוטמוטהיג.

— וואָס איז אזוינס? — פערשטעהט ניט העסיל זיין פרוי. ווערט דעם העמדעל־נעהערם בלאַסער פּנים אזוי ערנסט און ניט צופריעדען.

— וואוהין האָסטו איהם געשיקט, פרומע לאה? — פרעגט דער מאַן ביי זיין פרוי מיט אַ שטרענגען קול.

— איך? איך האָב איהם ניט געשיקט.

— אָבער וואָס איז ער געגאַנגען טהאָן?

— לאַנגע יאָהר זאָל איהם זיין, וואָס פאַר אַ טהייער קינד ער איז. — ענטפערט אויף דעם פרומע לאה.

— וואוהין איז ער אוועק? — פרעגט העסיל אונגעדולדיג.

— האָט אַ טהייערע הארץ! — לויבט די מוטער איהר קינד, און ביי העסל'ען פּלאַצט די געדולד און ער גיט שוין אַ געשריי אין כעס'דיג:

— ועסט שוין אמאָל דערצעהלען וואוהין ער איז אוועק?

פרומע לאה ווערט גאַנץ ווענינ נתפעל פון איהר מאַן'ס כעס, זי הערט ניט אויף צו שמייכלען גוטמוטהיג און געהט זיך מיט איהר פריהערדיגען וועג:

— אַ טהייער קינד.

— איך וויים, אָבער נו...

— נעכטען ביינאַכט האָט ער געהערט ווי דו הוסט...

— נו, נו...

— זאָגט ער צו מיר היינט: „מאַמע, איך האָב געהערט דער טאַטע האָט זעהר געהוסט, ער איז זעהר אַ שוואַכער... ער האָט ניט קיין כח צו ארבייטען...

— אַן איינפאַל פון אַ קינד! — שלאָגט איבער העסיל זיין פרוי און עס טהוט זיך אָב דער כעס פון זיין פּנים, און אַ שמייכעל נעהמט רוהען אויף זיינע ליפען.

— זאָגט אייבעלע צו מיר: — דערצעהלט ווייטער פרומע לאה —

„און איך העלף איהם ניט; ניין, מאמע, איך רעכען אז עס איז ניט גוט אזוי, מיר פערדריסט זעהר אויפ׳ן פּאפּא.“

— נו, נו? — שטופּט אונטער העסיל זיין פרוי, און אויף דעם בלאסען, אויסגעמאטערטען פּנים פון דעם העמדעל־נעהער נעהמט עפּעס אזוי ווי רוהען די שכינה.

— זאג איך צו איהם, —געהט אן פרומע לאה מיט איהר מעשה— זאג איך צו איהם: „אדרבה, אייבי׳ניו, פארוואס זאלסטו עפּעס טאקע ניט פערדיענען?“ מאכט ער צו דעם ביכעל, טהוט זיך אן און בעט ביי מיר צעהן סענט. פרעג איך דאך: „וואס ווילסטו טהאן, אייבעלע?“ זאגט ער: „איך וועל פעדלען מיט צייטונגען“.

— האסטו איהם געגעבען? — שלאגט העסיל ווייטער איבער זיין פרוי.

— ער איז צוגעשטאנען, האב איך געגעבען.

— און ער איז אוועק פעדלען מיט צייטונגען?

— אז ער בעט זיך, זאל ער געהן...

— נאך אמאל זאל דאס ניט זיין! — האט העסיל א זאג געטהאן קורץ און שארף.

— אז איהם ווילט זיך, זאל ער געהן. — זאגט פרומע לאה.

— ניין. ער זאל ניט געהן! איך דארף ניט זיין פּרנסה. — האט העסיל געענטפערט.

— זאל זיין ניט. מיינע דאגות...

— געוויס ניט!

און פערבלייבענדיג א ווייל׳ע פערטראכט, איז העסיל מוסיף:

— ביז וואנען מיינע פינגער וועלען זיך בייגען, זאל מיך גאט אויסהיטען פון אזעלעכע פּרנסות.

פרומע לאה׳ס פּנים איז ערנסט געווארען און העסיל האט ווייטער גערעדט:

— אונזער אייבעלע איז א גאט׳ס בענשונג, אין רייכען אופן וואלט מען זיך מיט איהם ארומטראגען אויף די הענד... א זעלטענער קינד... אם ירצה השם, אז גאט זאל מיר נור שענקען כחות, וועט ער שוין ניט זיין קיין העמדעל־נעהער.

— גאט זאל איהם היטען! — זאגט פרומע לאה.

— איך וועל ארבייטען ביז׳ן לעצטען טראפּען בלוט, און איך

וועל זעהן, אז ער זאָל אַ מענש זיין... אם ירצה השם, פרומע לאה, אונזער אייבעלע וועט זיין אַ טרייסט אויף אונזערע עלטערע יאָהרען... מיט זיין קעפּעל, מיט זיין חשק וועט ער ווייט אַוועקגעהן.

— ער זאָל נור ביי אונז לעבען און געזונד זיין! — שיקט פרומע לאה אַ שטילען, האַרציגען געבעט צום הימעל.

— דאָס האָט אונז גאָט געבענשט — רעדט העסיל ווייטער — פאַר אונזערע צרות, פאַר אונזער שווערען געמיטה, פאַר אונזער ביטערען דלות; דאָס האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט אַ נחמה פאַר אונזערע צוויי קינדערלעך, וועלכע ער האָט ביי אונז אַוועקגענומען.

— איהם צו לאַנגע יאָהר... — האָט פרומע לאה איבערגעשלאָגען איהר מאַן. איהרע אויגען זיינען דערביי פערלאָפען מיט טרערען און זי האָט זיי גענומען ווישען מיט'ן פאַרטוך, און העסיל האָט ווייטער גערעדט.

— ביז וואַנען מיינע פיס וועלען קענען טרייבען דעם ראָד פון נעה־מאַשין, ביז וואַנען מיינע פינגער וועלען קענען אריינציהען די קאַטען אין נאָדעל, וועט מיין אייבעלע געהען ווייטער און ווייטער און, אם ירצה השם, מיר וועלען דורך איהם געהאָלפען ווערען.

— הלואי, רבונו של עולם!

— זאָלסט איהם נאָך אַמאָל מיט פּייפּערס ניט שיקען.

— עפּעס אַזוי ווי איך האָב איהם געשיקט. — פערענטפערט זיך פרומע לאה.

— איך וויל ניט!

— און איך וויל דען?

— זאָל ער זיצען ביי די ביכלעך... זאָל ער לערנען. דער טאַטע האָרעוועט פאַר איהם...

אייבי איז געקומען.

דער העמדעל־נעהער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זיין קינד, האָט איהם פערזאָגט, אַז ער זאָל וועגען פעדלען מיט פּייפּערס מעהר ניט דערמאָנען, זאָל זיך ניט מישען אין פרנסה־זאַכען און זאָל זיך רוהיג זיצען ביי זיינע ביכלעך...

*

און דאָס האָט פּאַסירט ערשט מיט אייניגע חדשים צוריק.

אין דעם אידישען סוועט־שאַפּ איז ניטאָ קיין לופט און קיין

ליכט... לאַנגזאַם, אָבער זיכער געהט דאָרטען אוים דער ארבייטער... דאָרטען, נעבען דער נעה־מאַשין, שטאַרבט אַוועק אַ גליעד נאָך אַ גליעד דעם, ווער עס נעהט אייערע קליידער... דאָרטען ווערען זיי ערצויגען די קאַנדידאַטען פון שווינדזוכט.

וויפיעל אלמנות, וויפיעל יתומים׳לעך עס ברענגט אויף דער וועלט אַט דיעזער פינסטערער סוועט־שאַפּ... בנאמנות, עס ווייגט זיך, ווען איך טראַכט וועגען דיעזען גיהנום.

העסיל׳ס פּנים האָט גענומען ווערען בלאַסער; די קנייטשען האָבען זיך איינגעשניטען טיעפער, דער הוסט האָט גענומען מעהר שטיקען, דער אָטהעם איז געוואָרען שווערער און שווערער...

און איין פריהמאָרגען, ווען העסיל איז געזעסען ביי דער מאַשין און העמדלעך גענעהט האָט זיך ביי איהם אַזאַ מאָדנער הוסט אַ ריס געטהאָן פון הארצען און... און... אַ העמדעל האָט זיך פערפלעקט מיט אַ שטיקעל בלוט...

העסיל האָט זיך דערשראָקען.

קיין גרויסע ביזי איז דאָן ניט געווען, און דער העמדעל־נעהער איז גלייך פון שאַפּ אַוועק אין אַ דיספּענסערי פרעגען וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

האָט ער אין דער דיספּענסערי דערגאַנגען, אַז ער פערמאָגט שוין די דעהר און אַז איהם איז פערבליעבען גאַנץ וועניג צייט צו נעהען העמדלעך.

קיין „ליאַרם" האָט פון דעם העסיל ניט געמאַכט, ער איז גאָר אהיים ניט פערגאַנגען און איז צוריק אין שאַפּ אַוועק. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין... נור אַרבייטען האָט ער געאַרבייט מיט האַלבען חשק. די מעהרסטע צייט איז ער געזעסען פערטראַכט, טיעף פערטראַכט.

וואָס ער האָט דאָרטען געטראַכט, ווייס איין גאָט. יעדענפאַלס, קיין פרעהליכע מחשבות זיינען דאָס ניט געווען; וואָרום ניט איין מאָל זיינען דעם אָפּרייטאָרס אויגען פערלאָפען געוואָרען מיט טרערען; ניט איין מאָל האָט זיך אַ טיעפער, שווערער זיפץ ארויסגעריסען פון זיין סאַמע הארצען; ניט איין מאָל האָט ער אַזוי פערצווייפעלט געבראָכען די הענד.

און די איבריגע אָפּרייטאָרס קוקען אויף זייער טרייד־קאַמעראַד און בעטראַכטען איהם מיט וואונדער.

אין סוועט־שאַפּ, אַן אָפּרייטאָר, ביי דער מאַשין, זאָל גאָר זיצען פערטראַכט — ווירקליך א וואונדערבאַרע ערשיינונג!

נו, טרייבט חברה לצנות פון דעם אָרימען העסלען.

— העי, מיסטער העסיל, — פרעגט אַן אָפּרייטאָר — וואָס בעטראַכט איהר די וועלט מיט אמאָל?

העסיל שווייגט.

ענטפערט פאַר איהם אַן אַנדערער אָפּרייטאָר.

— ער טראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער ווייב.

— אַן אומזיסטער עסק. — בעמערקט נאָך איינער.

— פון א ווייב און פון דער נעה־מאַשין קען מען נור פּטור ווערען סיידען מען זאָל קריגען א סטעדי דזשאָב ביים מיסטער מלאך המות. — זאָגט זיך אָב פּנחס דער קורנאָסער.

— לאָזט צופריעדען שדים! — זאָגט העסיל מיט הארץ און אַלע צולאַכען זיך.

האָט העסיל געצייגט די העמדעל מיט דער רויטער פּגימה און האָט אין קורצען דערצעהלט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

אוים לצנות, אוים שפּאַסען!

אַלע האָבען ארומגערינגעלט דעם אָפּרייטאָר, מען קוקט אויף העסל'ען מיט רחמנות, מען רעדט צו איהם ווייך, סימפּאַטיש און מען גיט איהם פערשיעדענע עצות.

— היינט אָדער מאָרגען — דאָס איז דער סוף פון אַלע אָפּריי־טאָרס... — האָט בעמערקט פּנחס דער קורנאָסער, און אין שאַפּ איז געוואָרען שטיל ווי אין א קבר...

ביינאַכט, ווען עס איז געקומען די צייט צו געהן אהיים פון דער ארבייט האָט העסיל איינגעפּאַקט א באַנדעלע עטליכע צוגעשניטענע, ניט־געמאַכטע העמדלעך, די שער און די קאַטען, נאָכהער האָט ער אָבגעשרויפט די קאָפּ פון מאַשין.

— וואָס טהוט איהר דאָס, מיסטער העסיל? — האָבען געפרעגט אייניגע אָפּרייטאָרס.

— איך רעכען נעהמען לערנען מיין זוהן די העמדעל־נעהעריי. —

האָט העסיל געענטפערט און זיינע ליפּען האָבען זיך דערביי אַזוי נערוועז אויסגעקרימט.

— דאַט'ס ראַיט, דאַט'ס ראַיט! — האָבען צוגעשטימט די אָפּערייטאָרס.

— און אַ סטענד צו דער קעפּעל פון מאַשין וואו ווענט איהר נעהמען? — האָט אַ פרעג געגעבען אַן אָפּערייטאָר.

— אַ סטענד האָב איך אין דער היים. — האָט העסיל מיט־געטהיילט, און נעהמענדיג די חפצים אין די הענד איז דער העמדעל־מאַכער אַוועק אַהיים.

ווען פרומע לאה האָט דערזעהען איהר מאַן טראָגענדיג חפצים, איז איהר די זאַך געוואָרען פערדעכטיג. די אידענע האָט זיך דער־שראָקען און האָט אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס איז דער מעהר, העסיל? וואָס טראָגסטו דאָס?

— גאָרנישט. — האָט העסיל געענטפערט

— סלעק?

— עס איז ניט סלעק.

— געסעקט?

— ניט געסעקט.

— ניטאָ קיין ארבייט?

— עס איז דאָ אַרבייט... — האָט העסיל געענטפערט. געוואָלט האָט ער צוגעבען: „נור קיין לונגען און קיין הארץ איז ניטאָ". ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט.

— וואָס־זשע דען איז דאָס? — האָט פרומע לאה געצייגט אויף דער קעפּעל פון דער מאַשין און אויפ'ן באַנדעלע און האָט געדריקט מיט די פּלייצעס.

— וועסט שוין זעהען... — האָט העסיל שטיל און טרויעריג געענטפערט.

אייבי איז געזעסען אין פראָנטרום און האָט געלייענט אין אַ ביכעל. העסיל האָט געוואָרפען אַ טרויעריגען ביינקענדען בליק אויף זיין קינד און דער אָפּערייטאָר האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען.

אויסטרינקענדיג אַ גלעזעל „וואָרעמס", האָט זיך העסיל גענומען פאַר דער אַרבייט. ער האָט צוגעשרויפט די קעפּעל פוי דער נעה־מאַשין

צום סטענד, וועלכען ער האָט פערמאָגט אין דער היים, האָט צוגעפּיקסט דעם סטראָפּ, האָט אָנגעגרייט די קאַטען און האָט אַ רוף געגעבען:

— אייבי!

אייבי איז צוגעקומען צום פאָטער.

— קוק זיך צו, מיין זוהן, ווי מען שפּאַנט איין אַ נעה־מאַשין. — האָט העסיל געזאָגט מיט אַזאַ מאָדנער שטימע, און ער האָט גענומען אריינציהען די קאַטען אין מאַשין.

אייבי האָט זיך גוט צוגעקוקט.

— יעצט פּרואוו אַליין, מיין קינד.

אייבי האָט זיך געזעצט נעבען דער מאַשין און האָט איינגעפּיקסט די קאַטען.

— גוט, מיין זוהן, — זאָגט העסיל — און יעצט קוק זיך צו ווי מען לעגט אונטער די וואארע און ווי מען דרעהט דעם ראָד.

אייבי האָט זיך צוגעקוקט.

— יעצט פּרואוו אַליין.

אייבי האָט געפּרואווט.

— אָללראַיט, טאַטע?

— אָללראַיט, מיין זוהן.

און פרומע לאה שטעהט און וואונדערט זיך.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — פרעגט זי.

— עס איז אַמעריקאַ, עס איז בעסער אַז מען קען אַ טרייד... — האָט העסיל געענטפערט און זיינע ווערטער האָבען לייכט געציטערט.

— זעה נור, אייבי, — איז העסיל ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין לערנען „די טרייד“ זיין קינד — זעהסט, אָט דאָס איז אַ „סליוו“, אָט אַזוי לעגט מען עס צוזאַמען. זעהסט... קוק זיך צו... און אַזוי מאַכט מען אַ „סיעם“. נו, וועסט קענען אַליין?

— יעס, איך וועל קענען. — ענטפערט אייבי, און דאָס קינד נעהמט אַ שטיקעל צוגעשניטענע סחורה און נעהט עס צוזאַמען.

— ריכטיג, טאַטע?

—ריכטיג.

העסיל האָט ארומגענומען זיין קינד און האָט צוגעדריקט אייבי'ס קאָפּ צו זיין ברוסט.

— האָסט אַ גאָלדען קעפּעל, מיין קינד; אָבער האָסט בעדאַרפט

געבאָרען ווערען ניט ביי העסיל דעם אָפּרייטאר... די ווערטער האָבען זיך איבערגעריסען... עפּעס האָט דעם קראַנקען אָפּרייטאר געוואָרגען אין האַלז און איבער זיינע בלאַסע איינגעדאַרטע באַקען האָבען זיך גענומען קייקלען טרערען... אָפּרייטאַרשע, זודיגע, ברענענדע טרערען, און די טרערען זיינען געפאַלען אויף דעם יונגען קאָפּ פון דעם יונגען קינד...

*

דער ערשטער לעסאָן, וועלכען העסיל, דער קראַנקער אָפּרייטאר, האָט געגעבען זיין קינד איז אין ניוועץ ניט געגאַנגען, — מיט עטליכע חדשים שפּעטער איז אייבי שוין אַ יתום געווען און ער איז געזעסען און האָט געאַרבייט אין דעם זעלבען שאַפּ אויף דער זעלבער נעה־מאַשין, אויף וועלכער דער טאַטע האָט געאַרבייט...

עס איז געווען ביזי און דאָס קינד האָט געאַרבייט „אָווערטיים“.

די מאַמע איז געפאַלען.

עס איז אַ הייסער, זודיגער זומער־טאָג. די זון ברענט, פלאַקערט אונערבאַרמליך, עס ברענען די שטיינערנע טראָטואַרען אונטער די פיס, עס ברענען די שטיינערנע הייזער, עס ברענען די אייזערנע פייער־עסקייפּס, עס ברענט און עס איז אויסגעברענט די לופט, אַלעס ברענט, פון אַלעס גיט אָב מיט היץ, בלויז די מענשליכע הערצער פערבלייבען קאַלט ווי אייז.

אין סוועטינג שאַפּ, אין דעם אידישען סוועטינג שאַפּ איז ביזי, אַ פייערדיגע, אַ ברענענדע ביזי, אַזוי ווי צו להכעיס דער ברענענדער היץ.

פּלאַץ איז אין ניו יאָרק טהייער, יעדער ווייס דאָס, אָבער מעהר פון אַלעמען ווייס עס דער אידישער סוועטער, מיסטער דאַרדיק, און אין זיין ניעפּענטס שאַפּ, אין אַ חדר, אין וועלכען עס איז דאָ ווענינ רוים און לופט פאַר אַ דוצענד פליגען, שפּאַרט ער צוזאַמען אַ פינף־און־צוואַנציג אַרבייטער און אָט האָט איהר אַ מיניאַטורנע בילד פון דעם גיהנום, מיט וועלכען מען דראָהעט אונז נאָך אונזער טויט... ביזי... שטויב, שמוץ, אַ טומעל, אַ רעש, אַפּרייטאַרלעך שוויצען, פּאַכען מיט די נשמות, באָדען זיך אין שוויים, מאַטערען זיך און מאַכען חרוב די וועלט מיט קינדערשע הייזקעס... שטויב... שמוץ..., סטים..., אַ דערשטיקענים... אויף דעם פערשוויצטען פּנים און לייב זעצט זיך אָב עפּעס ווי אַזאַ מין דונקעל־בלויע, פּעטע פאַרב, מען קען ניט אָטהעמען, פון לופט איז קיין געדעכנים ניטאָ. נור מען אַרבייט, און מען קוויקט זיך מיט סאָדאַ־וואַסער און מיט געזאַלצענע בייגעל.

אין שאַפּ זיינען אריינגעקומען צוויי קינדער, צוויי בלאַסע באַיעס, פון פינף ביז זיעבען יאָהר.ביידע זיינען זיי געוועזען אָהן העטקעס, אָנגעטהאָן אין קורצע, ביליגע ניעפּענטס און ביי ביידען זיינען געוועזען די פיסלעך דין ווי קינעלעך און שטאַרק פערבלאָטיגט. די קינדער זיינען געבליבען שטעהן נעבען טהיר דערשראָקען און צוטומעלט.

— ועמען דאַרפט איהר? — האָט זיך צו די קינדער געווענדעט אַן אַרבייטער, וועלכער איז געזעסען מיט זיין מאַשין נאָהענט פון טהיר.

— דעם טאַטען. — האָט געענטפערט דאָס אינגערע קינד.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער אָפּרייטאַר צולאַכט — ווער איז אייער טאַטע?

—— היימאַן. — האָט געענטפערט דער עלטערער באַי.

— עה, מיסטער היימאַן! — האָט געגומען שרייען דער זעלבער אָפּרייטאַר — קומט נור אהער, אָט זיינען אייערע קדישים.

היימאַן, אַן ארבייטער פון א יאָהר פינף און דרייסיג, האָט זיך ארומגעקוקט, און ווען ער האָט דערזעהן די קינדער, האָט ער זיך האסטיג און דערשראָקען א הויב געטהאָן פון מאַשין און איז צוגעלאָפען צום טהיר.

— וואָס איז געשעהען? — וואָס, וואָס איז דער מעהר?

— די מאַמע... — האָט פערוויינט און דערשראָקען געענטפערט דער אינגערער באַי.

— וואָס די מאַמע?

— די מאַמע איז געפאַלען, — האָט געענטפערט דער עלטערער באַי — קום אהיים.

היימאַן איז געוואָרען א פערציטערטער.

— וואו געפאַלען? ווען געפאַלען? — האָט דער אָפּרייטאַר געפרעגט זיינע קינדער.

— אין קיטשען נעבען וואַשטוב און קען ניט אויפשטעהן. — האָט געזאָגט דער עלטערער באַי און דאָס קינד האָט טרויעריג אראָב־געלאָזען דעם קאָפּ.

— וועה איז מיר! — האָט א זיפץ געגעבען דער דערשראָקענער היימאַן — וואָס פאַר אַן אונגליק איז דאָרט געשעהען?

ער איז צוגעלאָפען צום מאַשין נאָך זיין הוט און זיין אויבערראָק.

אין א מינוט ארום איז היימאַן דער ניעפּענטס־מאַכער געלאָפען אהיים און נאָך איהם זיינען נאָכגעלאָפען זיינע צוויי קינדער...

היימאַן פערמאָגט א ווייב מיט פינף קינדער, איינס אונטער איינס. ער ארבייט אין סוועטינג שאָפּ פון זיבעצעהן ביז ניינצעהן שטונדען דעם טאָג, נור פון דעםסטוועגען מפרנס זיין די פאַמיליע איז ער ניט אימשטאַנד, און זיין ווייב, זיין קונע, מוז איהם אויסהעלפען אין דער פּרנסה. אָבער וואָס קען אַזאַ פרוי ווי קונע טהאָן? זי איז פון דער נאַטור א שוואַכע און ניט פערגעסט, אז ביי צעהן יאָהר האָט

זי געארבייט אין אידישע סוועטינג־שעפּער נאָך פאַר דער חתונה. יעצט איז זי פּשוט אַ קראַנקע, קינדעלט נאָך צו יעדען יאהר, און איז, ניט פאַר קיינעם געדאכט, בעשאַטען מיט קינדער — מיט וואָס קען אַזאַ פרוי העלפען איהר מאַן? באָרדערס האַלטען! דאָס איז אַלעס וואָס זי קען טהאָן, און דאָס טהוט זי: זי האַלט פיער באָרדערס, צוויי אין אַ „סעפּרעט רום" און צוויי אין פראָנט־רום, זי קאָכט פאַר זיי אַלעמען סאַפּער און וואַשט זייערע וועש.

דער טאָג איז אַ הייסער, אַ זודינער, אויף דרויסען ברענט, און מענשען געהען אַרום קראַנק. ביי קונען אין הויז איז פיעל הייסער איידער אויף דרויסען, און אין קיטשען — אין קיטשען איז ווי אַ קאַלך־אויווען, און קונע פיהלט זיך זעהר שלעכט... זי האָט נאָך אַ זויג־קינד, אָבער זי איז שוין אַ „שווער מענש" און זי פיהלט זיך ניט גוט, אַזוי שוואַך, קוים וואָס זי לעבט. אין דער פריה האָט זי אָבגעריבען אַ „שקירטע" וועש, אפשר הונדערט שטיק, און האָט עס צוהאַנגען אויפ'ן רוף; צוליעב די וועש האָט זי געהייצט דעם אויווען. איז קיטשען איז קיין פענסטער ניטאָ, און די דונקעל־גרינע ווענט ווערען נור אַזש צושפּאַלטען פון היץ... די קינדער האַלט זי ניט אין הויז. זי האָט זיי אָנגעטהאָן, געגעבען עסען און אַוועקגעשיקט שפּיעלען אויף דרויסען, בלויז די בייבי און דער צוויי־יעהריגער איזשע לופטערן זיך אויפ'ן פייער־עסקייפ אונטער דעם ליעבליכען שאָטען פון אַן אַלטע קאָלדרע... אָבער זי? זי מוז פערבלייבען אין הויז, זי איז ביזי, זי קען זיך ניט אָברייסען פון קיך. אפילו אין גראָסערי האָט זי קיין צייט ניט אַראָב־צולויפען, און דער גראָסערי־מאַן טראָגט איהר אַלץ אַריין... און קונע פערבלייבט אַלץ אין קיטשען נעבען אויווען... און אוי, וואָס זי האָט נאָך מלאכות! זי דאַרף נאָך קראַכמעלען די וועש, זי דאַרף נאָך אויפ־ראַמען די הויז, זי דאַרף מאַכען אַ סאַפּער פאַר זיך און פאַר די באָר־דער... און זי לויפט אַרום איבער'ן קיטשען און זי אַרבייט און איז ביזי... אָבער זי פיהלט אַזוי שלעכט... הייס, זודיג, קיין שאָרך פון לופט, אַ דערשטיקענים... זי ווערט בעגאָסען מיט שוויס... זי קען קוים דעם אָטהעם כאַפּען... אָבער זי אַרבייט, זי איז ביזי... און דער קאָפּ ווענט אַראָב ווי טויזענד פּוד, און ער ווערט צושפּאַלטען און עפּעס אַזוי וויביידע שלייפען ווילען זיך צורייסען גאַנץ בעזונדער... און קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס...

אוי, ווי זי פיהלט ניט גוט... אָבער זי ארבייט... זי פערבלייבט אַלץ ביזי... נור אַט נעהמט איהר פּלוצלינג שטאַרק שווינדלען אין קאָפּ... עס גיסט איהר אָב מיט אַ קאַלטען שוויים, דאָס הארץ ווערט שטיל... די פיס האקען זיך אונטער, און זי פאַלט אַוועק אין אָנמאַכט אין קיטשען נעבען וואַשטוב... גוט וואָס די טהיר איז אָפען און אַ שכנה דערזעהט זי.

עס איז געוואָרען אַ ליאַרם, שכנות זיינען אָנגעלאָפען... מען האָט גענומען די גע'חלש'טע מינטערן, שפּריצען מיט קאַלט וואַסער און אָברופען מיט שרעקליכע געשרייען... איזשע האָט געמאַכט בענומענע קולות, די בייבי האָט זיך דערשראָקען און אויך געמאַכט געשרייען... עס זיינען אריין אין הויז די איבריגע קינדער און אויך גענומען דערשראָקען וויינען... און אַ שכנה, וועלכע האָט געוואוסט, אַז היימאַן ארבייט דאָ ניט ווייט, האָט אַוועקגעשיקט די עלטערע צוויי קינדער נאָכ'ן טאַטען.

די גע'חלש'טע האָט אויפגעעפענט די אויגען. אַ ווייל'ע איז זי געבליבען בעוואוסטלאָז, שכנות האָבען זי אויפגעהויבען און אַוועק־געזעצט אין פראָנט־רום נעבען אַ פענסטער... קונע איז געקומען צו זיך.

—אַזוי ניט גוט געוואָרען... — האָט זי אַ שווערען זיפץ געגעבען און געבעטען די בייבי צו זיך.

מען האָט קונע'ן צוגעלעגט אַ נאַסען טוך צום קאָפּ.

— וואָס גיט איהר זיך עפּעס נאָך? הא? — בייזערט זיך אויף איהר פריינדליך אַ ווייבעל.

— דער מאַן וואָלט זיך גאָר ווענינ אָבעסען דאָס הארץ. — לאַכט אַ שכנה.

— נעוועד מאַינד, — בעמערקט אַ דריטע — דאָס איז גאָרנישט. אַז איך האָב געשוועגגערט מיט מיין בערטשע'ן, אונז צו לאַנגע יאָהר, פלעג איך אויך שטענדיג בלייבען אין חלשות.

קונע'ן איז „בעסער" געוואָרען. די שכנים זיינען זיך צוגאַנגען, און אַט איז אריינגעלאָפען היימאַן אַ פערשטאָרבענער, אַ האַלבער אַ טויטער.

— וואָס איז דער מעהר? וואָס איז דער מעהר? וואָס האָט

געטראָפען? — איז ער צוגעלאָפען צו זיין פרוי און ער האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט.

— גאָר נישט, גאָר נישט! — זאָגט קונע — פערריקטער, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? גאָר נישט, עס איז מיר פון היץ ניט גוט געוואָרען און איך בין געפאַלען פון די פיס.

— אָבער ווי פיהלסטו יעצט?

— בעסער, בעסער. — ענטפערט קונע און היימאַן כאַפּט אָב דעם אָטהעם.

אין א שטונדע ארום האָט היימאַן ווייטער געארבייט אין שאפּ, און קונע איז ווייטער געוועזן ביזי אין קיטשען.

אַ פערשלאָפענער גזר דין

דער סיזאָן פון די ווינטערדיגע ארבייט פאַנגט זיך אָן ביי די קלאָוקמאַכער אזוי ארום אלול און ענדיגט זיך אין דעם קלאָגעדיגען חשון, נור די רעכטע ביזי, דער רעכטער פייער, ברענט אין דעם הייליגען חודש תשרי. אי, ארבייטען דאַס דאַן די קלאָוקמאַכער! נו, נו, געאַרבייט! עפּעס אזוי ווי געיאָגט פון אַ העלישען פייער. פּאַטערס צושיידען זיך מיט די פאַמיליעס און מען קומט ניט אהיים נעכטיגען וואָכען לאַנג. מען ארבייט טאָג, מען ארבייט נאַכט, מען ארבייט שבת, מען ארבייט יום־טוב, מען שלאָפט און מען עסט ביי די מאַשינען, און ווען דער גליקליכער סיזאָן ענדיגט זיך, זיינען אוים קלאָוקמאַכער, ניטאָ מעהר קיין קלאָוקס־אָפּרייטאָרס אין ניו יאָרק, נור סקעלעטען מיט אָבגענומענע פּיס, מיט אָבגענומענע הענד, בלאַסע, געלע פּנים׳ער, צודולטע, צוטומעלטע קעפּ, ביטערע, פינסטערע קאַליקעס, קראַנקע, שוואַכע, קאַנדידאַטען פאַר׳ן קבר... אוים אָפּרייטאָרס... עס איז נאָכ׳ן סיזאָן... אי, האָט מען דאָס געאַרבייט! נו, נו, געאַרבייט!

די מאַשינען בינדט מען צו צו די שטוהלען, אויף וועלכען מען זיצט, אזוי אַז די אייזערנע ברואים זאָלען זיך ניט אומרוקען און ניט באַדערן די ארבייט, מען גרייט אָן גאַנצע בערג מיט צוגעשניטענע סחורה און מען דרעהט דעם ראָד... עס פליהט! עס קאָכט! עס געהען אוים די יאָהרען, מען בלייבט, מען שטאַרבט אָב ביי דער מאַשין, אָבער מען ארבייט, עס איז דער סיזאָן!

יעדער קלאָוקמאַכער וויים, אַז נאָכ׳ן סיזאָן וועט זיך אָוועקציהען אַ לאַנגע, לאַנגע פינסטערע סלעק, אַ סלעק, וועלכע וועט אויפפרעסען וויפיעל מען זאָל ניט אָנגרייטען... און מען ארבייט....

ווען עס קומט די נאַכט און עס פאַנגט זיך אָן צו דרעמלען, געברויכט מען פערשיעדענע מיטלען ווי אזוי צו פעריאָגען דעם שלאָף, מען נעצט די אויגען מיט קאַלטע וואַסער, מען פּרובירט זינגען, שרייען, מען גיסט אויך אויף די קעפּ קאַלטע וואַסער... און מען ארבייט, ביז וואַנען מען פאַלט אַוועק ביי דער מאַשין און מען ווערט צושלאָפען ביי דער מלאכה, אנדערע שפּאַרען אָן די קעפּ אָן די נעה־מאַשינען, אנדערע לעגען זיך אויף די באַנדלעך געוואַנד און מען כאַפּט אַ דרימעל צוויי

אָדער דריי שטונדען און מען ארבייט ווייטער... דאָס הייסט א סיזאָן ביי די קלאָוקמאכער...

*

דאָס איז געווען ערב יום כפור.

אין מיסטער בוריק׳ס סוועט־שאפּ האָבען די קלאָוקמאכער געהאלטען אין דער ארבייט, מיט צוטומעלטע אויגען פערשטויבטע, פערשמוצטע, פערפינסטערטע פּנים׳ער; אנדערע ארומגעבונדען די קעפּ מיט נאַסע טיכער, האָבען די אידישע אָפּערייטערלעך געיאָגט די רעדער, — עס איז דער סיזאָן!

נור אָט איז געקומען דינערטיים! עס איז טאַקע דער סיזאָן, אָבער יום כפור איז דאָך יום כפור און די הענד האָבען אוועקגעלעגט די ארבייט ביז נאָכ׳ן תענית.

לייבע דער טויבער האָט אויך געסטאָפּט פון דער ארבייט, נור אין דער צייט ווען זיינע מיטארבייטער זיינען זיך אלע צולאָפען אין גרוים איילעניש, איז ער געבליעבען זיצען נעבען מאשין אזוי ווי מטושטש.

לייבע האָט זיך ניט געהאַט וואוהין צו איילען: זיין פאמיליע איז אין רוסלאנד און ער איז דאָ גאנץ עלענד. ער וואָהנט אין א „סעפּערעט רום“, פאַר וועלכע ער צאָהלט דריי דאָלאר א מאָנאט רענט. ער קומט אהין בלויז איבערשלאָפען, אָבער היינטיגען חודש צאָהלט ער טאַקע אומזיסט רענט, וואָרום ער נעכטיגט אין שאפּ ביי דער מאשין.

ער זיצט ביי דער מאשין.. דער קאָפּ איז איהם שווער, אזוי שווער; די ביינער ברעכען... ער קען זיך ניט אויסגלייכען און מוז זיצען אָט אזוי צוזאמענגעהויקערט ווי ביי דער ארבייט, ווייל ער זיך אויסגלייכען, טהוט א בראָך, אז ער דערזעהט דעם טאַטען פון יענער וועלט, און ער בלייבט זיצען אזוי האלב־קיילעכדיג. און די אויגען? ער קען זיי בשום אופן ניט האלטען אָפען... זיי פערמאַכען זיך גאָר ניט־געבעטענערהייט און א סוף. פאָריגע נאכט האָט מען דאָ אין שאפּ ניט צוגעלעגט זיך אפילו אויף איין מינוטעלע, וואָרום די אָפּרייטאָרס האָבען געוואוסט, אז מאָרגען וועט מען זיך שוין אויסרוהען, און מען האָט ניט פערגונען זיך א דרעמיל טהאָן כאָטש אויף עטליכע מינוטען...

און לייבע פיהלט אז ער שטאַרבט — ער שטאַרבט שלאָפען... ער וויל זיך ריהרען פון אָרט אָבער ער קען ניט... די פיס הערען איהם איז

טראָק און פערבליבען אויף די טרעטער, דורך וועלכען זיי האָבען בעוועגט דעם ראָד.

אלע ארבייטער זיינען שוין אוועק... נור לייבע איז זיצענדיג איינגעשלאָפען. אבער אָט דאַרף שוין אליין דער מיסטער בוריק אויך אוועקגעהן און צושליסען דעם שאָפּ.

— העי! העי נבלה! — וועקט דער באָס דעם ארבייטער. אָבער לייבע שלאָפט ווי א טויטער און הערט די וועלט ניט.

— העי! העי! שטעה אויף, איך פערשלים דיך אין שאָפּ!

לייבע שלאָפט שוין אָבער געשמאַק. בוריק איז צוגעגאַנגען און האָט איהם א „טורך" געגעבען.

— העי! אהיים!

— אוי, לאָזט מיך דאָ א ווײַלע צולעגען זיך! — בעט זיך לייבע.

— איך דאַרף דאָך צושליסען דעם שאָפּ, פערדריקטער!

— הא? — פלענט לייבע פון שלאָף — הא? וואָס זאָגט איהר?

— אהיים! איך דאַרף צושליסען דעם שאָפּ!

— אוי, לאָזט א ווײַלע, לאָזט דעם שליסעל! —בעט זיך לייבע— איך וועל צושליסען פון אינוועניג... איך וועל א דרעמעל טהאָן... נאכ־הער איך פערטראָגען דעם שליסעל.

— טאָ קום פערשלים, און זאָלסט נאכהער אויך גוט פערשליסען.

מיט צרות מאכט לייבע אַן אנשטרענגונג... געהט צום טהיר, לאָזט ארויס דעם באָס און פערשליסט די טהיר פון אינוועניג, וואַרפט זיך אוועק אויף עטליכע באַנדלעך געוואַנד און שלאָפט איין א לעטארגישען שלאָף.

עס איז שוין אבענד, אידען געהען דאַווענען און לייבע שלאָפט.

עס איז נאכט, אידען וויינען, קלאָגען, שרייען „יעלה" און לייבע האָט אלע דאגות אוועקגעלעגט אונטער די באַנדלעך געוואַנד און ער שלאָפט שטאַרק... געשמאַק... אָה, לאַנג, לאַנג האָט ער שוין אזוי געשמאַק ניט געשלאָפען.

אין שאָפּ איז פינסטער און טויט־שטיל און לייבע דער אָפּרייטאָר שלאָפט... אָט חלום'ט זיך איהם ווי ער פאָהרט נאָך אמעריקא און ער שיידעט זיך מיט דער ווייב און זיינע קינדער... און די קינדערלעך קושען זיך מיט איהם און אלע וויינען... און איהם ווערט שווער איפ'ן הארצען... און עפּעס שטיקט איהם אויף זיין ברוסט, און לייבע

דער אַפּרייטאָר ווייִנט פון שלאָף... וויינט אויף די באַנדלעך געוואַנד אין שטילען סוועטינג שאָפּ... אָט טהוט ער זיך א כאַפּ, אָבער ער ווערט גלייך ווייטער אַנטשלאָפען.

ענדליך האָט זיך לייבע אויפגעכאַפּט, אין שאָפּ איז געווען פינס־טער און שטיל, און דער אַפּרייטאָר איז געבליבען זיצען א ווײַלע עפּעס ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָ טהוט זיך.

— וואָס איז דאָס עפּעס? — ער איז דאָך אין שאָפּ, היינט וואָס איז דאָס עפּעס פינסטער? און וואו זיינען די איבעריגע אַפּרייטאָרס? ער שלאָפט שוין פיינע עטליכע וואָכען אין שאָפּ, אָט אזוי אויף די באַנדלעך, אָבער אימער ווען ער טהוט זיך א כאַפּ, ברענט דאָך גאַז אין שאָפּ, אייניגע אַפּרייטאָרס פלעגען שוין ארבייטען און אייניגע פלעגען שלאָפען ביי די מאַשינען... וואָס איז דאָס עפּעס אזוינס?

— אָי, א בראָך! — האָט דער קלאָוקמאַכער פּלוצלינג אויסגע־שריען: דער אַפּרייטאָר האָט זיך דערמאָנט, אז עס איז ערב יום כפור...

— וועה איז מיר, עס מוז שוין זיין נאָך כל נדרי!

לייבע האָט אין דער פינסטער אויסגעפונען זיין קעפּקע, אראָבגע־ריסען פון זיך דעם פאַרטוך... פערשלאָסען דעם שאָפּ און געכאַפּט לויפען.

הא? וואָס איז דאָס עפּעס? ביי דעם אָרעמען לייבען האָבען זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר. וואָס איז דאָס עפּעס? די סטאָרס זיינען אָפען... און אידען זיצען... עס איז טומעלדיג אין גאַס... מען האַנדעלט און מען וואַנדעלט... וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך לודלאָוו סטריט... יעס, לודלאָוו סטריט... היינט וואָס טהוט זיך דאָ?

לייבע איז געבליבען א ווײַלע שטעהן מיט אן אָפענעם מויל, פער־וואונדערט און דערשראָקען...

פערביי איהם זיינען דורכגעלאָפען צוויי ווייבער.

— נו, ווי איז אייך געגאַנגען דער תענית? — האָט איינע געפרעגט.

— גאָט צו דאַנקען — האָט א צווייטע געענטפערט.

לייבע האָט אין א סעקונדע בעגריפען, וואו און ווי אזוי ער האָט פערבראַכט דעם יום כפור, און עפּעס אזוי ווי מוראשקעס זיינען איהם אריבער איבער'ן לייב... ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס מיט אן אָפענעם מויל, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, ווי א וואַהנזיניגער...

מאַריסעס טויט.

זייער געשיכטע איז געווען אַ קורצע, אַן אַלט־בעקאַנטע — זיי האָבען זיך בלויז געביטען מיט די פּלעצער; מאָריס איז פערבליבען אין דער היים מיט זיינע צוויי קינדערלעך און זיין פרוי מערי איז אוועק אין שאַפּ ארבייטען.

מאָרים איז געווען אַ סיגאַרען־מאַכער, מערי האָט פאַר דער חתונה געאַרבייט ביי די זעלבע סיגאַרען, און יעצט האָט זי עס זיין פּלאַץ פערנומען. מערי איז אוועק אַרבייטען צו דעם זעלבען באָס וועלכען איהר מאַן האָט געמוזט פערלאָזען.

מאָרים האָט געמוזט פערלאָזען זיין אַרבייט, ווייל ער איז געוואָרען קראַנק, ווייל ער האָט אָנגעפאַנגען צו הוסטען מיט בלוט און צייגען שרעקליכע סמנים פון שווינדזוכט. קיין אַנדער בעשעפטיגונג פון וואָס צו מאַכען אַ לעבען האָט ער ניט געקענט קריגען — דאַן איז ער פער־בליבען צו בעל־הבית׳עווען אין הויז און צו ערציהען זיינע צוויי קינ־דערלעך, ווערענד זיין מערי איז אוועק אַרבייטען.

די דעקאָראַציאָנען האָבען זיך געביטען, אויך האָבען זיך געביטען די סצענען. אַ טרויעריגע אָבער נאַטירליכע בילד פון אַרבייטערס לעבען האָט זיך געביטען אויף אַן אוננאַטירליכער, לעבערליכער און הערצרייסענדער סצענע; ווי אַזוי דער קראַנקער סיגאַר־מאַכער האָט געהאַלטען אָרדער אין הויז, ווי אַזוי ער האָט אַכטונג געגעבען אויף די קינדערלעך, האָט מען ניט געטאָרט ווינשען דעם ערגסטען שונא. מעררי׳ס ביזנעס זיינען געווען ניט איבעריג פרעהליך. זי האָט געאַרבייט נעבעך זעהר שווער, אָבער זי האָט מעהר ניט געקענט אויסאַרבייטען ווי אַ העלפט פון דעם וואָס איהר מאַן פלעגט פערדיענען אין דער צייט ווען ער איז געווען געזונד, און די פּלאַנעניס פון דער אַרבייטער־פאַמיליע איז געווען ניט איבערצוגעבען. אָבער ניט דאָס בין איך אויסען צו דערצעהלען.

די לעצטע צייט האָט דער קראַנקער מאָרים גענומען בעמערקען אַז מאַנכעס מאָל, ווען מערי קומט פון דער אַרבייט, קוקט זי אויס

עפּעס זעהר אויפגערעגט, צורייצט און איהרע אויגען זיינען אזוי ווי פערוויינט.

מאָרים האָט גערעכענט, אז עס איז געווען עפּעס צרות אין שאָפּ, אז עס איז טראָבעל וועגען די פּרייזעס און וועגען דער ארבייט; זיין קראַנקעס הארץ האָט איהם געריסען אויף זיין פרוי, אויף זיין מערעלע, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט מיט זיין גאַנצער נשמה, ער האָט אָבער מיט איהר ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, ניט וועלענדיג „שיטען איהר זאַלץ אויף איהרע וואונדען".

איין מאָל, ווען מערי איז געקומען פון דער ארבייט און זי האָט אויסגעקוקט עפּעס אזוי „מאָדנע", האָט מאָרים צו איהר געזאָגט:

— מערי, איך פאַנג זיך אָן צו פיהלען בעסער... איך דענק אז דו זאָלסט מאָרגען פערבלייבען אין דער היים און איך וועל פּרובירען ווייטער געהן אין שאָפּ ארבייטען.

מערי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען.

מאָרים'עס בלאַס-געלער און אויסגעמאַטערטער פּנים האָט אויסגעקוקט צופיעל קראַנק און פערדעכטיג.

— מאָרים'ל — האָט מערי געענטפערט — איך וויים אָבער ניט אויב דו וועסט קענען, אויב דו טאָרסט ארבייטען... — מערי'ס שטימע האָט געציטערט, איהר בליק האָט געשיינט מיט ליעבע, אָבער אויך מיט שמערצען און ווי עפּעס מיט שרעק.

— איך פיהל זיך גוט און איך וועל געהן — האָט מאָרים ענטשלאָסען געענטפערט, — איך פיהל זיך פיעל בעסער.

— איז דאָס ריכטיג מאָרים, מאָרים'ל? — און מערי האָט זיך פּלוצלינג היסטעריש צוואויינט.

ביינאַכט האָט מאָרים געפיהלט זעהר שלעכט. ווען די נאַכט איז אריבער איז ער געלעגען אין בעטעל א האַלבער א טויטער און וועגען געהן אין שאָפּ האָט שוין מעהר קיין פראַגע ניט געקענט געבען.

מערי האָט אויך מורא געהאַט אוועקצוגעהן, נור ערשטענס איז גראַדע דיעזער טאָג געווען „פּיי-דיי" און צווייטענס האָט מאָרים זי בערוהיגט, אז ער פיהלט ניט אזוי שלעכט ווי זי דענקט, און זיין פרוי איז אוועק אין שאָפּ ארבייטען.

דער קראַנקער מאָרים האָט א גאַנצענעם טאָג געטראַכט וועגען זיין ווייבעל.

— וואס קען דאס מיט איהר זיין? — האט ער ניט געסטאפט אויף איין מינוט צו ריידען צו זיך זעלבסט — מיט איהר מוז עפּעס פּאַרקומען אין שאפּ... א שוידערליכער פּערדאכט האט צוזאמענגעדריקט דעם קראנקען׳ס הארץ.

— וואס פאר א מין אויסוואורף איך בין! — האט מאָרים פּלוצלינג אויסגעשריען — זי ארבייט מיט די זייטען... פינסטערט נעבעך אין שאפּ, קאָרמעט מיך, היילט מיך... און איך? — דענק וועגען איהר שדים ווייסען וואס... אה, וואס פאר א מין פערדאָרבענער קערל איך מוז זיין!

— וואס האט זי זיך נעכטען אזוי היסטעריש צוואויינט? — האט מאָרים דערהערט ווי עפּעס א געהיימע און שפּאָטישע שטימע פרעגט ביי איהם. ער איז געוואָרען א פערהציטערטער.

האלטענדיג דאס קינד אויף די הענד האט מאָרים פּלוצלינג בעמערקט אז זיין ריזועלע טראגט נייע שיך... און עפּעס האט זיך ווייטער צוזאמענגעדריקט זיין הארץ.

— ווען האט זי עס געקויפט? ווארום האט זי מיר גאר נישט געזאָגט? — האט ער זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען. און איהם איז געוואָרען די זאך אלץ פערדעכטיגער. ער האט אוועקגעלעגט דאס קינד אין וויעגעלע, און וויעגענדיג האט מאָרים זיך גענומען עראינערען, אז שוין צייט עטליכע וואכען האט די שטיקענדע נויט, וועלכע פלעגט אימער הערשען ביי זיי אין הויז, גענומען פערשוואונדען ווערען, ער האט זיך יעצט געכאפּט, אז די לעצטע צייטען לעבט זיך זיי פיעל גראמער איידער בעפאר, און דאך פערדיענט זיין מערי ניט מעהר איידער אימער.

— וואו נעהמט זי דאס? — האט דער קראנקער סיגארען־מאכער געפרעגט אין דער טיעפענים פון זיין הארצען.

מאָרים האט געוואוסט זיין באס, וואו זיין פרוי האט יעצט געארבייט. ער האט איהם גוט געקענט פאר א יונגען שארלאטאן, אלם איינעם, וועלכער קען מאנכעס מאל זיין ווייט ניט איידעל צו זיינע ארבייטערינען... ער האט זיך גענומען פאָרשטעלען פערשיעדענע משונה׳דיגע בילדער און ער האט בעשלאסען צו געהן טאקע אין שאפּ. א ביטערער געפיהל פון אייפערזוכט האט גענומען זויגען און

בייסען זיין פון שווינדזוכט אויפגעפרעסענעם הארץ, ער איז א לאנגע צייט געבליבען זיצען ביי דער וויעגעלע פון זיין קינד, פערטיעפט אין פערצווייפעלטע מחשבות. ער האט מעהר ניט געצווייפעלט אין דעם, אז זיין פרוי איז איהם ניט טריי, און זי האט זיך פערקויפט צום באס... אנפאנגס האט ער געטראכט נעהמען זיך דאס לעבען... און ער האט גענומען פלאנעווען פערשיעדענע מיטלען ווי אזוי שנעל אבצושניידען זיינע געצעהלטע טעג. נאכהער האט זיך איהם פערגלוסט ראכע צו נעהמען פון זיין באס, פון דעם פערפיהרער פון זיין מערי׳ן און ער האט ווייטער געזוכט א מיטעל ווי אזוי צו בעגעהן זיין ראכע. דער קלאפ פון דעם זייגער־גלאק האט איהם ארויסגעפיהרט פון זיינע ביטערע געדאנקען.

עס איז שוין געווען צוויי דער זייגער. מארים האט שוין ביז יעצט געדארפט נעהמען צוויי מאל א מעדיצין, וועלכען דער דאקטאר האט איהם פערשריעבען מיט עטליכע טעג בעפאר, ער האט בעדארפט א פאר מאל איינגעהמען צו לעפעל ווייץ, ער האט בעדארפט מאכען זיך א לייכט אבגעקאכטע איי, אלעס איז דאס געווען צוגעגרייט פאר איהם דורך זיין וויבעל, מארים האט זיך אבער פון ארט ניט גערירהט און האט גארנישט איינגענומען.

— ווער וויים פאר וואס פאר א געלד זי האט עס געקויפט ? ! — האט ער כמעט ווי אויסגעשריען. זיינע כמעט פערלאשענע אויגען האבען א ברען געגעבען און ער האט זיך ביטער צולאכט.

זייענדיג אויפגערעגט האט דער קראנקער מארים ניט געפיהלט אז זיין ליכט ברענט אוים, אז ביי איהם שטארבען אב א גליעד נאך א גליעד...

ווען עס איז געקומען אבענד־צייט, האט זיך איהם פערוואלט לויפען אין שאפ, וואו מערי האט געארבייט, ער האט אייגענטליך ניט געוואוסט צו וואס ער זאל געהן, נור איהם האט עפעס געשלעפט, עפעס געצויגען... ער האט עפעס ווי געהאפט אז ער וועט עטוואס דערגעהן.

ער האט בעשלאסען צו לאזען א' ווילע די קינדער אליין און געהן טאקע אין שאפ. ער האט זיך איינגעבויגען, ארויסצונעהמען זיינע שיך פון אונטער׳ן בעט און האט זיי געפרובירט אנטהאן. ער האט עס אבער ניט געקענט, ווארים זיינע פים זיינען געווען געשוואלען ווי

די קלעצער, דאַן האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט גײן אין די פאַנטאָפּעל, אין וועלכע ער איז אַרומגעגאַנגען אין הויז. ווען מאָריס האָט גענומען אויף זיך אָנציהען זיין אויבעררא‍ָק, האָבען איהם זיינע לעצטע קרעפטען געסטאַפּט צו דיענען... איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען און ער איז געפאַלען אויף דעם זעלבען פּלאַץ, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען. מאָריס האָט אָנגעווענדעט זיין לעצטע אָנשטרענגונג, אויפגעהויבען זיך, געכאַפּט א לעפעל מעדיצין און אריינגעפאַלען אין בעטעל. באַלד האָט ער דערפיהלט אַז ער וועט דערשטיקט, אַז ער קען דעם אָטהעם ניט כאַפּען, אַז ער שטאַרבט אַוועק... זיינע געדאַנקען האָבען זיך גענומען פּלאָנטערען, ער האָט עפּעס גענומען ריידען אָהן א זינען...

— מאָריס! — האָט ער פּלוצלינג דערהערט א שרעקליכען געשריי.

מאָריס האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, וועלכע זיינען שוין געווען אויסגעקרימט פון גסיסה־ליידען, נעבען איהם איז געשטאַנען זיין פרוי בלאַס ווי דער טויט... מאָריס האָט געוואָלט זי א כאַפּ געבען פאַר'ן האַנד, ער האָט אָבער ניט געקענט זיך א ריהר געבען פון אָרט.

מיט א שרעקליכען יאָמער איז מערי ארויסגעלאָפען פון חדר; זי האָט געבעטען א שכנה לויפען נאָכ'ן דאָקטאָר און אליין האָט זי זיך צוריקגעקעהרט צום חולה.

מאָריס האָט אויף איהר א בליק געגעבען מיט שרעקליכע אויגען.

— מערי... מערי... — האָט ער שוואַך געשעפּטשעט — זאָג מיר... אָבער דעם אמת... איז דאָס ריכטיג?... — מאָריס האָט פּלוצלינג א קרים געטהאָן מיט די ליפּען, זיינע אויגען זיינען פערגלאָצט געוואָרען — ער איז געווען טויט.

— מאָריס! — האָט מערי א שרעקליכען געשריי געגעבען... זי האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען און גענומען קושען זיין טויטען פּנים.

— זיי מוחל... איבער דיר... איבער די קינדער — האָט מערי געשטאַמעלט און געריסען זיך די האָר פון קאָפּ... מאָריס האָט זי שוין אָבער ניט געהערט.

דער איבּיגער איד

די שוהל און די קירך.

א גרינער איד איז ער דא אין לאנד ביי אונז.. .

א זקן מיט א לאנגער גרויער בארד, א איד א ירא שמים, א וואויל-לערנער. אין דער היים האט ער אין בית המדרש פערבראכט פיעל מעהר איידער ביי זיך אין זיין שטוב. דריי מאל א טאג געדאַוועט, געלערענט פאר'ן דאווענען, געלערענט נאכ'ן דאווענען, כסדר געדאוועט, כסדר געלערענט.

א טיעפער, הערצרייסענדער בייענקען נאך די ווייט-פערפלויגענע קינדער האט דעם אלטען גרייז נאך ניו יארק געבראכט.

דעם אלטענ'ס קינדער זיינען גוט אב אין אמעריקא. מען צערטעלט דעם פאטער, מען ווייס ניט וואס צו טהאן איבער איהם. און דער אלטער געהט אין שוהל אריין אזוי ווי אין דער היים, דאווענט און לערענט אזוי ווי אין דער היים, נור פיהלען פיהלט ער זיך ניט אזוי ווי אין דער היים. עפעס פעהלט איהם... נאך עטוואס בייענקט זיין נשמה. עס איז ניט דער היימישער קליינשטעדטעלדיגער בית המדרש זיינער. עס פעהלען איהם אוים די היימישע אידען. עס איז ניט דאס, וואס אין דער היים...

די שוהלכעל איז ענג און שמאל, און איבערהויפט זעהר וואכעדיג... מיט א קורצער צייט צוריק איז אין דער זעלבער שוהלכעל א בארבער סטאר געווען און עס זיינען נאך דא פערבליבענע סמנים פון דער פריהערדיגער ביזנעס... א פאר בילדער אויף די ווענד, אן איבערגעבליבענער צובראכענער שפיגעל. אויסוויינינג שטעהט נאך דער געקאלירטער „סטאלב". די ווענד זיינען וואכעדיג. דעם אלטענ'ס נשמה פיהלט, אז עס איז עפעס ניט קיין מקום קדוש. און די אידען? די דאוונער זיינען עפעס אויך ניט קיין היימישע... וואכעדיגע, פרעמדע מענשען! די ענינים, וועגען וועלכע מען רעדט דא אין שוהלכעל, זיינען פרעמד דעם אלטען. עס קלעפט זיך ניט צו זיין נשמה. און ווען דער אלטער זיצט אין שוהל, געהט אוים זיין הארץ אין בייענקען נאך דער היים... פרעמד איז פאר איהם אלעם ארום, ווילד פרעמד!

אויף דעם זעלבען בלאק געפינט זיך א קירך, א רוסישע ארטא-

דאָקסישע קירך... און אין דיעזער קירך קלינגען די גלאָקען אזוי ווי אין דער היים, אזוי ווי אין דעם אלטענ'ס קליין שטעדטעלע:

„גאָלדע, גאָלדע, נעהם דעם אינגעל!"...

„גאָלדע, גאָלדע, נעהם דעם אינגעל!"...

אזוי ווי אין דער היים, אזוי קלינגען די גלעקער פון דיעזער קירך... און אָפט, ווען דער אלטער פערוואָגעלטער איד געהט פון דער שוהלכעל אהיים מיט א שווערער, שטיקענדער בײנקעניש אויפ'ן הארצען, דער־הערט ער דעם בעקאַנטען קלינגען. זיין גאַנצע נשמה ציטערט אויף. ער בלייבט שטעהן פערגאַפט... עטוואָס היימליכעס, ווארעמעס כאַפּט ארום זיין הארץ. דעם אלטען דאכט זיך — אין דער היים איז ער! ער בלייבט שטעהן מיט פערמאַכטע אויגען... ווי זיס, ווי ווארעם, ווי ליעבליך אנגענעהם דער קלינגען לאַשצעט און גלעט זיין בײנקענדע נשמה... נור באלד דערמאָנט ער זיך, אז דאָס איז דער קלינגען פון א קלויסטער, צו וואָס ער הערט זיך אזוי צו, און פון וואָס ער האָט אזוי הנאה... און מיט שנעלע טריט געהט ער אהיים אוועק...

דאָך, דער שווערער אומעט פון שוהלכעל ווערט אָבגעטהאָן פון דעם אלטענ'ס הארצען...

א היימישער תענית

די פאמיליע ריוולין בעשטעהט פון זעקס מיטגליעדער: אן אלטער, גרויער, זעכציג־יעהריגער פאטער, א מוטער און פיער ערוואקסענע קינדער: צוויי זיהן און צוויי טעכטער.

די מיידלעך ארבייטען אין די שעפער, פון די באיעס איז דער עלטערער אן אגענט פון זינגער נעה־מאשינען און דער צווייטער איז א סיילעסמען פון א „פיינטער סופליים". דער אלטער פערדלט מיט לאטערי צעטלעך א. ז. וו. און ברענגט אויך זיין חלק פרנסה אין הויז אריין. די אלטע מוטער טענדעט די הויז.

צו די ריוולינס בין איך אן אפטער איינגעהער; בעקאנט האב איך זיך מיט די קינדער און צו זיי, נאטירליך, קום איך דאס פערברענגען; אבער דעם אמת זאגענדיג, בין איך מיט מיינע וויזיטען צו דער פאמיליע ריוולין מעהר אויסען דעם אלטען, גרויען פאטער איידער די „יונגע".

די יונגע האב איך ניט איבעריג ליעב. די צוויי באיעס זיינען צוויי האלב־אמעריקאניזירטע „דודס". זיי װעלען אייך ניט אויסרעדען א אידיש װארט כאטש דערשיסט זיי, און אפילו צו די אלטע עלטערען ריידען זיי גור אויף דעם אמעריקאנעם לשון. דער טאטע און די מאמע ריידען טאקע אידיש, אבער די בנים ענטפערען ניט אנדערש ווי אויף ענגליש און אן אנדערש מאל װען זיי רעדען זיך יע אוים אונגערן א אידיש װארט, דאכט זיך מיר, אז זיי טהוט א שפאר די בלוט אין פנים פאר שאנדע; זיי האלטען פון אלע אמעריקאנער ימים טובים און מיט די גרעסטע בדיקות היטען זיי אב די אלטע מנהגים פון דיעזע ימים טובים. דעם פערטען דזשולײ ברענגען זיי אוים פייער־קרעקערס פאר אן אייגענס מיט גאלד, טהענקסגיווינג־דעי עסען זיי אויף דעם שעהנסטען אינדיק און אזוי ווייטער.

הכלל, װען איך װאלט אט די צוויי באיעס װעלען שילדערען, װאלט איך געהאט װעגען זיי פיעל װאס צו זאגען. אבער ניט דאס איז מיין אבזיכט, און איך װעל זיך בענוגענען מיט דעם װאס איך שטעל זיי אייך פאר אלס צוויי עזלען, איך בעט אייך איבער אייער כבוד. מיין פער־ברענגען מיט די צוויי בתולות, איז אויך אויף אלע שונאים געזאגט

געוואָרען. די עלטערע איז א מיידעל, וועלכע טראָגט אויף איהרע פלייצעם זעהר א קליינעם קאָפּ, ד. ה. דער קאָפּ אליין איז גראַדע גרויס גענוג און דער וואלד האָר, מיט וועלכע ער איז בעציערט, מאַכט איהם נאָך גרעסער, עס מוז אָבער זיין דאָרט אינעוויייניג שרעקליך לעער, עס איז דאָרטען ניט מעהר מאָרך וויפיעל עס איז דאָ אין א ספּרינג־טשיקען און דער גאַנצער מאָרך איז בעשעפּטיגט מיט זוכען חתנים; די אינגערע שוועסטער איז שוין עטוואָס אינטערעסאַנטער, מען קען פון איהר יע ווען עס איז הערען א לעבעדיג וואָרט, אָבער זי איז עפּעס אזא געוועהנליכע פּערזאָן, דאָס מיר דאַכט זיך אימער, אז אויף יעדען שריט און טריט זיינען דאָ פּונקט אזעלכע מיידלעך און ווען מען זאָל מיט איהר פערברענגען עטליכע איבעריגע מינוטען כאָפּט טאקע אָן במחילה א טאשנאָטע.

די אלטע מוטער איז זעהר א קלוגע אידענע, קליגער איידער אלע פיער קינדער צוזאמענגענומען; איך וואָלט מיט איהר גערן פערברענגען, קוקט זי מיך אָבער אָן זעהר פערדעכטיג. איך וויים אז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך געה געקליידעט זעהר אָרעם. וויפיעל איך סטאַרע זיך ניט צו געווינען די מיסעס ריוולין'ס צוטרויען צו מיר און איך קען ניט. זי בעטראַכט מיך אימער זעהר קאַלט און איך וואָלט שווערען — זי האָט מורא אז איך בין עפּעס אויסען פון איהרע צוויי טעכטער מיט מיינע וויזיטען; ווען די אונרוהיגע מוטער וואָלט נור געקענט זעהן מיין האַרץ, וואָלט זי געוויס בערוהיגט זיך. נו, אָבער מען קען דאָך א צווייטען ניט צייגען וואָס ביי זיך טהוט זיך אויפ'ן האַרצען, איז גאָר נישט, קען איך זיך ניט העלפען.

ליעב האָב איך דעם אלטען; מיר שיינט אז ער האָט מיך אויך ניט פיינט; יעדענפאַלס, האָבען מיר ביידע זעהר ליעב א גוטען שמועס צו טהאָן צוזאמען.

דער אלטער ריוולין איז א איד, וועלכער עס האָט ניט פיינד אריינצוקוקען אין א ספר; איך בין, ניט נעהמט מיר פאַר אומגוט, אין זיינע ספרים א גרויסער עם הארץ. ריוולין איז אַן אָרטאָדאָקסישער, אמת פרומער איד, ער וויים אז איך בין א סאָציאַליסט, דאָך פיהלען מיר זיך איינער צו דעם צווייטען זעהר פריינדליך און מאַנכעסמאָל, ווען מיר פערריידען זיך, זיצען מיר אוועק ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט אריין...

עס איז דאָ עטוואָס וואָס פעראייניגט אונז. איין און די זעלבע וואונד מאַטערט און עסט אונזערעביידענס הערצער: דיזעלבע שווערע, שווערע שטיינער, וועלכע עס דריקען און שטיקען מיין הארץ, מאַכען שווער און ענג אויך אונטער דעם אַלטען׳ס איינגעפאַלענע ברוסט. ביידע פיהלען מיר זיך אין דעם גרויסען ניו יאָרק שרעקליך פרעמד, שרעקליך עלענד, טראָץ דעם, וואָס איך האָב דאָ קיינעם ניט, און דער אַלטער האָט אַ פרוי מיט פיער קינדער.

זיינע קינדער זיינען צו איהם גאַנץ קאַלט, גאַנץ פרעמד, און אַלע פיער אינאיינעם־גענומען רעדען צו איהם אוים איין וואָרט אַמאָל אין אַ יאָהר. די פרוי איז אויך „אַמעריקאַניזירט" געוואָרען און איז פיעל מעהר צוגעבונדען צו איהרע קינדער איידער צו איהר מאַן.

דער אַלטער ריוולין איז אַן עלענדער מענש אין זיין אייגענער פאַמיליע.

און דער בענקען נאָך דער היים, דיעזער טיעפער, טיעפער שמערצ־ליכער בענקען, ער עסט און עסט אונזערע ביידענס הערצער גלייך. מיר בענקען נאַטירליך ניט נאָך די זעלבע פערזאָנען, ניט נאָך די זעלבע אומשטענדען; זיינע חלומות וועגען דער פערגאַנגענהייט זיינען ווייט ניט ענליך צו מיינע חלומות, אָבער דער געפיהל איז דערזעלבער. עס טאַטשעט דער זעלבער וואָרים. איך רעכען, אז זיין בענקען איז נאָך טיעפער, שמערצליכער, ווייל איך בין יונג און ווען־ניט־ווען קוקט דאָך אריין אין מיין הארצען אַ ליכטיגער שטראַהל פון האָפנונג — אויף וואָס קען דער אַלטער ריוולין האָפען?... און דערפאַר זיינען מיר פריינד.

אצינד וועל איך אייך דערצעהלען אַ פּאַסירונג פון דעם אַלטען ריוולינ׳ס לעבען. די פּאַסירונג איז אפשר אַן אונבעדייטענדע, דאָך וועל איך עס אייך דערצעהלען, ווייל עס האָט ביי מיר ארויסגערופען אַ שמייכעל און צו דערזעלבער צייט האָט זיך מיר געוואָלט וויינען.

דאָס איז געווען טהענקסגיווינג־דעי און איך בין ארויף אַ ווייל־ע פערברענגען צו די ריוולינס.

געקומען בין איך דינער־טאַים. געטראָפען האָב איך צו הויז די גאַנצע פאַמיליע, אויסער דעם אַלטען

אַלע זיינען געזעסען ביי אַ גרויסען פיין געגרייטען טיש; מען האָט פרעהליך און לוסטיג פערבראַכט און מען האָט געגעסען אַ געפּרע־

געלטען אינדיק; אלע פיער קינדער, אויך די מוטער, זיינען געווען אנגעטהאן יום־טוב׳דיג; די הויז איז אויך געווען אויפגעראמט שעהנער איידער אין יעדען וואכעדיגען טאג — מיט איין ווארט, עס האט זיך געפיהלט אז עס איז יום טוב אין הויז.

מען האט מיך איינגעלאדען צום טיש, האב איך זיך ניט געלאזט בעטען. מען האט מיר דערלאנגט א שטיק אינדיק און איך האב זיך טאקע ווייטער ניט געלאזט בעטען.

— נו, און דער אלטער ריוולין איז ביזי? — האב איך א פרעג געטהאן.

— וואו ביזי, ווען ביזי? —האט די מיסים ריוולין געענטפערט— די גרויסע געשעפטען וואס ער מאכט!

— ווארום איז ער עפעס ניטא צו דינער? — האב איך ווייטער געפרעגט.

— דער פאפא האט זיך זיין אייגענעם יום־טוב... — האט מיר געענטפערט איינער פון דעם אלטענ׳ס צוויי זיהן, און דערביי האט זיך אויף זיין נארישען געזיכט א שמייכעל בעוויעזען.

— וואס פאר א יום־טוב? פרעג איך.

— ער פאסט היינט. — ענטפערט די מיסים ריוולין.

— וואס איז היינט פאר א תענית? — וויל איך וויסען.

— א היימישער תענית. — ענטפערט מיר די איינגערע מיסס ריוולין.

— ווי הייסט א היימישער תענית? — פערשטעה איך ניט אין גאנצען די געגעבענע ערקלערונג.

דערצעהלט מיר די מוטער פאלגענדעס:

אין טישעוויץ, די שטעדטעל פון וואנען די ריוולינס קומען, הערען זיך פאגראמען אויף אידען, האט דער טישעוויצער רב גוזר תענית געווען. נעכטען איז דעם אלטען ווענען דעם אנגעקומען א בריעף, האט ער א גאנצע נאכט תהלים געזאגט, היינט פאסט ער און ער איז געבליעבען אויפ׳ן גאנצען טאג אין שוהל...

אלע פיער קינדער האבען זיך הילכיג צולאכט אויף זייער פאטער׳ס רעכנונג... איך האב געפיהלט, אז אויך אויף מיינע ליפען האט זיך אויסגעלעגט א שמייכעל... נור באלד האט זיך מיר פערוואלט וויינען.

די אבענד־שטונדע

זומער איז דער טאָג זעהר לאַנג.

נאָך די ארבייטס־שטונדען און נאָכ'ן סאפּער בלייבט נאָך אימער עטוואָס צייט ביז די זון פערגעהט אין גאַנצען און עס קומט אָן די נאַכט.

דיזע אבענד־שטונדע איז א פּאָעטישע צייט. די זון פערלאָזט איהר קעניגרייך. מעגליך אז די קעניגין האָט אייך פאַר דעם לאַנגען, לאַנגען זומערדיגען טאָג גענוג דערגאַנגען די יאָהרען, אבער יעצט ביי איהר אָברייזען איז זי מילד און גוט, זי קוקט אויף אייך פון ווייטען מיט מילדע, צאַרטע בליקען און זי איז אזוי שעהן, אזוי גוט, אז איהר מוזט איהר ניט־ווילענדיג מוחל זיין איהרע אַלע אכזריות געגען אייך.

און דאָ צייגט זיך די געהיימע נאַכט. איהרע שלוחים, די פּראָקלאַמירער פון איהר אָנקומען, די בלאַסע האַלב דערשראָקענע שטערען בעוויזען זיך שוין אויפ'ן הימעל, וואו מיט א ווײַלע בעפאָר האָט אזוי מעכטיג די זון געהערשט, און אויפ'ן הימעל קומט פאַר דאָס וואָס עס קומט פאַר אזוי אָפט אויף אונזער וואַכעדיגער ערד, וואו איינער פערנעהמט דעם צווייטענס פּלאַץ, אין דער צייט ווען דער צווייטער האַלט נאָך ביים אָבשטאַרבען.

און עס ווערט דונקעלער און דונקעלער און עס פיהלט זיך עפּעס אזא געהיימער, שטילער אומעט.

די דראבקינס זיינען א אידישע פּאָר פאָלק אָהן קינדער.

ער, דראבקין, ארבייט אין שאָפּ און זי, די ווייב זיינע איז א הויז־פרוי. שוין צעהן יאָהר אז זיי זיינען פערהייראַט, נור כמעט די גאַנצע צייט געפינען זיי זיך ביידע אין א רעוואָלטירענדען צושטאַנד, און ווי נור מאַן און ווייב טרעפען זיך צוזאַמען נעהמט מען זיך ארומ־רייסען און מען גיסט אויס איינער אויף דעם צווייטען די ביטערע גאַל, וועלכע עס קלייבט זיך צוזאַמען פאַר דעם טאָג, ווען ער זיצט אין שאָפּ און זיא אין הויז און פאָלגליך האָבען זיי ניט די נויטיגע מעגליכקייט צו שטרייטען.

מאַן און ווייב קריגען זיך ביים סאפּער עסען, מען קריעגט זיך ביז מען ווערט אנשלאָפען, נור אָט די שטונדע צווישען סאפּער און ביז מען צינדט אָן פייער ווערען די דראבקינס זעהר אָפּט אנטשוויעגען, הפּנים די פּאָעזיע פון דער צייט האָט אויף זיי א גוטע ווירקונג.

ער, דראָבקין, פּעררויכערט א פייפ און זעצט זיך נעבען אָן אָפענעם פענסטער און בלייבט זיצען פערטראַכט; זי שטעלט זיך אוועק נעבען סינק וואשען די געשיר און איז אויך פערטראַכט... און עס איז שטיל... ביז עס ווערט גוט פינסטער. נור ווי מען צינדט אָן פייער און מאַן און ווייב דערזעהען זיך, פאַנגט זיך ווידער אָן א הארטער בייזער שטרייט.

* *
*

ווּעמעס אידישע הארץ בלוטעט ניט ווענגען די קישינעווער הריגות?

זייט עס זיינען אָנגעקומען די שוידערליכע ידיעות פון דעם פינסטערען רוסלאנד, האָט דראבקין כמעט אין גאנצען אויפגעגעבען זיין קאמפף מיט זיין פרוי. ווי ער קומט נור פון דער ארבייט כאַפּט ער לעזען עטליכע אידישע צייטונגען, וועלכע ער ברענגט שוין מיט זיך און ער לעזט און לעזט די בלעטער דעם גאנצען אבענד, ער לעזט ביים סאפּער, ער לעזט ביז ער ווערט אנשלאָפען.

די מיסים דראבקין איז א קנאַפּע בריה אויף די שווארצע פינטלעך, פרעגט זי אוים די נייעס ביי איהר מאַן, און דערפאר חנפה'עט זי איהם זעהר און רעדט ניט אוים קיין איין שלעכט וואָרט צו איהם.

אָט זיצט דראבקין, עסט סאפּער און איז צו דער זעלבער צייט טיעף אריינגעטהאָן אין דער צייטונג. זיין פרוי קוקט איהם אָן העכסט נייגעריג.

שווערע, דונקעלע שאטענס נעהמען שוועבען איבער דראָבקינ'ס געזיכט, זיינע אויגען ווערען פייכט.

— וואָס? וואָס? — פרעגט מיסים דראָבקין, און זי קוקט אויף איהר מאַן מיט א פערציטערטע הארץ און איהר הארץ ציטערט דערפאר, ווייל זי ווייס שוין אז זי וועט הערען שוידערליכע שרעקליכע נייעס.

— א בריעף לעז איך. — ענטפערט דראבקין.

— וואָס פאר א בריעף?

— פון קישינעוו.

— איך ווייס. אָבער פון וועמען?

— פון א מאַמען.

— פון א מאַמען? צו וועמען?

— א מאַמע שרייבט ווי אזוי מען האָט איהר דער׳הרג׳עט איהרע צוויי אונשולדיגע קינדערלעך.

— וועה! — טהוט די מיסים דראַבקין א קרעכץ און פערברעכט די הענד.

— א בייבילע פון א יאָהר האָט מען פאַר איהרע אויגען אויף צווייען צוריסען און נאָך א באַי האָט מען מיט העק אויף שטיקער צוהאַקט.

מאַן און ווייב קוקען זיך דורך, ביי ביידען ווערען די געזיכטער טויט בלאַס...

— לעז מיר דעם בריעף — בעט זיך די פרוי ביי דעם מאַן, און דער מאַן נעהמט לעזען און די פרוי שווידערט.

דראַבקין פערטיעפט זיך ווייטער אין דער צייטונג.

— נו, וואָס לעזטו יעצט? — פרעגט די פרוי.

— נאָך א בריעף.

— פון וועמען?

— פון א טאַטען ביי וועמען מען האָט א גרויסע טאָכטער געשענדעט און נאכהער געטויטעט פאַר זיינע אויגען.

— לעז.

און דראַבקין לעזט און זיין שטימע ציטערט, טרעהרען שטיקען איהם.

אין צימער ווערט דונקעלער און דונקעלער. דראַפּקין סטאָפּט לעזען, ער בלייבט אָבער זיצען אויף דעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען ביים טיש, ער געהט ניט צום אָפענעם פענסטער, ער פעררויכערט ניט זיין פּייפ, ער בלייבט זיצען ווי א פערשטאָרבענער, דעם קאָפּ בעהאַלטען אין ביידע הענד.

זיין פרוי געהט צו צום סינק, אָבער וואַשען די געשיר וואַשט זי ניט, מיט פערקאַשערטע אַרבעל, מיט א טעלער אין האַנד, בלייבט זי שטעהן ווי א פערשטיינערטע און עס ווערט דונקעלער און דונקעלער

און עס פיהלט זיך א טיעפער טרויער עפעס אזוי ווי אין צימער וואָלט זיך א בר־מנן געפונען.

די נאַכט קומט אָן.

מען צינדט אָן פייער.

דראבקין פעררויכערט זיין פייפ, זיין פרוי נעהמט וואשען די געשיר, נור ביי ביידען זיינען די אויגען רויט פון טרעהרען און מאַן און ווייב שווייגען און מען קריעגט זיך נים.

דער פלעק אין בריעף

איך זעה פון דער ווייטען — מען שלאָגט אַ אידען....

עס איז אַ ווינטער־טאָג: די גאַסען זיינען בעדעקט מיט אַ פייכטען שנעע, לויפער געהען פון סקול און דאָ טרעפט זיך זיי אָן אַ אידעל, אַ פעדלער מיט שוועבעלעך. נו, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בייזער טייפעל־שפיעל; צו די לויפער שטעהען צו עלטערע בויאַנעס, צו דעם שנעע איז מען מוסיף שטיינער, און דער איד לויפט פון מענשען ווי אַ צושראָקענע וואלד־חיה פון איהרע יעגער... ענטלויפענדיג איז ביי דעם פעדלער ארויסגעפאַלען עפּעס אַ פייפער פון אַ פּאַקעט; אַ לויפער איז צוגעלאָפען, אויפגעהויבען דעם פייפער, פערקרימט זיך און צוריק אוועקגעוואָרפען...

און דער איד, און די לויפער, וועלכע האָבען איהם געיאָגט זיינען פון מיינע אויגען פערשוואונדען געוואָרען...

איך האָב אויפגעהויבען דעם פייפער, וועלכען דער אידישער פעד־לער האָט פערלאָרען.

דאָס איז געווען אַ בריעף פון אַ ליטווישער שטעדטעל, פון אַ ווייב, פון קינדער. אַ געוועהנליכער ברעף.

די ווייב האָט געשריעבען אַ קבלה אויף צעהן רובעל, זי האָט געדאנקט פאַר די געלד, זי האָט געשריעבען, אַז עס טהוט איהר דאָס הארץ וועה, וואָס דער מאַן איהרער איז עלענד און פערוואָרפען אין דער פרעמד. זי האָט אין דעם בריעף גאָט געבעטען, אַז זי זאָל דערלעבען ווייטער זיין צוזאַמען מיט איהר מאַן. עס האָבען אויך אין דעם בריעף געשריעבען קינדער, געריסען צום טאַטען. די קינדער האָבען געשריעבען אַז זיי בייַנקען נאָך זייער פאָטער, און זיי האָבען אויך געלאָזט וויסען, אַז זיי בעטען גאָט, דאָס דער טאַטע זאָל פערדיענען וואָס מעהר געלד און זאָל זיי אַלעמען קענען וואָס שנעלער נעהמען נאָך אַמעריקאַ. זיי האָבען געשיקט דעם פאָטער טויזענד קושען. אויך איז אויף דעם בריעף געווען אַ גרויסער פלעק פון טינט, געמאַכט פון אַ קינדערשע הענדטעל; אונטער דעם פלעק איז געווען אויפגעשריעבען: „דאָס איז גיטעלע׳ס הענדטעלע, לאַנגע יאָהר איהר“.

איך קען זיך ניט ערקלערען ווארום דאָס איז געווען אזוי, נור איך האָב דעם געפונענעם בריעף ביי זיך בעהאַלטען, און איך האָב אויף דעם חרטה ניט געהאַט.

שפּעט אין דער נאַכט איז מיר אויסגעקומען נאָך אַמאָל פערביי־געהן יענע גאַס, וואו מען האָט דעם פעדלער געשלאָגען, און וואו ער האָט דעם אויבענדערמאָנטען בריעף פערלאָרען... איך טהו אַ קוק, אימיצער שטעהט אויפ׳ן מיטען גאַס, ריהעט זיך אין די שנעע און זוכט עפּעס; ווען איך בין צוגעגאַנגען עטליכע טריט נעהנטער, האָב איך דערקענט אונזער שוועבעלעך־פעדלער.

איך בין צוגעטראָטען צום פעדלער און האָב איהם אָבגערופען. ער האָט אַ שפּרונג געגעבען פאַר שרעק, נור ווען ער האָט דערזעהן מיך האָט ער זיך אָבגעשטעלט אַ בערוהיגטער.

— וואָס זוכט איהר, מיסטער? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב דאָ עפּעס פערלאָרען, — האָט דער פעדלער געענט־פערט מיט אַ האַלבען מויל.

— קען איך וויסען וואָס איהר האָט פערלאָרען? — האָט איך ווייטער געפרעגט.

— צו וואָס? — האָט דער איד געפרעגט פון זיין זייט.

— זאָגט, וואָס האָט איהר מורא?

דער פעדלער האָט אויף מיר אַ לאַנגזאַמען בליק געוואָרפען, עפּעס אזוי, ווי ער וואָלט זיך וועלען דערוויסען, אויב מיין פראַגע איז אַן ערנסטע אָדער איך טרייב נור לצנות.

פּלוצלינג האָט ער פון מיר אַ שפּרונג געטהאָן, אויפגעהויבען אַ שטיקעל פּאַפּיער, אַ קוק געגעבען אויף דעם און מיט פערדרוס צוריק אַוועקגעשמיסען.

— האָט איהר אַ בריעף פערלאָרען? — האָב איך אַ פרעג געטהאָן דעם פעדלער.

— יעס, יעס, אַ בריעף, פון וואַנען ווייסט איהר?

איך האָב דעם מאַן זיין בריעף דערלאַנגט.

דער פעדלער האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם בריעף און מיט אַ ווייכער שטימע, אין וועלכער עס האָט אָבגעקלונגען אַ טאָן פון אונענד־ליכער דאַנקבאַרקייט, האָט ער געענטפערט:

— דאָס איז מיין בריעף, א גרויסען דאנק. אָבער ווי אזוי קומט עס צו אייך?

איך האָב דערצעהלט, ווי אזוי איך האָב געפונען דעם בריעף.

— הייסט עס, האָט איהר געזעהן ווי מען האָט מיך דאָ געשלאָגען? — האָט דער פעדלער געפרעגט.

— יעס, איך האָב געזעהן.

— וואָס זאָגט איהר עפּעס צו דעם?

איך האָב אויף דעם פעדלער׳ס פראגע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און איך האָב געשוויגען.

דער פעדלער האָט שוין געוואָלט געהן, ווען מיר איז איינגעפאלען איהם צו פרעגען:

— זייט איהר דאָס אזוי שפּעט אין דער נאכט געקומען זוכען אייער בריעף?

— איך האָב געוואָלט געהן פריהער — האָט געענטפערט דער פעדלער — האָב איך מורא געהאט, אז די לויפער זאָלען מיך דערזעהן.

— אָבער צו וואָס דאַרפט איהר אזוי נויטיג דעם בריעף?

— דער בריעף איז מיר טהייער ווי מיין לעבען — האָט דער פעדלער געזאָגט פערטראַכט, און ער האָט א שווערען זיפץ געטהאָן.

— וואַרום?

— איך האַלט דעם בריעף ביי זיך אין פּאַקעט, שוין פון עטליכע חדשים צייט, — האָט דער פעדלער געזאָגט, און ער האָט ווייעדער א שווערען זיפץ געגעבען.

— וואַרום? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

דער פעדלער האָט צוגעטראָגען צו מיינע אויגען דעם בריעף, און אָנצייגענדיג אויף דעם פלעק פון טינט, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פון א קינד׳ס הענדטעל, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז מיין קינד׳ס הענדטעלע. א מיידעלע פון א יאָהר צוויי געוועזן... מיין גאַנצער לעבען... יעצט איז זי געשטאָרבען...

דעם פעדלער׳ס קול האָט געציטערט. ער האָט א קוש געגעבען דעם פלעק אין בריעף, און איך האָב געזעהן, ווי פון זיינע אויגען האָבען גענומען אַרונטערקאַפּען טרעהרען.

— מיין טהייער, טהייער קינד — האָבען זיינע ליפּען געמורמעלט... און פון דיעזען מורמלען האָט מיר פערנומען ביים הארצען.

איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, ווען דער פעדלער האָט אויפ־געצאַפּעלט העכסט ערשראָקען:

— קומט שנעלער.

— וואָס איז? — האָב איך געפרעגט.

אָן דאָרטען אויפ'ן קאָרנער, לעבען סאַלון זיינען באָמס... זיי קוקען אויף אונז... זיי מאַכען שנעע־באָלס...

— איך האָב אַ קוק געטהאָן אהין, וואוהין דער פעדלער האָט מיר אָנגעצייגט. לעבען סאַלון זיינען טאַקע געשטאַנען אַ פּאָר חברה־לייט און האָבען געקנאָטען אין זייערע הענד שנעע־באָלס. ווען איך האָב מיר אומגעקעהרט איז שוין נעבען מיר דער פעדלער ניט געווען. ער איז געלאָפען אין דער לייננ גאַס, ווייטער פון יענעם סאַלון, וועגען וועלכען ער האָט מיך מתרה געווען.

מיר איז אויסגעקומען געהן פערביי דעם סאַלון און מיט די צוגעגרייטע שנעע־באָלס האָב איך טאַקע געלייזט.

באַרנעט'ס ערשטע פּייפּערס

באַרנעט דער העמדעל־נעהער איז אוועק אַרויסנעהמען זיינע ערשטע פּייפּערס.

באַרנעט דער העמדעל־נעהער איז שוין אפילו ניט קיין גרינער אין אַמעריקאַ. עס איז שוין אַ יאָהר צעהן זייט ער איז אַריבער אַהער אין ניו יאָרק פון זיין קליינער ליטווישער שטעדטעל מיט דעם נאָמען טישעוויץ. פון דעסטוועגען האָט ער זיך די גאַנצע צייט ווייניג געקי־מערט וועגען ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער.

באַרנעט איז אפילו געווען אַ גרויסער קבצן און האָט ביי זיינע העמדלעך מיט גרויסענע צרות אויסגעאַרבייט אויף צו מאַכען אַ קלעג־ליכען לעבען פאַר זיין פאַמיליע, נור טיעף אין הארצען, טיעף, טיעף, אין אַ ווייט פערבאָרגענעם ווינקעלע איז פאַר איהם געלעגען פערבאָרגען אַ ליכטיגע פאַנטאַזיע. ווען ער וואָלט ווען זיין פאַנטאַזיע מיט ווער־טער אויסדריקען וואָלט זי געשילדערט זיך אונגעפעהר אזוי:

עס וועט זיך מאַכען עפּעס אַ רעכטער „סיזען“, ער וועט אין אַרבייט טהאָן אזוי געשמאַק און וועט אָבלעגען אין דער זייט עטליכע אָבגעשפּאָרטע דאָלאַר. פאַר דאָס געלד וועט ער קויפען עפּעס אַ שטיקעל סטאָרקע, וועלכע זיין ווייב זאָל קענען אַטענדען, און ער וועט אימער ביי די העמדלעך פערבלייבען, דערווייל דורך דער צוגעקומענער פּרנסה וועט ער נאָך קענען מעהר געלד שפּאָרען. ווען ער וועט אזוי צוזאַמענפּאַקען אַ וואָסערע עס איז אכט הונדערט דאָלאַר וועט ער אויס־פערקויפען זיין ביסעל פערמעגען און ער וועט מיט זיין פאַמיליע צוריק אַהיים פאָהרען.

ווען ער וועט אָנקומען אין טישעוויץ וועט ער מיט זיך ברענגען אַ וואָסערע עס איז טויזענד רובעל מזומנים און ער וועט אין זיין שטעדטעלע קענען שפּיעלע אַ ראָלע אַלס איינער פון די דאָרטיגע גבירים, ער וועט זיך קויפען אַ שעהנע הויז מיט אַ גרויסען גאָרטען, וועט מאַכען אַ גרויסע קראָם אָדער עפּעס אזוי אַ געשעפט און וועט

לעבען אין מזל, אין פערגעניגען ביי זיך אין דער היים, צווישען קרובים, צווישען אידען, צווישען פריינד.

א זיסע, א ליכטיגע, א טהייערע פאנטאזיע!

עטליכע מאל אין יאהר קומט אויס בארנעט'ען צו רעכענען זיך מיט מוף־צעטלעך. א פאר חדשים אין יאהר דערגעהט ניט אויפ'ן שטיקעל ברויט, און דערוויילע גיט די נעה־מאשינע ווייניג קרעפטען צו. די פיסלעך וועלען אין גיכען אויפהערען צו דיענען און בארנעט וועט קייען די ערד, דאס איז טאקע אמת, און קיינער וויים דאס ניט אזוי גוט, אזוי וואויל ווי ער אליין. נור איינס צום צווייטען איז ניט שייך... א מענש איז א בעשעפעניס וואס האלט אין איין האפען, און אפילו א העמדעל־נעהער פערלירט אויך ניט די האפנונג צו ווערען ווען עס איז א שטיקעל מענש. און בארנעט האט אויך געהאפט; אין מינוטען פון רוהע, ווען ער פלעגט זיך צולעגען אויף זיין אלטען, צוריסענעם, צובראכענעם לאנדזש, פלעגט ער פערגעסען אויף זיינע אלע צרות און זיינע פאנטאזיען פלעגען איהם אוועקשלעפען העט־העט וואוהין. מיט איין ווארט, בארנעט האט אויף ניו יארק מיט דעם סוועט־שאפ, מיט דעם באס, מיט דער נעה־מאשינע, מיט דעם לענדלארד, מיט דעם הויז־קיפער, מיט די מוף־צעטלעך, מיט די רענט־צאהלען, מיט די אלע צרות און יסורים — אויף דעם אלעם האט ער געקוקט ווי אויף א צייט־פאסירונג, ווי אויף אונגליקען, וועלכע עס מוזען מיט דער צייט פער־שוואונדען ווערען. בארנעט האט זיין אמעריקאנער לעבען עפעס אימער בעטראכט אלס א פערברענגען אויף א סטאנציע אין מיטען וועג. באלד, באלד, וועט דער בעל־עגלה צוריק איינשפאנען די פערדלעך און וועט פערלאזען די סטאנציע און מען וועט צוריק פאהרען.... וואוהין? אין טישעוויץ נאטירליך. וואוהין דען ווען ניט אין טישעוויץ?

און אזוי וואלט בארנעט זיינע גאנצע ביסעל יאהרען בעטראכטען זיך אין ניו יארק אלס אויף א סטאנציע אויפ'ן מיטען פון דעם וועג, וועלכער עס פיהרט צוריק צו זיין אמאליגער היים און מיט איהם וואלט פאסירט אזוי ווי מיט פיעלע, פיעלע עמיגראנטען וועלכע פאנטאזירען וועגען ווידער זעהן זיך מיט זייער אלטער היימאטה, ביז דער קאלטער טויט קומט און בערוהיגט זייערע בייגקענדע הערצער. און דעם העמדעל־מאכער וואלט גאר קיינמאל ניט ארויף אויפ'ן זינען צו ווערען אן

אמעריקאנער בירגער ווען ניט די לעצטע שרעקליכע נייעס פון רוסלאנד.

די הריגות אין קישינעוו, די רדיפות אויף אידען אין רוסלאנד, די ביטערע פינסטערע גזירות אויף זיינע ברידער אין זיין היימאטה, האבען גענומען פעריאגען בארנעט'ס זיסע פאנטאזיע וועגען צוריקקעהרען זיך אהיים.

בארנעט האט דערזעהן אז ער האט אויף רוסלאנד ניט מעהר וואס צו האפען. פון טישעוויץ האט מען איהם גענומען שרייבען, אז דארטען איז מען אויך אין איינע פחדים, אין איינע פלאטערנים אויס־געקוילעט צו ווערען, און אז גאנץ טישעוויץ וויל לויפען וואוהין די אויגען וועלען טראגען. בארנעט האט פלוצלינג דערזעהן אז זיין זיסע פאנטאזיע, דער טרייסט פון זיין פינסטערען לעבען האט פערלארען דעם גרונד... דער העמדעל־נעהער האט דערפיהלט אז ער איז א מענש אהן א היים...

און דאן איז בארנעט דער העמדעל־נעהער אוועק ארויסנעהמען זיינע ערשטע פייפערס.

ווען דער איד איז געשטאנען אין קאורט און האט געגעבען די נויטיגע שבועה, אין וועלכע ער האט זיך געשווארען אבזאגען זיך פון זיין פאטערלאנד, האט ער עס געטהאן עפעס מיט א מין אכזריות. יעדער ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געגאנגען פון סאמע טיעפען הארצען; עס האט זיך געדאכט אזוי ווי דער ארימער אימי־גראנט האט מיט דעם „אבזאגען זיך" נקמה גענומען פאר זיין אוועק־געריבטער, זיסער, אונענדליך זיסער פאנטאזיע, ווען עס איז צוריק־קעהרען זיך אין זיין קליינער אייגענער שטעדטעלע.

די ארויסגענומענע פאפיערען האט ער זעהר פארזיכטיג בעהאלטען אין א בוזים־קעשענע און האט איינינגע מאל מיט'ן האנד א טאפ געגעבען אויב עס איז זיכער ביי איהם, עפעס אזוי ווי דאס וואלט געווען א טהייערער אוצר, נור ווען בארנעט איז אבגעגאנגען עטליכע בלאק איבער די טומעלדיגע ניו יארקער גאסען, איז איהם געווארען שווער און אומעטיג אויפ'ן הארצען.

טישעוויץ איז געשטאנען פאר זיינע אויגען... די שטילע פער־ווארפענע אידישע שטעדטעלע, וואו ער איז געבארען געווארען, וואו

ער איז ערצויגען געוואָרען, און דער נייער אַמעריקאַנער בירגער האָט
אַ טיעפען שווערען זיפץ געגעבען און עס האָט זיך געדאַכט, אזוי ווי
דיעזער טיעפער זיפץ וואָלט גערעדט מיט ווערטער און געזאָגט:

„ברודער באַרנעט, מעגסט אַרויסנעהמען טויזענד פייפערס, ועסטו
פערבלייבען אַן אימיגראַנט אין ניו יאָרק און וועסט ביז׳ן רעכטען קבר
ביינקען נאָך דיין פערלאָזענער היים.“

אַ געריםט צו קיינעם ניט

צו יענער צייט האָב איך געפּלאַנעוועט צו מאַכען אַ רייזע נאָך דוסלאַנד. אַהיים פאָהרען, פערברענגען דאָרט אַ געוויסע צייט און קומען צוריק אַהער נאָך ניו יאָרק.

ווענגען דיעזער געפּלאַנעוועטער רייזע מיינע האָבען זיך דערוואוסט פיעלע פון מיינע לאַנדסלייט, וועלכע האָבען מיך בעזוכט און מיר איבערגעגעבען אַ סך געריסען און אַ היבשע ביסעל בריוולעך צו זייערע פריינד, קרובים, פערוואַנדטע אין דער ווייטער, ווייטער היים, אויף יענער זייט ים, אין אונזער קליינער פערוואָרפענער שטעדטעלע.

צווישען דיעזע פיעלע געריסען האָב איך געהאַט אָבצוגעבען אַ גערים אַ ריהרענדען, אַ האַרציגען גערים אַדרעסירט צו קיינעם ניט...

דיעזען מערקווירדיגען גערים צו קיינעם ניט, האָט מיר געגעבען שמעריל דעם בעקער'ס זוהן.

פון מיין געפּלאַנעוועטער רייזע האָט זיך לסוף גאָר ניט אויסגע־לאָזען און איך בין פערבליבען אין ניו יאָרק. איך וואָלט וואהרשיינליך שוין לאַנג פערגעסען זיך אָן דער גאַנצער געשיכטע, בלויז דער גערים פון שמעריל דעם בעקער'ס זוהן דערמאָנט מיך אָן יענער געפּלאַנעווע־טער רייזע. דער גערים צו קיינעם ניט האָט זיך אזוי ווי איינגעשניטען אין מיין געדעכעניש. דיעזען מערקווירדיגען גערים קען איך אויף קיין פאַל ניט פערגעסען.

אָבענד צייט איז דאָס געווען. אַ שעהנער אָנפאַנג זומער־אָבענד. אין אונזער שמאָלען עיר־שאָפט, וואוהין עס קומען אריין די פענסטער פון מיין צימער, האָט אויסגעקוקט אזוי ווי די זון וואָלט שוין לאַנג געהאַט פערגאַנגען. אויף דעם שמאָלען פאַס לויטער קלאָרען הימעל, הויך איבער די טענעמענט־ווענט פון אונזער שמאָלען הויפעל, האָבען זיך וואו ניט וואו גערונצעלט עטליכע צוואוואָרפענע פייערדיג־רויטע שטריכען, עפּעס אזוי ווי עלענד פערבליבענע סמנים פון דעם פערגאַנ־גענעם שעהנעם ליכטיגען טאָג.

אַ פערטראַכטע מעלאַנכאָלישע האַלב־דונקעלהייט האָט אָנגעפילט מיין צימער. אימיצער האָט אין טהיר אָנגעקלאַפּט.

— קאַם אין!

עס איז אַריינגעקומען אַ הויכער געזונדער איד, מיט אַ לאַנגער, ברייטער ברוין־גרויליכער באָרד. גלייך איז מיין וויזיטאָר צוגעגאַנגען צו מיר און שטעקט מיר אַ האַנד אַריין, — אַ שאַרסטקע, צוסקרעטשטע האַנד. איך האָב בעגריפען, אַז איך האָב דאָ צו טהאָן מיט אַ שווערען בעל־מלאכה.

— דערקענסט מיך ניט? — פרעגט מיר מיין גאַסט גאָר אָהן צערעמאָניעס.

— ניין.

— געדענקסט ניט שמואל דעם סטאָליער?

איך פּרוביר זיך דערמאָנען ווער שמואל דער סטאָליער איז, אָבער דאָס גיט זיך מיר ניט איין, און איך ענטפער:

— ניין, איך געדענק ניט.

— שמעריל דעם בעקער'ס זוהן געדענקסטו ניט?

— שמעריל דעם בעקער'ס זוהן? איך וויים ניט....

— דיין טאַטע קען אונז זעהר גוט... שכנים געווען — ענטפערט מיין גאַסט — עס איז אָבער ניט אין דיינע יאָהרען. ווען איך בין אוועק נאָך אַמעריקאַ, ביזטו נאָך געווען אַ קליינער חדר־אינגעל.

— מעגליך.

— עס איז מיר דיר אויך שווער צו דערקענען. אַ מאַן געוואָרען, גאָר ניט צו דערקענען — קוקט מיך אָן מיין גאַסט.

איך שוויַיג און מיין גאַסט רעדט ווייטער:

— לאַנדסלייט דערצעהלען, דו פאָהרסט אהיים.

— יעס, אַזוי רעכען איך.

— בין איך טאַקע עקסטרא צו דיר געקומען. גיב אָב אַ געריס אין דער היים. אַ געריס פון שמואל דעם סטאָליער, שמעריל דעם בעקער'ס זוהן.

— זעהר אַנגענעהם.

— ווען נור איך דערוויים זיך, אַז אימיצער פאָהרט פון דאַנען אהיים, מוז איך שיקען אַ געריס. אַן אַנדערס מאָל קומט מיר אויס צו סטאָפּען אַ האַלבען טאָג פון דער אַרבייט... קעהר איך ניט, איך לויף און איך שיק אַ געריס.

— אָל־רייט — זאָג איך — איך וועל געווים פון אייך אָבנעבען א נעריס.

— זאָג: שמואל דער סטאָליער, שמעריל דעם בעקער׳ס זוהן.

— און ווענען זאָל איך אָבנעבען דעם נעריס?

— זאָל איך אזוי וויסען פון צער — ענטפערט מיר אָב מיין נאסט גאנץ ערנסט.

— די עלטערען אין דער היים? — פרעג איך.

— עלטערען? וואו עלטערען? ווען עלטערען? איך בין שוין א איד אין די זעבציגער און דאָ אין לאנד בין איך שוין אויך א וואָסערע עס איז צוואנציג יאָהר אויב ניט מעהר. ווי קום איך צו עלטערען? עס איז שוין א יאָהר פופצעהן, אז דער טאטע, עליו השלום, איז געשטאָר־בען און מיין מאמע איז, דאכט זיך מיר, נאָך פאר דיר געשטאָרבען, נאָך אין דיינע צייטען. וואו עלטערען? ווען עלטערען?

— שוועסטער? ברידער?

— שוועסטער? ברידער? — פרעגט מיר איבער מיין נאסט.

— נו, יעס, אויב איהר שיקט א נעריס, האָט איהר דאָך מסתמא צו וועמען.

— נאָ, קיינער נישט... נישטאָ קיין שוועסטער, נישטאָ קיין ברידער... צוואווארפען, צושליידערט, צושטאָרבען.... יעדען שפור, יעדען סליאד פערלאָרען... קיינער ניט. אין דער היים איז פון אונזערע קיינער ניט פערבליבען.

— ווייטע קרובים?

— עפּעס געדענק איך ניט... דאכט מיר, קיינער ניט פערבליבען.

— פריינד? שכנים?

— ווער געדענקט זיי? — רעדט פערטרויערט מיין נאסט — צוואנציג יאָהר אריבער... אמאָל זיינען געווען פריינד, שכנים, קרובים. איך געדענק יעצט קיינעם ניט. און אז איך דערמאָן זיך יא אָן אימיצען, איז אָדער געשטאָרבען, אָדער פערפאלען געוואָרען.

— טאָ וועמען־זשע ווילט איהר פאָרט גריסען? — פרעג איך מיין לאנדסמאן.

— פרעגט מיך בחרם, איך וויים טאקע ניט וועמען... עס קומט אוים קיינעם ניט. — ענטפערט שמערעל דעם בעקער׳ס זוהן — קיינער פון אונזערע ניט פערבליבען אין דער היים. נור פון דעסטוועגען

דערווייס איך זיך נור, אז אימיצער פאָהרט צו אונז אין שטעדטעל, אז אימיצער פאָהרט אהיים, ציהט מיך שוין צו לויפען און שיקען א גערים. קיינער נישטאָ, דאכט זיך, קיינער פון אונזערע שוין ניט פערבליבען דאָרט, פון דעסטוועגען איז די היים אין הארצען איינגעבאקען...

מיין לאַנדסמאַן האָט זיך פערטראכט און א טיעפער, שווערער אומעט האָט זיך איבער זיין פנים צוגאָסען. א לאַנגע צייט איז מיין גאַסט געזעסען אזוי פערטראכט און געשוויגען, און מיר האָט זיך אזוי געגלוסט אריינצוקוקען אין מיין לאַנדסמאַנ'ס בענקענדער נשמה.

מנשה.

דאָס איז געווען אַ זומער־אָבענד. איך בין ערשט געקומען פון דער אַרבייט, פאַנאַנדער־געטהאָן זיך, פאַנאַנדערגעשפּילעט זיך, אָוועקגעזעצט זיך נעבען פענסטער פון מיין קליינעם חדר, וועלכען איך האָב פערנומען און האָב זיך געפּאַכט מיט דער נשמה.

מען האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר אין טהיר, און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז אַריינגעגאַנצען אַ פרוי מיט געלע האָאר און אין שרעקליך פערשלומפּערטע קליידער.

נאָך איהר „אפּירענס” האָב איך גלייך געקענט זעהען אַז די ווייבעל איז ניט געקומען צו מיר פון מרחקים; דער קאָפּ איז ביי איהר מיט גאָרניט געווען בעדעקט, די אַרבעל פערקאַשערט; זי האָט געהאַלטען אַ קאָכלעפעל אין האַנד און האָט עפּעס מעלה־גרה געווען.

זי האָט הפנים פערשטאַנען, אַז איהר וויזיט קוקט מיר אויס קשה'דיג און זי האָט זיך געאיילט צו ערקלערען:

— איך בין מנשה'ס ווייב. — האָט זי געזאָגט.

— מנשה גרוקלין'ס? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— יעס, — האָט די אַריינקומענדע געענטפערט — גרוקלין'ס, גרוקלין'ס.

איך האָב אויף גיך אַרויפגעכאַפּט אַ רעקעל און געבעטען איהר זיצען.

מנשה'ן האָב איך געקענט און גוט געקענט. ער איז געווען אַן אָפּרייטאָר ביי קעפּס און האָט מיט מיר געאַרבייט אין איין שאָפּ.

איך האָב געוואוסט אַז מנשה וואוינט ערגעץ דאָ אין הויז. זיין ווייב האָב איך אָבער געהאַט די עהרע צו זעהען דאָס ערשטע מאָל.

— הערט נור, — האָט די פרוי אָנגעפאַנגען — איהר אַרבייט דאָך מיט מיין מאַן אין איין שאָפּ.

— יעס, יעס.

— נו, טאָ זאָגט־זשע מיר, — האָט זיך דעם אָפּרייטאָר'ס געלע ווייבעל אַ שטעל געטהאָן ווי אַ יון — פאַר וואָס עפּעס זעה איך אַז איהר זייט געקומען פון דער אַרבייט ווען גאָט און לייט קומען, מיט

אלע מענשען גלייך, און מיין כאלעריע איז נאך ניטא? און דאס איז שוין ניט צום ערשטען מאל, אז ער ווערט ערגעץ פערפאלען און קומט מיט צוויי שטונדען שפעטער ווי אלע אנדערע. וואוהין שלעפט ער זיך דאס ארום?

— איך וויים ניט. — האב איך געענטפערט.

די ווייבעל האט זיך אזוי צוואווארפען מיט איהר קאכלעפעל, אז איך האב געדענקט זי דענקט מיך מכבד צו זיין.

— איהר ווייסט ניט? — האט זי עפעס פיעל בעדייטענד א מאך געטהאן מיט די אויגען — ווי הייסט? איהר געהט דאך צוזאמען אוועק פון שאפ, זעהט איהר דאך וואוהין ער פערגעהט.

איך האב זיך ווירקליך דערמאנט, אז ווען מנשה געהט פון דער ארבייט, טרעפט דאס ער געהט אב מיט מיר צוזאמען בלויז א פאר בלאק, נאכהער פערקעהרט ער זיך און געהט עפעס אוועק ווייטער אין אן אנדער וועג. איך האב זיך אויך עראינערט, אז איין מאל האב איך ביי איהם געפרעגט וואוהין ער געהט עס און ער האט מיר געענטפערט אז ער געהט צו בעקאנטע. און אזוי טראכטענדיג, האב איך געענטפערט מנשה׳ס פרוי:

— אייער מאן מוז פערגעהן צו בעקאנטע.

— צו בעקאנטע? — האט די פרוי איבערגעפרעגט און האט זיך, איך וויים אליין ניט ווארום, פלוצלונג ווילד צולאכט — ווער? וואס? ווען? וועמען? מיר זיינען דאך נאך גרין, עלענד ווי די שטיינער. וועמען האט ער, דער אונגליק?

— איך וויים ניט, — האב איך געזאגט — אזוי האט ער מיר דערצעהלט.

— אללראיט! — האט מנשה׳ס פרוי געענטפערט — איך וועל איהם פערגעבען א גוטען חלק, ער וועט מיך האבען צו געדענקען.

און זי איז אוועק.

ווען זי איז ארוים פון חדר האט זיך מיר גלייך פארגעשטעלט ווי דער ארימער, שוואכער, שווינדזיכטיגער מנשה קריגט א חלק פון זיין געלער ווייבעל און מיר האט ווירקליך מיין הארץ פערקלעמט.

מנשה איז געוועזן א מאן פון א יאהר דרייסיג, זיין פנים איז געוועזן געל, בלאס און ארומגערינגעלט מיט א שווארצער בערדעל. ער איז געוועזן זעהר א דארער, א הוסטער און א קראנקער, האט ניט געקענט

שרייבען און שוואך געלייענט בלויז אידיש, איז געווען א שטילער ארענטליכער מענשעל, מען קען זאגען, דער איינציגער אפרייטאר אין שאפ, וועלכער האט פערגונען דעם לעבען זיינע מיטארבייטער און ער איז געווען בלויז איין יאהר אין לאנד און חברה פלעגען פון איהם ליעב האבען שפאס צו מאכען אויף דער רעכענונג. איך פלעג זיך אימער פאר איהם אננעהמען, ווארום איך האב איהם ליעב געהאט.

— וואוהין קען ער דאס טאקע געהן? — האב איך געטומען טראכטען, און די אנגעלעגענהייט איז מיר געווארען זעהר אינ־טערעסאנט.

אויף מארגען פריה האב איך זיך נאטירליך געטראפען מיט מנשה'ן.

איך האב געוואלט מיט איהם נעהמען רעדען וועגען זיין אידענעס וויזיט צו מיר. דער אפרייטאר האט אבער אין דיזען פריהמארגען אויסגעקוקט אזוי טרויעריג, אזוי אונגליקליך, און מיר האט זיך גע־טראכט: דער מאן האט שוין געקראגען דעם „פערשפראכענעם חלק“, און ביי מיר האט ניט געכאפט קיין מוטה מיט איהם אנצופאנגען צו רעדען וועגען זיין ווייבעל.

פארנאכט, ווען מיר זיינען געגאנגען פון שאפ, האט מנשה צו מיר געזאגט:

— איז מיין אידענע ביי אייך געווען?

— יעס.

— א בייזע זעהר, — האט דער אפרייטאר געזאגט — צוקאכט זי זיך, קען זי טויטען א מענשען. אבער א רחמנות, א ביטערע הארץ, נעבעך. אויף גרויסע צרות, דלות, דחקות...

מנשה האט א שווערען זיפץ געגעבען.

— זי האט ביי אייך געפרעגט, וואוהין איך פערגעה עס אן אנדערס מאל נאך דער ארבייט? — האט זיך דער אפרייטאר צו מיר ווייטער געווענדעט.

— יעס. — האב איך געענטפערט.

— און איהר ווילט וויסען וואוהין איך פערגעה? — האט מנשה געפרעגט.

— ווארום ניט, מיסטער גרולקין?

— קומט, לענט אָן אַ פּאָר בלאָק גאַנג, — האָט מנשה געענטפערט — און איך וועל אייך עפּעס צייגען.

— קומט. — בין איך געווען איינשטימיג, און מיר זיינען אוועק צוזאַמען.

אַבגעהענדיג עטליכע בלאָק, האָט מיך מנשה אַריינגעפיהרט אין אַ שמאָלער, נאָך וועניג פערבויטער געסעל.

מנשה האָט זיך אָבגעשטעלט און גענומען צופריעדען שמייכלען. איך האָב זיך פערוואונדערט אַרומגעקוקט. מיר זיינען געשטאַנען נעבען אַ לעערען לאָט, אַ טהייל פון וועלכען עס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ ניעדריגען צאַם פון שטיינער און איבערגעברענטען דראָט און איז געווען בעאַרבייט אַלס אַ גאָרטען.

— קוקט נור, — האָט מיר דער אָפּרייטאָר אָנגעצייגט אויפ'ן גאָרטען — וואָס פאַר אַ מין חיות; מען זעהט עס אַזוי זעלטען אין ניו יאָרק.

מנשה איז צוגעגאַנגען נעהענטער צום צאַם און זיינע בליקען האָבען עפּעס אַזוי דורסטיג גענומען וואַנדערן צווישען די גרינסען, וועלכע האָבען זיך יעצט פראַכטפאָל צוואָוואָרפען און געהאַלטען אין בליהען. איך האָב זיך צוגעקוקט צום גאָרטען. אַלעס וואָס דאָרט האָט געוואַקסען איז מיר געווען אונבעקאַנט, און איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ מינים דאָס זיינען. איין זאַך איז אין גאָרטען אבער יא געווען פאַר מיר היימליך און בעקאַנט און דאָס זיינען געווען אייניגע שעהנע גראַציאָזנע הויכע „האַלבע לבנות", וועלכע זיינען דאָ און דאָרט פערשפּרייט געווען איבער'ן גאָרטען און זיינען געשטאַנען אַזוי ווי שטומע פערטראַכטע שעהנע וועכטער. די רויזען האָבען שוין געבליהט און זייערע קעפּלעך האָבען זיך מיר אָבגעדראַכט, אַזוי ווי געהיימע טיעפע אויגען אַרומגערינגעלט מיט געדיכטע גאָלדערנע ברעמען.

— איהר זעהט די „לבנות"? — האָט מנשה גערעדט ענטציקט, אָבער מעהר צו זיך איידער צו מיר — קוקט, ס'אַרא אַנטיקעל, איך קען פון זיי די אויגען ניט אָראָבנעהמען, איך בין גערען אָבצושטעהן דאָ שטונדען לאַנג און קוקען אויף זיי, עפּעס איך פיהל אַזאַ מחיה, אַזוי ווי איך בין אין דער היים... אין דער היים זיינען זיי אַ סך!...

דער אָפּרייטאָר האָט אַ זיפץ געגעבען, פערטראַכט זיך אויף אַ מינוט און ווייטער גענומען רעדען:

— איך קוק אויף די רויזען און איך דערמאָן זיך אויף אַמאָליגע צייטען, ווען איך בין נאָך געווען אין דער היים. מיר האָבען געהאַט א גרויסען גאָרטען און איך האָב איהם אזוי האָלד געהאַט; ווען דער גאָרטען פלעגט נעהמען בליהען, פלעג איך דאָרטען אָבזיצען גאַנצע שטונדען און ניט קענען אָנקוקען זיך. די רויזען פלעגען שטעהען אזוי פערטראַכט און פלעגען קוקען אזוי ווי מיט לעבעדיגע אויגען. די אונערקעס פלעגען זיך צולעגען ווי די קעצעלעך און פלעגען זיך ווייט, ווייט אוועקציהען מיט זייערע בלעטער, איבער די בייטען, די בעבעלעך פלעגען זיך דראַפּען ווי די קונדסים, און די פּאַטייטאַס... וואס פאר א מין אנטיק! און בליהונגען, רויטינקע, בלויאינקע, געלע, גרינע, עפּעס אזוי ווי אויגען פון אַלערליי קאָלירען. און מיר פלעגט זיך דאכטען, אז אלעס לעבט דאָ, אז דער גאַנצער גאָרטען לעבט, און מיר פלעגט זיך דאכטען אז איך הער ווי זיי רעדען, די רויזען, די פּאַטיי־טאָס, די בעבעלעך, און גאַנצע אָבענדען פלעג איך פערברענגען אין גאָרטען... איך האָב עס אזוי האָלד, אזוי ווי מיין נשמה... קוקט, קוקט, קוקט די רויזען, זיינען זיי ניט ווי לעבעדיג?

איך האָב א קוק געטהאָן אויף מנשה'ן. עס האָט זיך מיר געדאַכט אז דער קרענקליכער אַפּרייטאָר איז שענער און איינגער געוואָרען, זיין פּנים איז דאכט זיך ניט אזוי בלאַס געווען און זיינע אויגען האָבען אזוי צופריעדען און אזוי גליקליך געברענט.

— איהר הערט? — האָט צו מיר מנשה געזאָגט, ווען מיר זיינען אוועק פון גאָרטען — איך האָב שוין איינמאָל פערזעצט „שעמענעס“ פון רויזען אין דער היים אין א קעסטעל אויפ'ן פייער־עסקייפּ, עס האָט זיך געהאַט צוגענומען און גענומען ארויסשפּראָצען.

מנשה איז אנשוויגען געוואָרען.

— וועלל? — האָב איך געפרעגט — און וואָס איז געווען?

— האָט די ווייב ארויפגעלעגט אויפ'ן בעסקעטעל לופטערן דעם מאַטראַץ און געמאַכט פון דעם א תל.

מנשה האָט א מאַך געגעבען מיט'ן האַנד, און איך האָב מעהר ביי איהם ניט געפרעגט.

דער ענגער שאַפּ, וואו איך און ער ארבייטען, איז מיר ארויף אויפ'ן זינען און מיין הארץ האָט מיר גענומען זעהר וועה טהאָן.

א אידיש־שפּרעכענדער סאָציאַליסט

דאָס איז געווען אויף א מיטינג פון אידיש־שפּרעכענדע סאָציאַ־ליסטען, ווען מיינער א גענאָסע מיט׳ן נאָמען גאָלדבערג האָט מיר אָנגעצייגט אויף א יונגען מאַן, וועלכער איז געזעסען ניט ווייט פון אונז.

— איהר זעהט? — האָט גאָלדבערג געזאָגט — איהר זעהט אָט דעם יונגען מאַן?

— יעס, איך זעה. — האָב איך געענטפערט.

— קוקט זיך צו איהם צו גוט.

— איז וואָס וועט זיין?

— וואָס אַרט אייך, בעטראַכט איהם אביסעל.

— איך האָב נאָך אַמאָל א קוק געגעבען אויף דעם מאַן, אויף וועלכען גאָלדבערג האָט מיר אָנגעצייגט.

דאָס איז געווען א יונגער מאַן פון א יאהר דרייסיג, מיט א טיפּיש־אידישען געזיכט; ער איז געווען דאַר, קליין־געוויקסיג, אביסעל סוטולעוואַט, ער איז געווען אביסעל אָנגעבויגען און האָט געשיינט צו זיין שטאַרק פערטיעפט אין דער רעדע, וועלכע עס האָט זיך געטראָגען פון דער פּלאַטפאָרמע. פּלוצלונג האָט דיעזער מאַן אויף מיר א קוק געגעבען, עפּעס אַזוי ווי ער האָט דערפיהלט אַז איך פון מיין זייט קוק אויף איהם. איך האָב דערזעהען א פּאָר אידישע אויגען, שווארצע ברענענדע אויגען, אַן אַרויסרופענדער און דאָך אַן ערשראָקענער בליק. איך ווייס ניט וואָרום דאָס איז אַזוי, נור דיעזער בליק האָט מיך עראינערט אָן א וואַלד־חיה, וועלכע אַנטלויפט א צושראָקענע פון איהר יעגער, און וועלכע שטעלט זיך אָב פּלוצלונג אויפ׳ן מיטען וועג אום אָנצוגרייפען דעם שונא.

— וועלל, — האָב איך געזאָגט — וואָס איז מיט דיעזען מאַן? ער מאַכט אויף מיר א גוטען איינדרוק.

— א גוטען איינדרוק, — האָט גאָלדבערג איבערגעזאָגט מיינע ווערטער, און א פערעכטליכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען — ווען איהר וואָלט איהם געקענט נעהענטער וואָלט ער אויף אייך שוין ניט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק.

— וואָס איז?

— ער קומט דאָך אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען... — האָט גאָלדבערג געזאָגט און האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען עפּעס אַזוי ווי וועלענדיג אז איך זאָל דערר‌עדען.

— נו, איהר ווייסט דאָך. — האָב איך דערר‌עדט.

— און זעהט ווי ער איז בעגייסטערט... איהר זעהט ווי ער קלאָפּט בראַוואָ?

— יעס, איך זעה.

— און דאָך איז ער אַ פערביסענער קאָנסערוואַטאָר.

— אין וואָס פאַר אַ הינזיכט?

— אין אַלעס. — האָט גאָלדבערג געענטפערט קורץ און שאַרף.

— ווי הייסט?

— ביי איהם איז רעכט געווען תשעה באב געהן אין שוהלכעל און זעצען זיך קנות זאָגען.

— וואָס רעדט איהר?

— ווי איהר זעהט מיך לעבען.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— ער איז אַ מעמבער אין אונזער פעראיין. — האָט גאָלדבערג ערקלערט.

— אין וועלכען פעראיין?

— אין דעם האַרלעמער ברענטש פון דעם ס. ל. א. רעוואָלוציאָנערען פאַרבילדונגס־פעראיין.

— און ער איז געגאַנגען תשעה באב זאָגען קנות?

— און נאָך ווי אַזוי! — האָט אָנגעפאַנגען גאָלדבערג צו רעדען מיט ענטריסטונג און פעראכטונג — ער איז געווען איינער פון די קאָמיטע־לייט אויף אַ קאָנצערט און באָל, וועלכען אונזער פעראיין האָט אַראַנזשירט אויף יענעם אבענד, איז ער דאָס געגאַנגען אויפ'ן קאָנצערט און אויפ'ן וועג האָט די אידישע האַרץ זיינע בעקעמפּפט דעם רעוואָלוציאָנער און ער איז פערגאַנגען אין אַ שוהל און האָט זיך אוועקגעזעצט קנות זאָגען.

— איז דאָס וואהר?

— ער שעהמט זיך ניט מיט דעם, ער דערצעהלט עס אַליין.

איך בין געוואָרען זעהר נייגיעריג צו בעקענען זיך מיט דעם מאַן,

וועגען וועלכען מיר האבען גערעדט, און איך האב בעשטעלט גאָלדבערג׳ן ער זאָל עס פאר מיר טהאָן.

— ווארום ניט? — איז גאָלדבערג געווען צופריעדען. מען האט אונז פארגעשטעלט.

— לעווין. — האט מיין נייער בעקאנטער געזאָגט זיין נאָמען. איך האב אויך געזאָגט מיין נאָמען.

— איהר הערט, גענאָסע לעווין, — האט זיך גאָלדבערג דאן געווענדעט צו מיין נייען בעקאנטען — מען וויל ניט גלויבען אז איהר זיינט היינטיגען תשעה באב פערגאנגען אין שוהל זאָגען „איכה“.

ביי דעם אָרימען לעווינ׳ען האט די בלוט א קלאפּ געגעבען אין געזיכט, ער איז אָבער באלד געקומען צו זיך און האט געענטפערט, ווענדענדיג זיך צו גאָלדבערג׳ן:

— עס איז פאר מיר גאר קיין נייעס ניט וואס אייך גלויבט מען ניט...

די צוויי פריינד האבען זיך דורכגעוואָרפען מיט עטליכע שטעכיגע פראזען. עס האט געהאלטען דערביי אז זיי זאָלען זיך צוקריעגען, איך האב זיך אריינגעמישט און האב אָבגעשטעלט דעם שטרייט אין דער רעכטער צייט.

— איהר זייט א פערדאמטער היפּאָקריט! — האט גאָלדבערג אויסגעשריען צו לעווינ׳ען און ער איז פון אונז אוועק.

—מיינט איהר ווארום איז ער אויף מיר אזוי אין כעס אָט דער גאָלדבערג? — האט זיך צו מיר געווענדעט לעווין.

— ווארום?

— ער איז געווען קאנדידאט אויף רעקאָרדינג סעקרעטער אין אונזער פעראיין, האב איך געהאָלפען איהם ניעדערשטימען. פון דאן אָן ברענט ער אויף מיר ווי א פייער.

איך האב זיך מיט דיעזער ערקלערונג בענוגענט, און מיר האבען וועגען גאָלדבערג׳ן מעהר ניט גערעדט.

ווען דער מיטינג האט זיך געענדיגט, האט מיר לעווין דערצעהלט ווי אזוי עס האט פּאסירט דאס וואס ער איז געווען אין א שוהל תשעה באב צו נאכט און האט מיט אלע אידען גלייך איכה געזאָגט.

דאס איז א גאנץ קליינע אָבער אינטערעסאנטע געשיכטעלע, איך וועל עס אייך איבערדערצעהלען מיט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע

דער מאַן האָט פאַר מיר אויסגערעדט זיין הארץ. איך וועל זעהען ווי וויִיט מעגליך זיין טריי דעם אָריגינאַל, ווען איך וועל אָבער אין אַנדערע שטעלען געברויכען מיין אייגענע פאָרמע פון שילדערען און ניט די ווערטער פון דעם ערצעהלער, וועל איך בעטען טאַקע דעם זעלבען לעווינ׳ען ער זאָל מיר ענטשולדיגען. עס איז ניט אַזוי לייכט איבער־צוגעבען אַן ערצעהלונג און געברויכען דערביי פונקט די זעלבע שפּראַך פון דעם דערצעהלער.

*

„דער האַרלעמער ברענטש פון דעם ס. ל. א. רעוואָלוציאָנערען פאַר־בילדונגס־פעראיין, וואו איך בין א מעמבער, — אַזוי אונגעפעהר האָט לעווין אָנגעפאַנגען זיין ערצעהלונג — האָט בעשלאָסען צו אַראַנזשירען אַ קאָנצערט און באַלל אויף תשעה באב ביינאַכט.

עס איז ענטשטאַנען אַ דעבאַטע אין דער פראַגע. איך האָב גענומען דאָס וואָרט און האָב אויסגעדריקט זיך, אַז איבערהויפּט וואָלט געווען ניט ראַטהזאַם צו מאַכען קאָנצערטען אין דיעזען אבענד.

— וואָרום? — האָט מען ביי מיר געפרעגט.

איך האָב געוואָלט ערקלערען, אַז אַזוי ווי תשעה באב איז אַ טרויער־טאָג ביי אידען... נור דאָ האָט מיך דער טשערמאַן אונטער־בראָכען מיט פאָלגענדע ווערטער:

— גענאָסע לעווין, איהר זייט אויסער אָרדנונג.

— וואָרום? — האָב איך געפרעגט — וואָרום בין איך אויסער אָרדנונג?

— מיר זיינען ניט קיין אידען! — האָט דער טשערמאַן ערקלערט מיט אַן אייז־קאַלטער שטימע.

— וואָס דען זיינען מיר? — האָב איך געפרעגט.

— מיר זיינען אידיש־שפּרעכענדע סאָציאַליסטען! — האָט מיר דער טשערמאַן געענטפערט קורץ און שאַרף.

— זאָל זיין אַזוי, — טראַכט איך מיר און זאָג ווייטער:

— אַזוי ווי מיר זיינען אידיש־שפּרעכענדע סאָציאַליסטען, און אַזוי ווי ביי די אידיש־שפּרעכענדע אידען, וועלכע עס זיינען דאָך צו אונז שטיקלעך פערוואַנדטע, אַזוי ווי ביי זיי איז תשעה באב אַ טרויער־אבענד...

— גענאָסע לעווין, — האָט דער טשערמאַן מיך ווייטער אונטער־בראָכען — איך מוז אייך דאָך מאַכען צום סטאָפּען.

— וואָרום ? — האָב איך געפרעגט.

— איך גלויב אַז איהר ווייסט זעלבסט, דאָס מיר האָבען וועניג וואָס צו טהאָן מיט רעליגיאָן — האָט אויף מיר אונזער טשערמאַן אַ קוק געטהאָן מיט פאָרוואורף.

— אָבער תשעה באב איז ניט קיין רעליגיעזער יום־טוב. דאָס איז נור אַ טאָג פון טרויעריגע ביטערע עראינערונגען פון אַ שרעקליך פער־אונגליקליכטער נאַציאָן.

— מיר זיינען סאָציאַליסטען און ניט קיין נאַציאָנאַליסטען — האָט דער טשערמאַן אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן האַמער.

— אָבער מיר שטעהען דאָך אויס צרות אויפ'ן פּוד. זייט מיר זיינען אין גלות האָבען מיר ניט געהאַט אין אונזער לעבען קיין איין ליכטיגען רוהיגען טאָג.

— גענאָסע טשערמאַן — האָט זיך געווענדעט צום טשערמאַן דער זעלבער גאָלדבערג, טאַקע וועלכער עס האָט אונז בעקאַנט — גענאָסע טשערמאַן, אַ פּאָינט אָוו אָרדער.

— וואָס איז אייער פּאָינט אָוו אָרדער ? — האָט דער טשערמאַן געפרעגט.

— מיין פּאָינט אָוו אָרדער איז — האָט גאָלדבערג ערקלעהרט — מיין פּאָינט אָוו אָרדער איז, אַז לעווין, ווי עס צייגט זיך אַרויס, איז גאָר ניט קיין רעוואָלוציאָנער. ער איז זאָגאָר קיין סאָציאַליסט ניט, און איך צווייפעל, אויב ער האָט גאָר אַ מאָראַלישע רעכט צו בעלאַנגען צו אונזער פעראיין און צו בעטהייליגען זיך אין אונזערע דעבאַטען, ווייל דער האַרלעמער ברענטש פון דעם ס. ל. א. רעוואָלו־ציאָנערען פאַרבילדונגס־פעראיין איז אַ ריין רעוואָלוציאָנערער פעראיין.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי פון אַלע מעמ־בערס, אַזוי אַז איך האָב פאַר זיך קיין אָרט ניט געהאַט ; איך האָב געוואָלט נאָך מיט עפּעס פערטהיידיגען מיין שטאַנדפּונקט, האָט מען מיך איינפאַך פערטייטעלט מיט די פינגער. איך בין שטיל געבליבען און עס איז כמעט ווי איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען צו אָראַנזשירען

א קאָנצערט און באַל אויף תשעה באב נאכט. די מעמבערס פון פעראיין זיינען געווען זעהר שטארק בעגייסטערט, מיך האָט מען גענומען אויף זיכער, און אום צו בעווייזען אז איך האָב דאָך די מאָראַלישע רעכט צו בעלאַנגען צום הארלעמער ברענטש פון דעם ס. ל. א. רעוואָלוציאָנערען פאָרטבילדונגס פעראיין, האָב איך זיך געמוזט אָננעהמען צו זיין אַלס איינער פון דער קאָמיטע וועלכע עס האָט בעדאַרפט אַטענדען צו דעם קאָנצערט.

וועלל, עס איז געקומען דער ערוואַרטעטער אבענד ווען אונזער קאָנצערט האָט געדאַרפט שטאַטפינדען, איך, אַלס קאָמיטע מאַן, האָב בעדאַרפט זיין אין האָל פריה, האָב איך זיך פערפוצט און איך בין אַוועק אין מיין וועג.

גאָר נישט. געה איך מיר. עס ווערט שוין אבענד און איך שטויס זיך אָן אויף אידען, וועלכע עס געהען אין שוהל. טרויעריגע, פעראָר־מערטע געהען זיי די אידען... איך שטעל זיך פאָר א בילד ווי זיי זיצען אויף נידעריגע ביינקלעך מיט ליכטלעך אין די הענד און זאָגען „איכה“. אין מיינע אויערען נעהמט קלינגען דער אידישער וויינען. דער אייביגער, אייביגער אידישער , הערצרייסענדער קרעכץ. איך הער איהם דעם קרעכץ און טראַץ דעם וואָס איך בין ניט קיין איד און נור אַן אידיש־שפּרעכענדער סאָציאַליסט, רייסט אָט דיזער קרעכץ מיר מיין הארץ אויף שטיקער... „זיי געהען אין שוהל; אויך דאָ אין אַמעריקאַ וועלען זיי היינט וויינען“ — טראַכט איך ביי זיך — „זיי וועלען לייענען זייער טרויעריגע געשיכטע און וועלען זיך דערביי בעגיסען מיט טרעהרען, מיט זודיגע טרעהרען... אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרום איז דען דאָ איין ווינקעלע אויף דער ערד וואוהין דער איד איז ניט פעריאָגט? אויף דער גאַנצער וועלט וועט היינט אָבקלינגען דער אייביגער, אייבי־גער אידישער קרעכץ... אויף דער גאַנצער וועלט וועט מען היינט בעגיסען זיך מיט טרעהרען. דער אייביגער וואַנדרער, דער אייביגער איד, א צושפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, א צוואָוואָרפענע, א פעריאָגטע, א צודריקטע, א צושטיקטע נאַציאָן וועט זיך אין דיעזען אבענד פון שוידערליכע עראינערונגען פאַר איהר פעראייניגען אין איין רוישענדען וויינען. עס וועלען וויינען מיינע פערוואַנדטע, מיינע קרובים, עס וועלען בעגיסען זיך מיט טרעהרען פיעלע, פיעלע, וועלכע עס זיינען מיר טהייער ווי מיין לעבען, עס וועט וויינען מיין שוועסטער,

מיין ברודער, עס וועט וויינען מיין פאָטער, מיין מוטער, וועמעס מילך, וועמעס בלוט איך האָב געזויגען.

מיר נעהמט זיך דאכטען אז איך הער דיעזען וויינען, אז איך זעה דיעזע טרעהרען און עפּעס א טיעפער, טיעפער וועהטאָג פער'גנב'עט זיך טיעף אונטער'ן ברוסט און עס נעהמט פּייניגען די הארץ.

און דאָ דערמאָן איך זיך נאָך וואָס און וואוהין איך געה... „א קאָנצערט! א בעל שמחה בין איך היינט, א גליקליכער מענש! געהויבען! איך געה הערען ווי חאלאמייקין וועט פאָרלעזען דעם „קאלוואריער דאטש", איך וועל זיך ממש דערקוויקען... עס איז טאקע ווי גוט און ווי וואויל איז צו מיר! וואָלט איך ניט בעלאנגט צום הארלעמער ברענטש פון דעם ס. ל. א. רעוואָלוציאָנערען פּאָרטבילדונגס פעראיין, וואָלט איך געוועזען א איד און ניט קיין אידיש-שפּרעכענדער סאָציאליסט, וואָלט איך היינט גאָר געגאנגען וויינען איבער „איכה" און אזוי בין איך דאך א גליקליכער מענש, איך געה האָבען א גוד טיים, איך וועל הוליען א נאכט און וועל זיך איינפּאַך פרעגלען אין פערגעניגען".

— זזזז!!! — הער איך ווי מען „זיזקעט". מיין הארץ זאָגט מיר אז דאָס מיינט מען עס מיך. „הפּנים — טראכט איך ביי זיך — ווי ניט אלע ווייסען, אז איך בין אוים איד, אז איך בין נור א אידיש-שפּרעכענדער סאָציאליסט" און איך געה מיר ווייטער אין מיין וועג צו אראנזשירען די שמחה פון אונזער פעראיין.

— זזזזזזז!!!

איך מאך זיך כלא ידע און געה מיר אין מיין וועג. פּלוצלינג טראך! איך פיהל א שטיין אין רוקען. פערגעס איך מיר אין גאנצען אז איך בין „אוים איד" און נעהם די פיס אין די הענד, איך בעט איבער אייער כבוד, און לאָז זיך לויפען, טאקע אויף'ן אמת'ן אידישען שטייגער.

טראך! נאך א שטיין!

אוי, מאמעלע, עס טהוט וועה, די הארץ ווערט בעגאָסען מיט בלוט.... איך שטעל זיך אָב... איך קוק זיך ארום, איך זעה מיין אָנגרייפער, עפּעס אָן איירישער לויפער הויבט אויף נאך א שטיין... איך ווארט ניט אויף דעם דריטען קלאפּ, פערכאַפּ דעם וועג, הויב אויף א שטיין און פאָהר מיט דעם אריין מיין אָנגרייפער... מעהר האָט מיר

ניט געפעהלט! וועה איז מיר געשעהן! פון וואנען האבען זיי זיך אויף מיר גענומען? ! א גאנצע באנדע איז מיך בעפאלען... א שטיין נאך א שטיין... איך פיהל ווארימע בלוט גיסט זיך מיר איבער מיין געזיכט... איך קוק זיך ארום... איך זוך אן ארט וואו צו בעהאלטען זיך... און א דערשראקענער, א צובלוטיגטער לויף איך אריין אין א האל פון א הויז... מען פליהט נאך מיר אין האל... איך עפען א טהיר און איך פאל אריין אין א הויז...

אין דער הויז האבען זיך פערזאמעלט אידען צו זאגען „איכה“.

— האבען איך לויפער געשלאגען? — פרעגט ביי מיר א איד און קוקט מיך אן מיט רחמנות.

— זיי האבען מיך שיער ניט דער׳הרג׳עט — ענטפער איך און איך פיהל אז איך נעהם וויינען.

— דאס טרעפט גאנץ אפט אין דעם בלאק, — טרויסט מיך דער זעלבער איד; — עס איז א פאסקודנע נאכבארשאפט, איירישע און דייטשע, גרויסע אנטיסעמיטען. א אידען װאלט מען דא געדערשטעכען.

נאך א איד האט מיר אונטערגעטראגען א כלי קאלטע וואסער און האט מיר גענומען העלפען ארומוואשען דאס בלוט פון מיין געזיכט.

— וואס זאל מען טהאן, מיסטער? — האט דער איד צו מיר געזאגט מיט א טרויעריגער, וויינענדיגער שטימע. — וואס זאל מען טהאן? מיר זיינען אומעטום אין גלות...

דיעזע עטליכע ווערטער האבען אויף מיר מאדנע געווירקט. מיין הארץ האט דערפיהלט א שארפען וועהטאג און עס האט מיר וועה געטהאן מעהר, מעהר איידער די קלעפ פון די לויפערס; איך האב דערפיהלט אז טרעהרען טרעטען מיר צו צום האלז... זיי נעהמען שטיקען.

— ווער איהר מיט אונז פערבלייבען דאווגען און איכה זאגען?

— האט מען ביי מיר געפרעגט — אונז פעהלט טאקע א צעהנטער צו א מנין...

איך בין פערבליבען.

שפעטער א ווײלע בין איך געזעסען גלייך מיט אלעמען אויף א

ניעדריגען ביינקעל מיט א ליכט אין האנד. איך האָב געזאָגט „איכה“ און איך האָב געוויינט ווי א קליין קינד“...

*

ווען לעווין האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג האָט א טרויעריגער סאַרקאַסטישער שמייכעל געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען, אָבער זיינע אויגען זיינען געווען פערלאָפען מיט טרעהרען.

אַ צייט־בילד

און דער זיננען איז פּלוצלינג אַבגעשטאָרבען. מיט טרויעריגע אראַבגעלאָזענע קעפּ, מיט אַ ביטערען טראַגישען שמייכעל אויף די ליפּען זיינען זיי אַלע פערשטילט געוואָרען די יונגע בעגייסטערטע זינגער, די אידישע זינגער.

אויף אַ פּיקניק האָב איך עס בייגעוואוינט... איז מען שוין אויף אַ פּיקניק מוז מען זיך אַמוזירען.

מיר זיינען געווען אַ קאָמפּאַניע פון אונגעפעהר אַ צוואַנציג פּאַרשוין. דאָס רוב פון אונז אידיש־פּוילישע יוגענד.

מאַכט מען אַ „קאַראַהאָד" און מען נעהמט שפּיעלען אין „קאַץ און מויז". עס איז דאַכט זיך אַ גאַנץ פרעהליכע שפּיעל: מען לויפט, אָבער עס לויפט ניט דורך אַ קנאַפּע האַלבע שטונדע, ווי אַלע פערלירען דעם חשק. די „קאַץ" פערלירט דעם חשק צו כאַפּען די מויז. די „מויז" פוילט זיך אונטער צו אַנטלויפען. עס קלעפּט זיך עפּעס ניט. עס שיינט ווי אַלע האָבען פערשטאַנען אַז מען מאַכט זיך עפּעס צום נאַר, און עס ווערט אוים קאַראַהאָד, אוים „פליי", אוים „קאַץ", אוים „מויז".

מען צוזעצט זיך אויפ'ן גריגעם גראָז. איינער מאַכט אַ פאָרשלאַג צו שפּיעלען אין פאַנדען. די אינגערע פון אונז האָבען זיך דערפאַר אַנגעכאַפּט ווי פאַר אַ הייסען קוילעץ. די עלטערע האָבען עפּעס צור־געקווינקעלט, אָבער ענדליך זיינען מיר אַלע מרוצה געוואָרען און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שפּיעל אין פאַנדען.

אַ פיינער אַמוזירען זיך!

עס איז געקומען צו משפט'ען די וועלכע עס האָבען זיך פערשול־דיגט מיט פאַנדען און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען די רעכטע גוטע.

די ריכטער זיינען געווען שרעקליך פּאַרטייאיש און זיי האָבען אָנגעטהאָן גרויסענע צרות. מען האָט געוואוסט צום ביישפּיעל, אַז גינזבורג איז ניט גלייכגילטיג צו פאַנקען און די ריכטער האָבען דעם אָרעמען פערשולדיגטען צוגע'משפט ערקלעהרען זיך אין ליעבע טאַקע צו פאַנקען... האָט ער עס געמוזט מקיים זיין און ביידע, אי גינזבורג, אי

פאנקע, האָבען זיך דערביי געפיהלט זעהר ניט „לאָווקע“. אוןביידע זיינען רויט געוואָרען אריבער די אויערען, און וואָס גרעסער זייער פערלעגענהייט איז געווען דעסטאָ מעהר פערגעניגען האָבען מיר געקליבען.

מען האָט צוגע׳משפּט דעקלאַמירען, זינגען, קושען זיך. זאָגען אויף יעדען חסרונות, אויסרעכענען יעדענ׳ס מעלות, מיט איין וואָרט, מען האָט זיך גאַנץ פיין אַמוזירט.

די זון האָט גענומען אונטערגעהן. דער קלאָהרער פרעהליכער הימעל האָט זיך אין מערב־זייט בעדעקט מיט רויטע פייערדיגע קנייטשען. עס האָט זיך געדאכט, אזוי ווי ער וואָלט זיך טיעף פערטראַכט וועגען עפּעס אַן ערנסטען ענין. עס האָבען זיך גענומען פערשפּרייטען די מעלאַנכאָלישע אבענד־שאָטענס, און איבער׳ן פּארק האָט זיך ארונטערגעלאָזען עפּעס א מין פערטראַכטע, שטילע, רוהיגע דונקעלהייט.

דער שפּיעלען אין פאַנדען האָט ראפּטום פערלוירען די נשמה, דאָס לעבען. אויף אלעמענס געזיכטער האָט זיך געצייגט א פאָלקאָמענע גלייכגילטיגקייט צו דער גאַנצער חתונה. די ריכטער האָבען פערלוירען זייער גאַנצען שאַרפזין, און מען האָט גענומען געבען די בעשולדיגטע „קאָמענע“ משפּטים. צום ביישפּיעל, אזוי ווי געבען דריי מאָל א שפּרונג אין דער לופטען, געבען זיך זעלבסט צוויי אָדער דריי מאָל א שנעל אין נאָז, אוועקשטעלען זיך אויף די טשיפּקעס און נעהמען שרייען: „קוקרעקו“ א. ז. וו. אנדערע בעשולדיגטע האָבען אין גאַנצען געקראָגען געשענקט זייערע פאַנדען און עס איז געוואָרען א סוף צו דער גאַנצער לוסטשפּיעל.

עס האָט זיך געדאכט אז די פּאָעזיע, די ערנסטע פערטראַכטקייט פון די אבענד־שטונדען האָבען עס אזוי געווירקט אויף די פאַנדען־שפּיעלער. עס האָט זיך געדאכט, דאָס יעדער איינער פון אונז האָט דערפיהלט אז מען מאכט זיך נאַריש.

מען איז שטיל געבליעבען.

מען האָט זיך צוטהיילט אין קליינע גרופּעס און מען האָט גענומען ריידען, שמועסען, פערברענגען. מען האָט גענומען מזכיר נשמות זיין פערשיעדענע פּערפאַסער.

— לאָמיר עפּעס זינגען — האָט איינער געזאָגט.

אויך אין אונזער קרייז האָבען זיך גענומען הערען פערשיעדענע

נגונים: אידישע, רוסישע, פוילישע און ענגלישע. אייניגע האָבען פערצויגען די מאַרסעליעזע. אייניגע האָבען גענומען אונטערברומען „כל נדרי“. אייניגע האָבען געטאַראַראַמקעט עפּעס א חסידיש, א וואָלעביל. אייניגע האָבען גענומען קלאַפּען „יענקי דודעל“. אייניגע האָבען געזונגען „אין די גאַסען צו די מאַסען“. אייניגע — „מיר ווערען געהאַסט און געטריבען“.

באַלד האָבען זיך אַלע אָרגאַניזירט אין איין כאָר און מען האָט א קלאַפּ געגעבען אונזער אַלט בעקאַנטע רוסישע „דובינושקאַ“ און אַלע זינגען און אַלע קריגען איין נשמה...

„נאַסטאַניעט פּאָרא פּראָסניאָטסיא נאַראָד“ — עס וועט קומען א צייט און עס וועט אויפשטעהן דאָס פאָלק — טהייערע גאָלדענע ווערטער! און אַלעמענס אויגען פאַנגען אָן צו ברענען. פונקען שיטען. די באַקען בעדעקען זיך מיט א רויטקייט און אַלע זינגען, און אַלעמענס הערצער גיסען זיך צוזאַמען אין דער נגינה.

— וואַרשאַוויאַנקאַ! — שרייט יעמאַנד אויס — לאָמיר זינגען: „וואַרשאַוויאַנקאַ“!

און מען נעהמט זינגען „וואַרשאַוויאַנקאַ“ און איך קוק זיך צו צו אַלעמען און איך זעה, אַז אַרום מיר זיצען עפּעס גאָר נייע מענשען. דאָס זיינען ניט די יעניגע, וועלכע האָבען געשפּיעלט אין „קאַץ און מויז“, ניט די וועלכע עס האָבען מיט פאַנדען זיך לוסטיג געמאַכט. יענע זיינען געווען פרעהליכער, לעבעדיגער, אָבער די זיינען עפּעס מעהר מענשען. ערנסטער, פערטראַכטער. זייערע געזיכטער דערצעהלען, אַז אינעווייניג אונטער'ן ברוסט שלאָגט א פיהלענדע, א ליידענדע, א בייַנקענדע האַרץ.

— „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגניעלאַ“ — פאַנגט אָן אַן אַנגענעהמע מעלאַנכאָלישע פרויען־שטימע, און אַלע נעהמען מיטהעלפען, און עס פאַנגען זיך אָן צו גיסען די טרויעריגע אויסרופענדע, וועקענדע טענער... פון דיעזע פרייהייטס ליעד.

— העי! — שלאָגט איבער איינער דאָס געזאַנג — העי, סטאָפּט זינגען. איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט איינער פון די זינגער ניט צופריעדען.

— אין . . . . האָבען פּאָליאַקען געוואָלט מאַכען א

פּאָגראָם און שלאָגען אידען — לאָזט וויסען דער וואָס האָט איבער־געשלאָגען דעם זינגען.

— מען וויים, מען וויים — ענטפערען אייניגע.

— איז דען אַ נייעס וואָס מען וויל שלאָגען אידען? — זאָגט אַ צווייטער, און מען וויל שוין ווייטער נעהמען זינגען. נור דער שטערער פון געזאַנג רעדט ווייטער:

— ווען די פּאָליאַקען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען צו קוילענען אידען, האָבען זיי זיך צולאָזען אין די גאַסען זינגענדיג „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגניעלאַ". זינגענדיג אָט די „פּיעסניע" האָבען זיי גענומען ברעכען די פענסטער אין די אידישע הייזער...

און דער זינגען איז פּלוצלינג אָבגעשטאָרבען; מיט טרויעריג אראָבגעלאָזענע קעפּ, מיט אַ ביטערען, ביטערען שמייכעל אויף די ליפּען זיינען זיי אַלע פערשטילט געוואָרען, די יונגע בעגייסטערטע זינגער, די אידישע זינגער.

אַלע זיינען געבליבען זיצען שטיל, ווי די בענומענע. עס האָט זיך געדאַכט אַז אַלע הערצער האָבען יעצט בעקומען איין און דיזעלבע טיעפע וואונד.

„דרוך מאַי, יאַ ווירדאָס וו'טשוזבינע כאַלאַדנאַי" — האָט איינער פּלוצלינג גענומען זינגען פּרוג'ס זיפצענדע ליעד... ביסלעכווייז האָבען זיך אַלע איבעריגע גענומען בעטהייליגען אין דעם זינגען און אין מיינע אויערען האָט דער יעצטיגער זינגען געקלונגען ווי אַ טיעפער ריהרענדער פּראָטעסט...

די צוויי ריינינקייטען

יעצט טהוט דאס ניט מעהר דער אלטער גרונם... מעהר דרך ארץ, מעהר רעספעקט האט יעצט דער אלטער פרומער איד געקראגען צו דעם גלויבען פון זיין טאכטער, פון זיין יונגער, שעהנער סיידי'ן...

סיידי פערמאגט ביי זיך א שעהנע רויטע פאהן, וועלכע בעלאנגט צו דעם רעוואלוציאנערען פעראיין, וואו זי, סיידי, איז א געטרייעם מיטגליעד. סיידי'ס פאטער פערמאגט ביי זיך אן ארון קודש מיט א ספר תורה אינעווייניג, וואס בעלאנגט צו דער חברה, וואו ער, דער אלטער גרונם, איז א מעמבער.

און די טאכטער'ס פאהן און דעם פאטער'ס ספר תורה געפינען זיך אין דעם זעלבען צימער. דער ארון קודש שטעהט ביים מזרח־וואנד, און טאקע דערביי איז אויפגעהאנגען סיידי'ס רויטע פאהן.

דער אלטער גרונם האט אימער שטארק פיינד געהאט אט די רויטע פאהן, עס פלעגט איהם שטעכען די אויגען. מיט שרעק און אבשיי פלעגט ער קוקען אויף דעם צייכען פון זיין טאכטער'ס נייעם גלויבען. עס פלעגט זיך איהם דאכטען, אז אין זיין הויז געפינט זיך אן אונריינינקייט, וועלכע פערשוועכט זיין אייגענע ריינינקייט.

דער אלטער גרונעם איז אבער געווען א קלוגער איד. ער האט געוואוסט, ער האט בעגריפען, אז מיט קינדער קען מען היינטיגע צייטען גאר ניט אויספיהרען, און ער האט שמערצליך געשוויגען. נור שבת, ווען די חברה פלעגט קומען דאווענען אין זיין הויז, פלעגט ער ארונטער־נעהמען פון וואנד זיין טאכטער'ס פאהן און פלעגט עס אריבערטראגען אויף דערווייל אין דעם צווייטען צימער.

יעצט טהוט דאס מעהר ניט דער אלטער גרונם. מעהר רעספעקט האט דער פרומער איד געקראגען צו זיין טאכטער'ס גלויבען. ביים דאווענען נעהמט ער שוין ניט צו זיין סיידי'ס פאהן פון דעם ארון קודש אוועק... ער קוקט אויף דער פאהן גאר מיט אנדערע אויגען, און איין מאל האט ער גאנץ אפען זיך אויסגעדריקט, אז ביי איהם אין הויז געפינען זיך צוויי ריינינקייטען — דאס האט דער אלטער געמיינט: זיין ספר תורה און זיין טאכטער'ס רויטע פאהן.

גרונם איז אַ איד אין די זעכציגער, אַ שלאַנקע, קרעפטיגע פיגור, עטוואָס געבויגען פון עלטער. די פיעלע קנייטשען אויף זיין הויכען בלאַסען שטערען, די שווערע ארונטערגעהאַנגענע גרויע ברעמען איבער די אונענדליך טרויעריגע און אויך אונענדליך גוטמוטהיגע אויגען, די עטוואָס איינגעפאַלענע באַקען, די פעסט צוזאַמענגעשלאָסענע ליפען, די לאַנגע, ברייטע, שנעע־ווייסע באָרד, זיין גאַנצער הדרת פנים, זיין גאַנצער אויסזעהן, עראינערט אָן אַ קלוגען, ערנסטען, זעהר וויכטיגען אָבער פעסט צוגעמאַכטען ספר.

אזא פנים קען מען גלייכגילטיג ניט פערבייגעהן. קוים דערבליקט איהר אזא געשטאַלט, פערבלייבט ער שוין אַ לאַנגע צייט לעבען אין אייער געדעכנים. און ווען איהר קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צו אזא פנים, פערטראַכט איהר זיך און ס'ווילט זיך אייך טרעפען: וועלכע אונגליקען, וואָס פאַר אַ מין יסורים האָבען דאָס אויף דיעזען הויכען שטערען אזוי פיעל קנייטשען איינגעשניטען? ווי אזוי האָט דאָס פאַסירט, דאָס אין דיעזע צוויי אונענדליך גוטמוטהיגע אויגען האָט אריינגעשטראָמט אַ גאַנצער ים מיט טיעפען טרויער? אַ סוד! איהר קענט גאָר ניט דערוויסען זיך... געדיכטע ברעמען פערבאָרגען די אויגען. פעסט־צוזאַמענגעשלאָסענע ליפען פערשטיקען די סודות פון דער נשמה — אַ צוגעמאַכטער ספר.

אין דער היים, אויף יענער זייט ים, אין זיין ליטווישען שטעדטעל, האָט דער אַלטער גר:נם איבערגעלאָזען הינטער זיך צוויי קברים און אַ זוהן, וועלכער לעבט, אָבער וועלכער איז פאַר דעם אַלטען טאַטען פערעכענט געוואָרען אזוי גוט ווי געשטאָרבען.

אין די צוויי קברים ליעגען: זיין פרוי, וועלכע איז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען, אַ האַלב יאָהר בעפאָר ער האָט נאָך אַמעריקא עמיגרירט, און נאָך אַ טאָכטער... שוין אַ כלה געווען, פער־ליעבט זיך אין אַ קריסט... ניט געוואָלט פערשאַפען קיין בושה טאַטע־מאַמען און בעסער געמאַכט אַ סוף צו איהר יונג לעבען.

דער זוהן, וועלכער לעבט, איז ערגעץ־וואו פערשוואונדען געוואָ־רען; די רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט איהם פערשלונגען. ווען־ניט־ווען פלעגט צו דעם טאַטען דערגעהן אַ ידיעה, אַז זיין זוהן געפינט זיך דאָרט און דאָרט, אין יענער און יענער טורמע... אַמאָל פלעגט דער פאָטער דערוויסען זיך, אַז זיין זוהן איז פון יענער און

יענער טורמע אנטלאָפען געוואָרען... און ווידער האָט דער פאָטער פערלאָרען יעדען שפור, יעדען סליאד פון זיין פערלאָרענעם, פערפאַלענעם זוהן.

ווען דעם אַלטען גרונם'ס איינציגע טאָכטער האָט גענומען עלטער ווערען, האָט דער פאָטער גענומען בעמערקען, אז די מיידעל נעהמט געהן אין איהר ברודער'ס וועג... א קאַלטער פחד האָט גענומען גליווערען זיין פערעלענדטע, פערוואונדעטע הארץ. אין דער גרעסטער איילעניש, אנטלויפענדיג אזוי ווי פון א שרפה, האָט דער אַלטער געמאַכט א שנעלען סוף צו זיין ביסעל בעל־הבתישקייט, און איז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער נאָך אמעריקא אוועק.

וואוינען פאָטער און טאָכטער אין סאָפאָלק סטריט אין א יארד־הויז און פערנעהמען דריי צימערען.

די אַלטע הויף־הויז איז געבויט אויפ'ן אַלטען שטייגער, דערפאַר איז די רענט ביליגער און די צימערען זיינען גרויסע. אזעלכע גרויסע צימער'ען קען מען אין די נייע הייזער גאָר ניט טרעפען.

סיידי וואָלט בעסער וועלען וואוינען אין א לייטיש הויז, נור דער פאָטער איהרער האָט ליעב די רומס אין דער יארד־הויז. עס עראינערט איהם אביסעל אָן דער היים. די קליינע ענגע רומקעלעך אין די נייערע הייזער ווארפען אָן א שרעק אויף דעם אַלטען. גיט נאָך סיידי איהר פאָטער און מען וואוינט אין סאָפאָלק סטריט אין דער יארד־הייזקע.

דער אַלטער גרונם איז א מיטגליעד אין א חברה פון זיינע לאַנדסלייט. אזוי ווי די חברה איז ניט איבעריגס גוט אָב, און אזוי ווי די צימערען אין דער סאָפאָלק סטריטער יארד־הייזקע זיינען זעהר גראָס, איז דער מיטינג לאָקאַל פון דער חברה ביי גרונם'ען אין הויז. דאָ געפינט זיך דער חברה'ס פערמעגען, דער ארון קודש און די ספר תורה, און דאָ דאַוונט די חברה יעדען שבת.

סיידי איז א מעמבערקע אין א סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערען פעראיין. און אזוי ווי דער פעראיין איז נאָך יונג, צעהלט ווניג מיטגליעדער, קען מען ניט בעהויפטען צו דינגען האָלס פאר מיטינגען, און דער פעראיין פערזאמעלט זיך איין מאָל אין וואָך אין סיידי'ס גראָסע צימערען, און דאָס אייגענטהום פון דעם רעוואָלוציאָנערען פעראיין, עטליכע ביכלעך, רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור, און די שעהנע

רויטע פאָהן געפינען זיך ביי סיידי'ן אין דער היים. און אזוי איז דאָס אויסגעקומען, אז סיידי'ס רויטע פאָהן האָט זיך געפונען אין נאָהנטער נאָכבאַרשאַפט מיט גרונם'ס ספר תורה.

און דער אַלטער גרויער גרונם האָט ניט ליעב געהאַט די רויטע פאָהן פון זיין טאָכטער, דער צייכען פון יענע ווינדען, פון יענעם שטורם, וועלכער האָט זיין איינציגען זוהן פון איהם אוועקגערויבט, און האָט שיער אויך זיין טאָכטער ניט אומגעבראַכט, און איבער וואָס ער איז פערוואָגעלט געוואָרען אהער אין דעם פרעמדען לאַנד.

נור איין מאָל האָט פאָלגענדעס פאַסירט:

אין אַ געוויסען אבענד, ווען פאָטער און טאָכטער זיינען געזעסען ביים טיש אין קיך און סאַפּער געגעסען, האָט דער הויז־קיפּער פון דער סאָפּאָלק סטריט'ער יאַרד־הייזקע דערלאַנגט זיי אַ בריעף.

סיידי האָט צוגענומען דעם בריעף, געעפענט דעם קאָנווערט, גענומען לעזען און די יונגע מיידעל האָט אויסגעבראָכען אין אַ פער־שטיקטען געוויין.

דעם אַלטען האָט גלייך אַ קלאַפּ געטהאָן אין הארצען, אז עפּעס אַן אונגליק איז געשעהן מיט זיין זוהן, וועלכער איז ערגעץ־וואו דאָרט אין רוסלאַנד פערפאַלען געוואָרען.

גרונם האָט אַרויסגעכאַפּט דעם בריעף פון זיין טאָכטער'ס הענד און פערטיעפט זיך אין די שורות...

אין דיעזען בריעף האָבען גרונם'ס קרובים מודיע געווען דעם אַלטען פאָטער, אז זיין זוהן האָט זיין יונגען לעבען מקריב געווען על קידוש השם. אין אַ געוויסער שטאָדט, וואו זיין זוהן האָט זיך צו יענער צייט געפונען, האָט אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם אויף אידען. די דאָרטיגע אידישע יונגע סאָציאַליסטען האָבען זיך אין אַ זעלבסט־שוץ אָרגאַני־זירט. מיט רויטע פאָהנען אין די הענד זיינען זיי ווי העלדען אַרויס אנטקעגען די פּאָגראָמשטשיקעס, און שטאַרבענדיג פאַר זייער פאָלק זיינען די פאָהנען פון זייערע הענד אַרויסגעפאַלען. צווישען די סאָציאַ־ליסטען האָט זיך אויך געפונען זיין זוהן, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבען, רעטענדיג פון אַ זיכערען טוידט אַ מוטער מיט צוויי קליינע קינדער.

— ברוך דין האמת! — האָט דער אַלטער גרונם די שרעקליכע ברכה געמאַכט. דער בריעף איז פון זיינע אַלטע הענד אַרויסגעפאַלען

און ער איז אויף אייניגע סעקונדען געבליבען זיצען ווי א פערשטיינערטער.

— מיין ברודער, מיין יונגער ברודער, מיין אונגליקליכער ברודער — האט סיידי געוויינט אלץ שטארקער, אלץ שמערצליכער.

דער אלטער גרויער גרונם איז פון טיש ארויס, צו זיין יונגער טאכטער צוגעגאנגען און זי צערטליך ארומגענומען.

— וויין ניט, סיידי, וויין ניט! — האט דער אלטער געזאגט צו זיין טאכטער — וויין ניט, דיין ברודער איז געשטארבען על קידוש השם... דיין ברודער איז א צדיק געשטארבען.

אין סיידי'ס רעיונות האט זיך לעבעדיג און שוידערליך געשילדערט די סצענע פון איהר ברודער'ס טוידט. זי האט געזעהן א פאגראם פאר איהרע אויגען. זי האט געזעהן בלאסע, דערשראקענע אידען, אידישע פרויען, אידישע קינדערלעך; זי האט געזעהן שכור'ע קאצאפעם מיט פנים'ער אנגעצונדען פון רציחה; זי האט געזעהן יונגע אידישע סאציאליסטען, בלאסע, ערנסטע, מיט רויטע פאהנען אין די הענד; זי האט געזעהן ווי די סאציאליסטען ווערען דער'הרג'עט, ווי זיי פאלען אניעדער מיט די פערבלוטיגטע פאהנען אין די הענד; זי האט געזעהן ווי איהר ברודער פאלט מיט א פאהן אין האנד... און סיידי איז אריין אין פראנט־רום וואו עס האט זיך געפונען איהר אייגענע פאהן...

דער אלטער פאטער איז נאכגעגאנגען דער טאכטער.

סיידי'ס בליקען זיינען געפאלען אויף דער פאהן... א ווײלע איז זי געשטאנען א פערטראכטע, א פערגליווערטע, נור אט איז זי צוגעפאלען מיט'ן פנים צו דער פאהן און זי האט פון דאס ניי ביטער צואוויינט זיך...

דער אלטער, וועלכער איז די גאנצע צייט געוועזן עפעס ווי א פערשטיינערטער פון שרעק און אונגליק, איז אזוי ווי צו זיך געקומען און טרעהרען האבען איהם גענומען שטיקען אין האלז.

דער אלטער פאטער האט אויסגעטהאן די שיך, צו זעצען זיך „שבעה" נאך זיין זוהן... ער האט געריסען קריעה... נאך אמאל א בליק געווארפען אויף זיין טאכטער, צוגעגאנגען צום ארון קודש... אנגעשפארט זיין אלטען ווייסען קאפ... און עס האט זיך דערהערט זיין פערשטיקטער געוויין...

און עס האָט געוויינט דער אַלטער טאַטע ביים ארון קודש, און עס האָט געוויינט די יונגע טאָכטער ביי איהר פּאָהן...

אויף מאָרגען פריה האָט מען ביי דעם אַלטען גרונם געדאַווענט מיט אַ מנין, נור די פּאָהן איז פערבליבען אויף איהר אָרט... דער אַלטער האָט זי ניט מעהר פון צימער ארויסגענומען.

און פון דעמאָלט אָן האָט דער אַלטער גרונם געקוקט אויף זיין טאָכטער'ס פּאָהן גאָר מיט אַנדערע אויגען... די פּאָהן האָט איהם יעצט ערָאינערט אָן זיין זוהן, צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע בחורים, וועלכע האָבען מקריב געוועזן זייערע יונגע לעבענס על קידוש השם...

און איין מאָל ריידענדיג מיט נאָך עטליכע אידען וועגען דעם טוידט פון זיין זוהן, האָט דער אַלטער גרונם אָנגעצייגט אויף זיין טאָכטער'ס פּאָהן און אויך אויפ'ן ארון קודש און ער האָט געזאָגט:

— דאָ אין חדר געפינען זיך צוויי ריינינקייטען!

ר׳ קלמן און „פעט“

די צוויי מארטירער פון אונזער אידישער און קריסטליכער גאס.

איינער פון זיי הייסט ר׳ קלמן...

די נאכבארשאפט פון אונזער סטריט איז א געמישעכץ פון קריסטען און אידען; די מעהרסטע קריסטליכע שכנים אונזערע זיינען ביטערע אנטיסעמיטען און מען האט אונז שטארק ניט ליעב. נור מיר אידען נעהמען זיך פון דעם וועניג צום הארצען. אפשר ארט אונז דאס יע אביסעל; יעדענפאלס האלטען מיר זיך אזוי, דאס אונזערע קריסט־ליכע נאכבארען קענען אין קיין פאל ניט פערדעכטיגען, אז מיר האבען שברת הלב חלילה פון זייערע ביטערע געפיהלען צו אונז.

און זיי — די קריסטען — טראגען זייער שנאה צו אונז אויך נור טיעף אין הארצען בעגראבען; ארויסצייגען זיך אפען מיט זייער פיינדשאפט — צו דעם גיבען מיר זיי גאר קיין געלעגענהייט ניט; אונזער אבהיטען זיך פון זיי און דער אבהיטען אונזער אייגענעם כבוד נעהמט אוועק ביי זיי דעם גאנצען גיפט פון זייער זינלאזער שנאה.

די מעהרסטע פון אונזערע אידישע נאכבארען זיינען אמעריקאני־זירט, אלענפאלס אזוי סטארען מיר זיך ארויסצוקוקען. בלויז ביי זיך אין דער היים, ווען מען איז צווישען אייגענע מענשען, ריידען מיר מאמע־לשון, קוים אבער זיינען מיר אין דער גאס און בעמערקען, אז אויף די אויגען געפינט זיך אונזערער א קריסטליכער שכן, דאן ריידען מיר ענגליש, און די יעניגע פון אונז, וועלכע וויסען און פיהלען, אז מען איז שוואכלעך אין דער יענקי־שפראך, ריידען בעסער גאר ניט, איידער ריידען אויף אידיש.

אונזערע מענער! וואלט איהר בעדארפט זעהן ווי זיי בענעהמען זיך, ווי זיי קליידען זיך — וואהרע יענקים! די מעהרסטע פון אונזערע מענער געהען גלאט געראזירט, מיט א סיגאר אין מויל, מיט א שטאק אין האנד; ווי איך זאג אייך — דזשענטעל־לייט!

היינט אונזערע לײדיעס! די רייכע און די ארעמערע — אלע אין די פעדערען! סטייליש פערפוצט און אהן א העט וואגט מען אפילו צום לעטער־באקס ניט ארויסצוקומען — ווי איהר קוקט זיי אן, איינע אין איינע, וואהרע לײדיעס!

ווענען אונזערע יונגוואַרג איז שוין אָבגערעדט — אונזערע קונדסים וועט איהר אסור דערקענען, אז זיי זיינען גאַר מזרע היהודים; מען שפּיעלט זיך מיט די קריסטליכע קינדער אין בייז־באָל; מען פּאָהרט אריין א קריסטליך באָי אין באַק אריין, ווען עס איז נויטיג, און ווען איהר זעהט זיי אין סטריט אונזערע אידישע קינדער צוזאַמען מיט די קריסטליכע, קענט איהר אסור דערקענען ווער איז ווער.

שטיקען די ערלים די שנאה אין זייערע פּערקאַכטע הערצער. ווען נים ווען טהוט מען א בייזען, א גיפטיגען שמייכעל אויף אונזער חשבון. ווען ניט ווען רייסט זיך ארויס פון זייערע העלזער א פערשטיקטער „שיני!“ און דערביי בלייבט דאָס. דערפאַר לאָזען אויס אונזערע קריסטליכע שכנים זייער גאַנצען האַס, זייער גאַנצען כעס צו די צוויי מאַרטירער פון אונזער סטריט — איינער פון זיי איז ר׳ קלמן...

ר׳ קלמן איז א איד פון זעכציג יאָהר, פערמאָגט א לאַנגע פּאַטרי־ארכאַלישע גרויליכע באָרד, און טראָגט זיך גאַנץ לאַנגע געגרייזעלטע פּאות׳ן, פּונקט ווי ער האָט געטראָגען ביי זיך אין שטעדטעל. און געקליידעט געהט ר׳ קלמן אויך ווי ביי זיך אין דער היים, אין דער לאַנגער זשופּעצע, מיט דעם ארבע כנפות אָפען פאַר גאָט און פאַר לייטען — א היימישער איד!

ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט אז אין אונזער אַמעריקאַניזירטער סטריט האָט זיך פערקליבען אזא מין היימישער איד, קען איך אייך ניט זאָגען; איך וויים נור אז צוויי מאָל א טאָג געהט ר׳ קלמן אין שוהל אריין: פריהמאָרגענס טראָגט דער אַלטער אונטער׳ן אָרעם א פיינעם טלית און תפילין זאַק, אבענדס געהט ער דאָס רוב מיט עפּעס א ספר אין האַנד, און יעדעס מאָל, ווען דער גרויער ר׳ קלמן געהט אין שוהל, ווערט לעבעדיג אויף אונזער סטריט. אונזער קריסטליכע נאַכ־באַרשאַפט לאָזט אויס די אָנגעקליבענע גאַל צו דעם אָרעמען אַלטען: פון יעדער גוי׳עשער הויז, ביי וועלכער דעם אַלטען קומט אויס פערביי־צוגעהן, דערהערט זיך א געלעכטער, אַן אַבלאַכענדער, א גיפטיגער געלעכטער....

— לוק, לוק עט דהי ראַבבי!

— לוט עט דהי שיני! — דערהערען זיך אָנמערקונגען פון אונזערע קריסטליכע שכנים.

די עלטערע לאַכען און די אינגערע געהען שוין ווייטער מיט

זייער רשעות... מען פערלויפט דעם וועג דעם אלטען; מען קרימט איהם איבער, מען מאכט צו איהם פרעכע משוגע׳נע תנועות, און די ווייסע חברה׳ניקעס ווארפען גאנץ אפט אין דעם אלטען מיט שמוץ און מיט שטיינער...

און אונזערע אידישע נאכבארען מישען זיך ניט אריין: מיר שעהמען זיך מיט אונזער היימישען אידען... און פיעלע פון אונז האבען פיין הנאה בשעת עס קומט אויס צו זעהן ווי מען רודפ׳ט, ווי מען מאטערט דעם אלטען גרייז.

א מארטירער איז ר׳ קלמן — דער מארטירער פון אונזער אידי־שער און קריסטליכער גאס!

האבען מיר א צווייטען מארטירער — „פעט", אזוי איז זיין נאמען! „פעט" איז גראדע אן אמעריקאנער „בירגער", און עס זיינען דא זאגאר בעווייזע, אז „פעט׳ס" עלטערען און אורעלטערען זיינען אמעריקאנער געבארענע, נור „פעט" האט דאס אונגליק צו בעלאנגען צו א אידען — „פעט" איז א אידישער הונד!

אין אונזער נאכבארשאפט זיינען דא געגוג הינד, כמעט יעדער קריסט אין אונזער גאס פערמאגט א הונד, מאנכע קריסטען האבען צו צוויי און צו דריי הינד, נור אונזערע אידען האלטען קיין הינד ניט און „פעט׳ן" איז אויסגעפאלען די טרויעריגע ראלע צו זיין דער איינ־ציגער אידישער הונד אין אונזער גאנצער נאכבארשאפט.

ווייסען אונזערע קריסטען פון דעם, און „פעט׳ן" איז אסור דא וואס מקנא צו זיין.

ווען אונזער אידישען הונד ווילט זיך אביסעל פערברענגען מיט הינטישער קאמפאניע, לויפט ער צו צו א קריסטליך הויז, און גלייך קריגט ער א מיאוס׳ען אבשניט... די מעהר גוטהערציגע קריסטען, די וועלכע האלטען פון צער בעלי־חיים, טהוען דעם ארעמען הונד קיין קערפערליכען שאדען חלילה, און פערטרייבען איהם נור פון הויז...

— געט עוויי יו שיני דאג! — איז מען דעם אידישען הונד מכבד מיט א האלז און נאקען; „פעט" טראגט זיך אב און קומט אב נור מיט חרפה.

אבער דאס איז א קריסטליכער חסד, און דארטען וואו קיין חסד גיט ניט, האט שוין דער ארעמער „פעט" א פיעל ערגערען אבשניט... אפט קריגט אונזער אידישער הונד א קלאפ מיט א שטעקען פאר זיין

חוצפה'דיגען פערלאנגען צו חבר'ען זיך מיט קריסטליכע הינד; וואו עס איז ניטאָ קיין שטעקען ביי דער האנד, בראקירט מען ניט מיט א שטיין — עס האָט שוין א פּאָר מאָל געטראָפען, אז פּעט האָט געקראַ־גען אָבגעבריהט מיט קאָכעדיגע וואסער.

און די ווייסע חברה'ניקעס פון אונזער סטריט, וועלכע ווייסען שוין אז „פּעט" איז עפּעס א הפקר זאך, זיינען זיי זיך איינפאך נוקם אָן דער אָרעמער בעשעפענים. מוטשען און מאטערען דאָס אָרעמע הינטעל איז ביי די קונדסים א גאנצער נחת רוח. אָט פּאַקט איינער אונזער אידישען הינטעל און מאכט איהם א „באָד" מיט א בארעל שמוציגע רעגען־וואסער. אַן אנדער קונדס כאַפּט דעם הינטעל און בינדט איהם אָן א טאָמייטאָ־קען צום וויידעל... און פּעט לויפט איבער'ן סטריט מיט בענומענע געוואלדען א צושראָקענער ביז טויטס. און די גאנצע גאס קייכט פאר געלעכטער.

און „פּעט", אונזער אידישער הונד איז דער צווייטער מארטירער אויף אונזער גאס!

און עס בעמערקט זיך צווישען די צוויי מארטירער פון אונזער סטריט א ריהרענדע פריינדשאפט.

דער אַלטער גרויער קלמן, וועלכען מען רודפ'ט אויף אונזער סטריט נור דערפאר, וואָס ער איז א איד, האָט ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט איינזעהן, אז אויך דעם שוואכען קליינעם „פּעט" רודפ'ט מען נור דערפאר, וואָס דאָס בעשעפענים איז א אידישער הונד.

און אונזער אידיש הינטעל האָט אויך געמוזט בעמערקען, דאָס דיזעלבע קונדסים, וועלכע מאטערען איהם, מאטערען נאָך איינעם אויף אונזער סטריט, דער איינער איז דער אַלטער קלמן, דער מענש מיט דער גרויסער ווייסער באָרד. און די צוויי זיינען בעפריינדעט געוואָרען.

ווען מען שלאָגט דאָס הינטעל און אויף דעם קומט אָן דער אַלטער קלמן, נעהמט זיך אָן דער היימישער פערוואָגעלטער איד פון אונזער בלאָק פאר דאָס אָרעם בעשעפענים. דער אַלטער שטעלט זיך אָב און נעהמט די קריסטען מוסר'ן. ער מוסר'ט זיי אין ריין אידיש... די קריסטען צופאלען פאר געלעכטער, דאָך דעם הינטעל לאָזען זיי אָב... און „פּעט" זעהט, און „פּעט" בעגרייפט אז דער מענש מיט דער לאנגער ווייסער באָרד איז זיין רעטער...

א הונד געדענקט א טובה. און יעדעס מאָל ווען אין סטריט קומט

אַרוּיס ר׳ קלמן און די לוסטיגע קריסטליכע קונדסים הויבען אָן מאַכען „פּאָן“ פון דעם אַלטען, ערשיינט גלייך אויף דער סצענע אונזער צווייטער מאַרטירער, דער צוקאַליעטשעטער, צו׳נהרג׳טער „פּעט“, און דער הינטעל נעהמט בענומען בילען, מוסר נפש איז ער זיך, און וואַרפט זיך אויף די צוּאווילדעטע קונדסים, ביז מען לאָזט אָב דעם אידען און מען נעהמט זיך פאַר דעם הינטעל.

אָפט קען מען זעהן ווי דער אַלטער ר׳ קלמן שלעפּט פון די קעשענעס ביינדלעך פון פלייש און וואַרפט עס צו אונזער גע׳רודפ׳טען אידישען הינטעל.

בעצאָהלט „פּעט“ פאַר אַ פריינדשאַפט מיט אַ פריינדשאַפט, און אָפט ווען דער אַלטער קלמן געהט אין שוהל אַריין, בעגלייט איהם דער עלענדער, געטרייער הינטעל ביז׳ן רעכטען שוהל...

אין שוהל גופא, וואו דער אַלטער ר׳ קלמן, דער מאַרטירער פון אונזער סטריט, גיסט אויס זיין בלוטענדע האַרץ אין הייסע טרעהרען, קען שוין אונזער צווייטער מאַרטירער ניט אַריינקומען — דער שמש פון שוהל טרייבט איהם אַוועק.

פרנסה

די איינערם פערמאָגען א קענדי סטאָרקע, פון וועלכע זיי דארפען ציהען זייער חיונה.

די סטאָרקע געפינט זיך אין א געגענד, וועלכע איז בעוואוינט פון לויטער קריסטען, אממעהרסטען דייטשען; ווייטער קומען שווערען, איירישע, אביסעל פאָליאקען, אָבער אַלץ קריסטען.

א אידען האָט מען אין דיעזער נאכבארשאפט ניט אם שטארק־סטען ליעב. און אזוי ווי די איינערם זיינען אידען, איז טאקע ניט אזוי פרעהליך. קומט טאקע אוים די מענשען אויסצושטעהן א היבשע ביסעל צרות.

די הויז, וואו די סטאָרקע געפינט זיך, בעלאנגט צו א קריסט — א שוועד, און איז בעזעצט לויטער פון דייטשען; די איינערם זיינען די איינציגע אידישע פאמיליע אין הויז און אַלע שכנים קוקען אויף די אידען מיט האם און פעראכטונג.

דער הויז־קיפּער איז אויך א דייטש; און דער לענדלאָרד און דער הויז־קיפּער און די שכנים אַלע, אַלע זיינען זיך נוקם אָן די איינערם!

געפינט מען אין הויפעל שמוץ, איז ווער איז שולדיג? — די אידען! און דער הויז־קיפּער לויפט שוין אין קענדי סטאָר און גיסט אוים צו די אָרעמע איינערם זיין גאנצען בייזען גיפט.

בעזוכט דער לענדלאָרד די הויז, האָבען שוין די איינערם א פינסטערען טאָג!

יעדער שכן האָט עטוואס צו קאָמפּליינען אויף דעם אידען: די אידען מאכען אָן א „נאָים" אין הויז, דעם אידען'ס מיידעלע זיצט אויפ'ן סטופּ, דעם אידען'ס בייבי־קערעדזש פערשטעלט דעם אריינ־גאנג אין הויז; די מיסעס איינער זיצט לעבען סטאָר און קושט די בייבי... „די שאנדע!"... דער איד זיצט לעבען זיין סטאָר און שפּיעלט זיך מיט זיין מיידעלע... „פוי, ווי העסליך!" צו די אידען קומען צו בעזוך אידען פון העסטער סטריט... און מען רעדט אידיש.... דער איד פערשמוצט דעם האָל, דעם איד'ס מיידעלע רינגט פרעמדע בעלס... די אידען! די אידען! און די אידען!

ווער? וואָס? וועמען? ליגען! בלבולים! די אידען ליגען נעבעך לעבעדיג בעגראָבען אין זייער קענדי־סטאָרקע און אין די צוויי קליינע פינסטערע חדרים׳לעך הינטער דער סטאָרקע; מען ליגט בעגראָבען לעבעדיגערהייט, מען וואגט ניט א קוק צו טהאָן אויף דער ליכטיגער וועלט... אלע שכנים לאַכען, אלע שרייען, אלע מאַכען אָן די גרעסטע געוואַלטען... די אידען נור שטיקען זיך — מען האָט מורא א קול ארויסצולאָזען... אלע קינדער שפּיעלען זיך נעבען הויז, אויפ׳ן סיידוואָק; נור דעם אידענ׳ס בלאַסע קליינע רייזעלע פערבלייבט אימער בעגראָבען אין די דומפּיגע רומקעס: טאַטע און מאַמע לאָזען ניט ארויס די מיידעלע דרויסען... די קינדער האָבען זי פיינד... מען לאַכט אָב פון דער אָרעמער מיידעלע, מען שלאָגט זי... ביי די עלטערען ווערען די הערצער מיט בלוט בעגאָסען, נור איינרייסען זיך מיט די שכנים קען מען ניט... מען האַלט דאָך א סטאָרקע אין הויז; אפילו אָנבייזערען זיך אויף א שכנ׳ס א קינד וואגט מען אויך ניט... האַלט מען דאָס מיידעלע בעגראָבען אין די רומס, מען רויבט ביי דעם אָרעמען נפש נעבעך די מעגליכקייט אָן אָטהעם צו טהאָן, א ביסעל פרישע לופט צו כאַפּען... מען הערט, דאַכט זיך, פון די איינערס קיין מאָל קיין שאַרך ניט... און דאָך איז דער איד אזוי גרוים אין די אויגען פון קריסטען!

און ווען דער לענדלאָרד קומט אין סטאָר אריין, רייסט זיך אָב ביי די איינער׳ס אין די הערצער. דאָס וואָס עס איז זעהר, זעהר שווער צו צאָהלען די רענט איז שוין אָבגערעדט; מען צאָהלט! מען מוז דאָך צאָהלען. נור די מסירות, די קאָמפּליינס פון די שכנים... די איינער׳ס ציטערען דערפאַר ווי פאַר פייער, און דער לענדלאָרד זידעלט, און דער לענדלאָרד בעליידיגט פאַר די בלוטיגע דאָלארס, וועלכע מען צאָהלט איהם אלס רענט.

די אידען שווערען זיך: גוואַלד־געשריען, זיי ווייסען ניט פון וואָס צו זאָגען, נור ווען גלויבט עס א דייטש דעם אידען?!

אך, ווי די איינער׳ס וואָלטען וועלען אנטלויפען פון זייער גיהנום, ארויסרייסען זיך פון דעם שווארצען גלות. זיי קענען אָבער דאָס ניט בעהויפּטען; דער שטיקעל ברויט שטעהט אין קאָן.

די סטאָרקע — דאָס איז דאָך זייער הכנסה!

די איינער׳ס האָבען אין זייער קענדי־סטאָרקע אוועקגעלעגט זייער לעצטען סענט, ווי אזוי קענען זיי פון זייער גלות אנטלויפען! עס איז

אזוי שווער צו מאכען א לעבען אין ניו יארק; עס ליעגען אזעלכע שווערע שטיינער אויף די וועגען צום שטיקעל ברויט!

די דומפיגע, פינסטערע חדרים'לעך, אין וועלכע די איינער'ס האבען שטענדיג געשטיקט זייער קליינע מיידעלע, האבען דעם קינד וועניג גוטס געטהאן.

אין די חדרים, צו וועלכע עס איז ניט צוגעקומען ניט קיין ליכט און קיין לופט, האט זיך אין יעדען ווינקעלע דער מלאך המות אויפ־געהאלטען און אין איין טאג האט די בלאסע רייזעלע געקראגען א רויטקייט אין איהרע בעקעלעך, א רויטקייט פון פיעבער.

צו דער נאכט איז דאס קינד שטארק קראנק געווארען.

די איינער'ס האבען שוין געוואלט רופען א דאקטאר צו זייער קינד, האבען זיי געקראגען א חשד, אז רייזעלע וועט מאזלען האבען. און דיעזער חשד האט זיי אבגעהאלטען פון רופען א דאקטאר.

ערשטענס איז דאך מאזלען א קנאפע סכנה, ווער ווייס דען ניט פון דעם? צווייטענס, איז די גאנצע פרנסה אין גרויס סכנה געוועזען.

פיינט האט מען זיי געהאט, דארף מען נאך דערשמעקען, אז מאזלען זיינען אין הויז... ווער פון דער גאנצער נאכבארשאפט וועט עס לאזען א קינד אין סטאר?

דער גוטער הויזקיפער האט שוין דערשמעקט, אז ביי דעם אידען איז א קינד ניט געזונד און די נייעס האט זיך שוין פערשפרייט איבער דעם גאנצען הויז. איינער האט שוין בעמערקט ווי מאנכע קינדער פון די שכנים ווייכען אוים זיין קענדי־געשעפט.

בייטאג האט איינער געזעהען ווי א קינד פון דריטען פלאר האט נור געוואלט אן עפען טהאן די טהיר פון זיין סטאר, ווען די מוטער איז האסטיג צוגעלאפען און דאס קינד אוועקגעשלעפט.

שפעטער א ווײלע האט דער סטארקיפער געפרעגט ביי דעם קינד, ווארום די מוטער האט עס אין סטאר ניט געלאזט געהן, און דאס קינד האט אונשולדיג געענטפערט:

— ווי מאסט'ס!

— ווהאי? — האט איינער געפרעגט.

— איט איז סיקנעס אין יור האוז, — האט דאס קינד געענט־פערט, און איינער האט געזעהען ווי דאס אנגעשראקענע קינד היט זיך פון צוצוטרעטען נאהענט צו איהם.

אָהן אַ דאָקטאָר דארף קיינער ניט וויסען אויף וואָס דאָס קינד איז קראַנק; מען קען אָבנארען דעם עולם און פערשפרייטען אַ קלאַנג, אַז רייזעלע ליידעט נור פון אַ לייכטער פערקיהלונג; ווען אַ דאָקטאָר זאָל אָבער קומען, לאָזט מען וויסען אין דער באָארד אָף העלט, מען קומט און מען קלעבט אָן אַ סיין אויפ'ן טהיר.

מעהר ווי אַזאַ זאַך פעהלט ניט די איינערס. זאָל דאָס נור פּאַסירען — איז אויס סטאָר, גוד־באַי צו דער גאַנצער ביזנעס! אַ סוף צו דעם טרויעריגען שטיקעל ברויט, אויס פרנסה! אויס לעבען!

און דאָס האָט די איינערס אָבגעהאַלטען פון צו רופען אַ דאָקטאָר צו זייער קראַנקער רייזעלען.

אויף דעם קינד'ס פּנים האָבען זיך בעוויעזען רויטע פלעקען.

יעצט זיינען די עלטערן שוין זיכער געווען, אַז דאָס קינד האָט מאָזלען און די איינער'ס האָבען מעהר ניט געטראַכט וועגען רופען אַ דאָקטאָר.

רייזעלע איז אָבער ערגער און ערגער געוואָרען; דער פיבער איז שטאַרקער געוואָרען; דאָס קינד האָט זיך מיט אַ פייער אָנגעצונדען, עס האָט מעהר די עלטערען ניט דערקענט.

— אַ דאָקטאָר! — האָט געגומען קלאָגען די צושראָקענע מוטער. איינער האָט שוין מעהר וועגען זיין סטאָר ניט געטראַכט, און דער פאָטער איז האַלבע נאַכט אַנטלאָפען זוכען אַ דאָקטאָר פאַר זיין קראַנקער מיידעלע...

אַ דאָקטאָר איז געקומען.

די מיידעלע האָט געהאַט ניט קיין מאָזלען, נור סקארלעט פיבער!

און עס איז געקומען אַ מאַן פון דער באָארד אָף העלטה און האָט אויפגעקלעבט אַ סיין אויף דער טהיר פון די איינערס הינטערשטע רומס.

סקארלעט פיבער!!

מען האָט דעם אידענ'ס סטאָר אויסגעמיידט אַזוי ווי מען מיידט אויס אַ פּעסט!

אָבער די איינערס האָבען שוין מעהר פאַר זייער סטאָר ניט געקעהרט!...

זייער בלאסע רייזעלע, וועלכע עס האָט איבער די גוטע שכנים געפוילט אימער אין די דומפּיגע דונקעלע חדרים׳לעך און איז געוועזן צו יעדער צייט זעהר א שוואכעס קינד; זייער קראַנקע מיידעלע צו וועלכער מען האָט איבער די זעלבע שכנים צו לאַנג אָבגעוואַרט מיט רופען א דאָקטאָר — זייער אונשולדיגע מיידעלע איז געשטאָרבען...

זי האָט ניט פערגעסען

זיי זיינען נאָך גאָר „גרינע“ אין לאַנד, נור זיי ווייסען שוין גוט נענוג, וואָס עס הייסט האָבען צרות אין ניו יאָרק.

מיט אַ חדשים פינף צוריק איז בער זאַמשטיין געקומען קיין אַמעריקאַ.

ער איז געקומען פון ק.; ער האָט דאָרטען געהאַט אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך און זיין פאַמיליע, אָבער גזרות אויף אידען, אונגליק, שרעק האָט איהם פערטריבען פון דאָרטען און ער איז געקומען נאָך דער נייער וועלט זוכען זיין — איך האָב געוואָלט זאָגען, „גליק“, דאָס וואָלט אָבער געווען ניט אמת: אַ אידישער עמיגראַנט זוכט ניט קיין גליק, ער זוכט אַ שטיקעל ברויט.

זאַמשטיין האָט מיט זיך געבראַכט זיין פרוי, זיינע דריי קליינע קינדער, צוואַנציג דאָלאַר מזומן געלד אין קעשענע, און אין הארצען — אין הארצען? אויף דעם איז מיר שרעקליך שווער צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער.

עס איז גרינג צו צעהלען דעם עמיגראַנט'ס קינדער, און מען צעהלט טאַקע, און — אוי, נאָך ווי מען צעהלט! ספּעציעלע בעאַמטע נעהמען געצאָהלט פאַר דעם צעהלען. עס איז ניט שווער צו געבען אַ ריכטיגע רעכענונג וועגען דעם דלות פון דעם אידישען עמיגראַנט, — אָבער ווער קען עס איבערצעהלען די וואונדען, די טיעפע וואונדען פון אַ א י ד י ש הארץ און נאָך ביי אַזאַ אידען, וועלכער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס זיין שטעקעל און פּעקעל און מאַכט דורך אַ שפּאָגעל נייעם גלות!

דעם עמיגראַנט'ס הארץ? — מען דאַרף עס קענען שילדערן! איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען מיט פיעל אידישע עמי־גראַנטען, איך האָב זיי געבעטען, זיי זאָלען פּראָבירען איבערגעבען וואָס זיי פיהלען, ווען זיי קומען אָן קיין אַמעריקאַ. איך האָב אויס־געהערט פערשיעדענע אַנטוואָרטען, און דאָך איז מיר שווער איבערצו־געבען די געפיהלען פון אַ אידישען עמיגראַנט.

ווען דער עמיגראַנט שטעהט אויפ'ן „פּאַלובע“ פון זיין שיף און

זיין בליק פאלט אויף די גרינגע, שעהנע ברעגען פון דער נייער וועלט, צו וועלכער ער שטרעבט, גלייך כאפט זיין הארץ ארום א ים, א גאנצער ברויזענדער ים מיט ניי־געבארענע געפיהלען.

דאס טיפע, שווערע בענקען נאך דער פערלאזענע היים, דאס בענקען, וועלכעס הערט ניט אויף צו עגבערען און עגבערען דעם עמי־גראנט'ס ביטער הארץ די גאנצע צייט פון זיין רייזע, דאס דאזיגע געפיהל פון בענקען ווערט אויף א ווײלע פערשוואונדען. איך זאג „אויף א ווײלע", ווייל נאכדעם, ווען דער עמיגראנט בעזעצט זיך שוין אין לאנד, קעהרט זיך אום צוריק דאס דאזיגע בענקען. עס ווערט נור נאך שטארקער, ביטערער, כאפט טיעפער פאר'ן הארץ, און גאנץ אפט לעבט דאס בענקען אין דעם עמיגראנט'ס הארץ ביז'ן רעכטען קבר.

אבער ווען מען דערזעהט דעם גרינעם, שעהנעם, ווי מיט סודות בעדעקטען ברעג, ווערט פלוצלונג דאס שווערע בענקען אזוי ווי דורך א כישוף פערשוואונדען. א געפיהל פון האפנונג פערנעהמט זיין ארט: די האפנונגען זיינען אבער אזעלכע ניט דייטליכע, זיי זיינען צונויפגעמישט מיט א שווער געפיהל פון אונבעשטימטקייט, אנגסט און שרעק, און די האפנונגען פון דעם עמיגראנט צורייסען און דער־קוויקען צוגלייך דאס הארץ. איך קען ניט שילדערן דאס, וואס דער אידישער עמיגראנט פיהלט ביים אנקומען אין דאס נייע פרעמדע לאנד — עס פאלט מיר די פעדער פון האנד — עס ווילט זיך מיר וויינען.

ביים ארונטערגעהן פון שיף האבען די עמיגראציאנס־בעאמטע א קוק געטהאן אויף זאמשטיינען אזוי א ביסעל קרומלעך. זאמשטיין האט דערזעהען די קרומע בליקען פון די אמעריקאנער „אדונים" און עס האבען איהם ,נעבעך, גענומען ציטערן הענד און פיס.

— וואס רעכענט איהר דא טהאן אין אמעריקא? — האט איינער א בעאמטער געפרעגט דעם דערשראקענעם, פערלארענעם עמיגראנט.

— איך וועל ארבייטען, — האט בערע געענטפערט און טרערען האבען איהם גענומען שטיקען אין האלז. מען האט דעם עמיגראנט אראבגעלאזען פון שיף; זיין שוועסטער איז איהם געקומען ארונטער־נעהמען און עס האבען זיך דערביי אבגעשפיעלט די געוועהנליכע ריהרענדע סצענען. זאמשטיין איז מיט מזל א ניו יארקער איינוואהנער געווארען.

וואס טהוט א אידישער עמיגראנט אין ניו יארק? מען ווערט אן

ארבייטער: מען געהט אוועק ארבייטען העמדלעך, הויזען, היטלען, האלזטיכער און אזוי ווייטער.

זאמשטיינ׳ס שוועסטער׳ס מאן איז געווען א העמדעל־מאכער, אדער ווי מען רופט עס אין ניו יארק א „שוירט מייקער“, און ער האט זיין גרינעם שוואגער אויך געמאכט פאר א העמדעל־מאכער.

די ערשטע דריי וואכען האט זאמשטיין געארבייט אהן געצאהלט, אלס לעהרען־אינגעל, נאכדעם האט ער שוין גענומען פערדיענען.

אט קומט ווינטער: עס איז ווייניג ארבייט און ביי זאמ־שטיינען אין הויז ווערט די נויט מיט יעדען טאג שוידערליכער, ביטערער, נישט אויסצוהאלטען. אט קומט בער אהיים פון דער ארבייט און געפינט זיין פרוי א פערוויינטע. דעם ארימען העמדעל־נעהער טהוט א ריס אין הארצען, און ער בלייבט א ווײַלע שטעהן מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ, שטיל אהן ווערטער.

— וואו זיינען די קינדער? — טהוט בער א פרעג.

— שלאפען. — ענטפערט דעם העמדעל־מאכערס פרוי.

— האבען זיי געגעסען וועטשערע?

— געגעסען. — ענטפערט בער׳ס פרוי.

זי שווייגט א ווײַלע, ווי פערטראכט, עס רייסט זיך ארויס א זיפץ פון איהר הארצען. זי זאגט שטיל:

— די וואס ווינשען אידען בייז, זאלען האבען אזעלכע מאהל־צייטען.

— וואס האבען זיי געגעסען?

— ברויט מיט טהעע. — ענטפערט דעם העמדעל־מאכער׳ס פרוי, און א שווערער זיפץ רייסט זיך וויעדער ארויס פון איהר הארצען.

— נו, און וואס זיינען עפעס דיינע אויגען פערוויינט? — האט בער א פרעג געטהאן — הא, מעררי?

— עס וויינט זיך, — האט מעררי געענטפערט — עפעס אויפ׳ן הארץ איז ביטער.

— און וואס איז דיר אזוי אויפ׳ן הארצען ביטער? — פרעגט בער. זיין פרוי קוקט איהם אן.

— ווי איז דאס, בער, דיר איז זעהר פרעהליך אויפ׳ן הארצען? בער שווייגט און מעררי רעדט ווייטער:

— וועה איז מיר, מען איז אזוי ארעם! די קינדער געהען ארום

באַרוועס, נאַקעט; מען וואוינט אין חדרים ערגער ווי קברים, מען עסט ניט, מען טרינקט ניט. איך וועל שוין באַלד פערגעסען וואָס עס הייסט אָנטהאָן אַ רעכט קלייד אויפ׳ן לייב. איך שעם זיך ווייזען צווישען שכנים —

— האָסט הפנים פערגעסען, מעררי? — האָט בער איבער־געשלאָגען זיין פרוי.

— וואָס פערגעסען? — האָט מערי פערוואונדערט געפרעגט, ניט פערשטעהענדיג, וואָס איהר מאַן מיינט מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

— האָסט הפנים פערגעסען דאָס לעבען דאָרט, דאָרט אין דער אַלטער היים?

אַ שווארצער שאָטען האָט זיך צולעגט אויף מעררי׳ס געזיכט. זי האָט געוואָלט ענטפערן, האָט אָבער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויס־ברענגען פון מויל.

און בער האָט מיט האַרץ, מיט פייער גערעדט. ער האָט גערעדט וועגען דעם פרייעם לעבען אין אַמעריקא, וואו דער אָרימסטער איד פיהלט זיך אַלס מענש, אַלס בירגער, פיהלט זיך לייטען־גלייך, — ער האָט גערעדט פון די קינדער, וואָס וועלען אויסוואַקסען גאָר אַנדערע מענשען, שטאָלצע, פרייע, מיט מוטה און גלויבען; ער האָט גערעדט, און אין זיינע רעד האָט זיך געהערט ווי אַ פאָרוואורף דער פרוי, וואָס וויל ניט פערשטעהן דעם חלוק פון היינט ביז אַמאָל.

— פערגעסען האָב איך ניט, — זאָגט ענדליך מעררי — אָבער וואָס וואָלט דעם טאַטען אין הימעל אַרען, אַז צו דעם וואָלט נאָך די נויט ניט געווען אַזוי גרויס, ניט אַזוי ביטער?

— קענען מיר דאָך, ווענגיסטענס, האָפען אויף בעסערס, — טרייסט בער זאַמשטיין זיין פרוי — אַ מאָל האָבען מיר דאָך אפילו ניט געהאַט אויף וואָס צו האָפען.

דאָס געזיכט פון דעם העמדעל־נעהערס פרוי ווערט פרייער, עס טהוט זיך פון איהם אָב דער שווערער וואָלקען. נור ווען מעררי וואַרפט אַ בליק אַרום זיך אויף דעם פינסטערען ענגען חדר, רייסט זיך דאָן אַרויס אַ שווערער זיפץ פון איהר ברוסט.

וואָרום משה חיים דער פעדלער קומט אויס גוט מיט קריסטען

משה חיים, א פעדלער פון טהעע, קאפע און שנאפס, האָט בטבע זעהר ניט ליעב א קריסט...

משה חיים קוקט אויס זעהר אידישלעך. קליין געוויקסיג, א היבשע ביסעל סוטולעוואט. דער פנים געל, פערמוטשעט, עראינערט שטארק אן אויסגעטריקענטען לעמאַן, איבערהויפט א אידיש פנים.

משה חיים איז אפילו שוין ניט קיין גרינער אין לאנד, די בערדעל האלט ער אימער אין שעהנסטער אָרדנונג, זעהר נעט ארומגעטרימט, פון קיין פאות נאטירליך קיין געדעכעניש, אויפ'ן קאפ א הויכער שוואר־צער דוירבי הוט, תמיד האלט ער א פייפ אין מויל, מעשה יענקי, נור דער פנים בלייבט דאָך א אידישער.

און משה חיים שטעהט אויס געברענטע צרות פאר זיין אידיש פנים. קריסטליכע לויפערס ווארפען אויף איהם זעהר אָפט שמוץ, בלאָטע און שטיינער, — אזוי האנדעלט געגען איהם די לויפערשע יוגענד. פון עלטערע, ערוואקסענע קריסטען לעקט ער אויך ניט קיין האָניג, זעהר אָפט קומט איהם אויס צו זעהען אן אָבלאַכענדען שמייכעל אויף א געזונדען קריסטליכען פנים... זעהר אָפט קומט איהם אויס צו הערען „שיני", זעהר אָפט קרימט זיך אויס פרעך און ציניש אן איריש פנים איהם גלייך אין די אויגען אריין אזוי, אז זיין הארץ פערגעהט פון ערנידערונג און בעליידיגונג, — האָט משה חיים ניט ליעב קיין קריסטען.

משה חיים פיהלט מיט זיין גאנצער נשמה א בעגעהר מיט עפעס וועה צו טהאָן די זעלבע קריסטען, וועלכע טהוען איהם וועה; משה חיים'ן ווילט זיך מאנכעס מאָל שטעלען זיך דאנעגען עפעס א שלעכטען קריסט, א שונא ישראל; עקסטרא להכעיס פיהרען מיט אזא מין נפש, צייגען, אז מען האָט איהם טיעף אין דר'ערד מיט זיין בלוטיגער שנאה צוזאמען, — נור משה חיים היט זיך אָב פון דעם... ער דערשטיקט די געפיהלען אין זיין פערביטערטען הארצען, און סטארעט זיך ביי יעדער געלעגענהייט ניט איינצורייסען זיך מיט א קריסט... ער היט זיך מיט זיין בענעהמען ניט צו ערוועקען קיין טיעפערע שנאה אין א

קריסטליך הארץ, און טהאָן טהוט ער עס אזוי, ניט ווייל עס פעהלט איהם מוטה, נור ווייל ער האָט אימער אין זינען, ווייל ער פערגעסט אויף איין מינוט ניט, אז אויף יענעם זייט ים, דאָרט אין רוסלאנד, פון וואנען ער איז אהער נאָך אמעריקא געקומען, דאָרטען געפינט זיך א גאנץ אידיש פאָלק, א פאָלק, וועלכעס איז איבערגעלאָזען אויף הפקר אין קריסטליכע הענד... דאָרטען, ווען די קריסטען זאָלען וועלען, קענען זיי אויסטיליגען אלע אידען. עס טראַכט זיך איהם אימער וועגען די פאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאנד, ער פיהלט מיט זיין גאנצער נשמה די מאכטלאָזיגקייט, די הילפלאָזיגקייט פון דעם אידען דאָרטען אין זיין ווייטער היים, און עס דאכט זיך איהם, אז זיין איינ־רייסען זיך מיט א קריסט דאָ אין אמעריקא, וואו ער קען דאס אָפט לייכט בעהויפטען; אז זיין ערוועקען א שטארקע שנאה אין א קריסט־ליך הארץ, קען עפּעס אזוי ווי פערשטארקערען די ביטערע קריסטליכע שנאה צו אידען אויך דאָרטען, אין יענעם לאנד, וואו דער איד איז אזוי הילפלאָז... איהם דאכט זיך אזוי ווי ער וואָלט קיין רעכט ניט געהאט דאָ צו שטעלען זיך געגען א קריסט, צייגען איהם: „דאָ אין אמעריקא קענסטו מיר וועניג שאדען און איך האָב דיך אין דר'ערד...“ ער קען דאס ניט. עפּעס דערלאָזט איהם ניט ארויסצוצייגען זיך „העלדיש“, ווייל ער קען ניט פערגעסען, אז דאָרטען וואָלט ער דאס קיין מאָל ניט געוואגט צו טהאָן...

אויף דעם בלאָק, וואו משה חיים וואוינט, זיינען דאָ פיעל מעהר אידען איידער קריסטען. און די עטליכע קריסטען, וועלכע האָבען זעהר ניט ליעב דעם אידען, זיינען מאכטלאָז אין זייער שנאה און מען לאכט זיך אויס פון זייער היטעלע... בלויז ער, משה חיים פעדלער, לאכט ניט... ער האָט אימער רוסלאנד אין זינען און עס לאכט זיך איהם ניט.

נעקסט פון דעם טענעמענט־הויז, וואו משה חיים מיט זיין ווייב און קינדערלעך האָבען זייער וואוינונג, איז דאָ א פּריוואַט־הייזקע, בעוואוינט פון אן איירישמאן, א קאטאָליק, א ביטערען אנטיסעמיט. ווען דער איירישמאן געהט איבער'ן סיידוואָק און עס קומט איהם אויס פארבייצוגעהען אידישע קינדערלעך, קלאַפּט איהם די פינסטערע שנאה פון פּנים ארויס... מען קען זעהען ווי דער קריסט וואָלט דערשטיקט אלע קינדער, ווען ער זאָל נור האָבען די מאכט דערצו...

אידען זעהען דאָס, נור מען האָט דעם קריסט אין דר'ערד... אידישע קינדערלעך, וועלכע זיינען דאָ גאַנץ געגוג אויפ'ן בלאָק, פּלאָנ־טערען זיך אונטער דעם גוי'ס פיס... טאַטעס און מאַמעס זעהען ווי אין דעם רשע קאָכט דאָס בלוט... ער וואָלט דאכט זיך מיט די פיס צוטרעטען אַלע קינדערלעך... נור די טאַטעס און מאַמעס ווייסען, אַז זיי זיינען זיכער פון דעם קריסט'ס ביטערען האַס... זאָל ער נור פּרובירען אַ קלאַפּ טהאָן אַ אידיש קינד, וועט ער דאַך האָבען אויס־געריסענע צרות. זיי פערשטעהען אַז דער קריסט ווייס, אַז ווי ביטער ער זאָל ניט פיינט האָבען אַ אידען, האָט דאָס אידישע קינד דאָ אין לאַנד אַלע רעכטע, וועלכע ער האָט, און אַלעס וואָס ער קען טהאָן, איז נור דערשטיקט ווערען מיט זיין אייגענער ביטערער שנאה... ווייסען דאָס די טאַטעס און מאַמעס און האָבען קיין אַנגסט ניט, קיין מורא ניט איבערצולאָזען זייערע קינדערלעך אויפ'ן סיידוואָק אונטער די פיס פון דעם בייזען אַנטיסעמיט... נור איין משה חיים דער פּעדלער היט זיך אָב. דערזעהט ער אָנקומען דעם שכן, דעם אַנטיסעמיט, כאַפּט ער צו זיינע קינדערלעך פון וועג, און ווען ער קען, כאַפּט ער אויך צו אַ צווייטענ'ס קינדער... משה חיים ווייס אַזוי ווי אַלע, אַז דער קריסט קען זיינע קינדער ניט שאַדען, נור ער טהוט עס עפּעס אַזוי ווי אינסטינקטיוו... רוסלאַנד שוועבט פאַרביי אין זיינע רעיונות... יעדעס מאָל, ווען ער דערזעהט אַ בייז קריסטליך געזיכט, שוועבט פאַרביי זיינע אויגען זיין היימאַטה, וואו דער גוי איז דער הארר, וואו דער גוי איז אַלמעכטיג, און וואו דער איד איז אַזוי הפקר... און ער פיהלט עפּעס אַזוי ווי אויף איהם וואָלט אַ חוב געלעגען ניט איינצורייסען זיך מיט קיין קריסט, און ער נעהמט בעסער צו זיינע קינדערלעך פונ'ם וועג.

ווען משה חיים פאָהרט אין קאַר און שטויסט זיך אָן אויף אַן אַנטיסעמיטישען קאָנדוקטאָר, וועלכער גרייפט איהם אָן מיט שענדליכע תנועות און איבערקרימעריי, איז דער פּעדלער ניט קיין גרינהאָרן, נעהמט אַרונטער דעם נומער פון דיזען קאָנדוקטאָר מיט דער אַבזיכט דעם וואוילען יונג צו פער'מסר'ן פאַר דער קאָמפּאַניע, אין וועמעס דיענסט דער פרעכער קאָנדוקטאָר געפינט זיך.

משה חיים ווייס זעהר גוט דעם ריכטיגען אָרט, וואו ער האָט זיין קאָמפּליין אַריינצובערענגען. ער ווייס אויך, אַז דאָס איז זעהר אַ לייכטע נסיעה, נור ווען עס קומט צו עפּעס טהוט ער דאָס ניט און

שלינגט ארונטער דעם קאָנדוקטאָרס בעליידיגונג, אזוי ווי ער שלינגט ארונטער אלע אנדערע בעליידיגונגען.

און טאַקע ווידער דערפאר, ווייל משה חיים האָט רוסלאנד אין זיינע רעיונות.

„דאָ איז לייכט צו זיין א העלד,“ טראַכט דער פעדלער, „פטור געוואָרען פון רוסלאנד איז ניט שווער צו חכמה'נען זיך... וואָס וואָלט אָבער אין דער היים געווען?... דאָרטען איז מען צופריעדען, אז מען קומט אָב מיט ערניעדערונג און בעליידיגונג.

און אזוי טראַכטענדיג טהוט משה חיים א מאַך מיט'ן האַנד און צורייסט דעם צעטעלע, אויף וועלכען ער האָט פערצייכענט דעם אנטי־סעמיטישען קאָנדוקטאָר'ס נומער.

טאַקע גופא ביי משה חיים'ען, אין דער זעלבער הויז וואו ער וואוינט, איז דער הויזקיפּער א גרינער פוילישער גוי. און דיעזער גרינהאָרן, וועלכער איז דאָ אין אמעריקא פּונקט אזוי אין גלות, ווי ער, משה חיים, דיעזער גוי וועלכער ליעגט, דאַכט זיך, אין א אידישען ביימענט, ביי א אידישען לענדלאָרד, דיעזער פּאָליאַק האָט אויך ניט פיינט א מיאוס'ען שמייכעל צו טהאָן אויף משה חיים'ס חשבון...

משה חיים ווייס גוט, אז מיט דיעזען נאַרישען פּאָליאַק וואָלט ער גיך געקענט פארטיג ווערען. דער פעדלער איז אין הויז אָן אלטער שכן, צאָהלט זעהר פּינקטליך זיין רענט און איז ביים לענדלאָרד א גרויסער תקיף; עס איז גענוג אז ער זאָל דעם לענדלאָרד זאָגען נור איין וואָרט וועגען דעם הויזקיפּער, וואָלט זיך דער פּאָליאַק אויסגעריכט א שווארץ יאָהר, אויב ער וואָלט אין גאַנצען זיין שטעלע ניט פערלוירען.

משה חיים ווייס זעהר גוט זיין אויבערמאַכט איבער דעם הויז־קיפּער, דאָך בענוצט ער זיך ניט מיט זיין אויבערמאַכט און שלינגט ארונטער אויך זיין אייגענעם הויזקיפּער'ס בעליידיגונג.

משה חיים טראַכט ביי זיך אזוי: א פּאָליאַק א קריסט, וועער ווייס וואו דער ערל קען אהינקומען? היינט איז ער דאָ אין אמעריקא, וואו ער האָט איבער דעם אידען קיין ברעקעל מאַכט ניט, און מאָרגען קען ער אוועק צוריק נאָך פּוילען... דאָרטען וואו ער איז תקיף און די אידען זיינען אויף צרות... דאָרט אין יענעם לאַנד קען א שלעכטער גוי צו א פּאָגראָם אויפרייצען און שטעלען אין קאָן דאָס לעבען פון פיעלע

אונשולדיגע אידישע קינדערלעך... אויך קען דאָרטען א גוטער קריסט מיט א מענשליך הארץ אָבהיטען, אָברעדען פון א פּאָגראָם.

משה חיים וויים ווי שרעקליך פּאַר זיינע ברידער עס איז דאָרטען אין זיין היימאַטה א קריסט, וועלכער טראָגט אין הארצען א כעס אויף אידען, און דער געדאַנק, אז זיין אויפפיהרען זיך קען שאַפען א שונא ישראל, וועלכער קען זיך נאָך ווען־עס־איז נאָך רוסלאַנד אומקעהרען און נוקם זיין זיך אָן אידען — דיעזער געדאַנק מאַכט איהם ציטערען. און ווען משה חיים קוקט מיט אַזעלכע אויגען אויף זיין הויזקיפּער, דעם פּאָליאַק, נעהמט איהם אָב יעדער חשק מיט דעם קריסט איינצור־רייסען זיך און ער איז אַלעם מוחל דעם הויזקיפּער און זעהט אויסצור־קומען אדרבה ואדרבה מיט דעם מאַכטלאָזען גרינעם פּאָליאַק, וועלכער קען אַמאָל אהיים פאָהרען און ווערען א גרויסע, א געפעהרליכע מאַכט...

און אַזוי האָט אימער משה חיים דער פּעדלער אין זיינע רעיונות דעם פינסטערען שווארצען גלות אין רוסלאַנד. און ער טהוט זיין בעסט אויסצוקומען גוט מיט קריסטען.

וואָרום ער איז געוואָרען אַ איד

מערקווירדיג ווי דער בלומקינד האָט זיך אין גאַנצען געביטען!

איהר האָט איהם געדאַרפט קענען מיט אַ יאָהר פינף צוריק, ווי ער האָט דאָס ניט ליעב געהאַט דעם אידען; איך פלעג איהם רופען דער אידישער אַנטיסעמיט!

שכנים זיינען מיר דאָן געווען, געוואוינט האָבען מיר אין איין און דעם זעלבען טענעמענט־הויז אין אַ געדיכט־בעזעצטען אידישען, ליוטער אידישען געגענד, און מיין שכן בלומקינד האָט דאָן ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסגעצייגט זיין האַס, זיין שנאה צו אַלעם וואָס איז נור אידיש.

אַזוי ווי ער און זיין פרוי קומען פון רוסלאַנד, פלעגען זיי רעדען נור רוסיש, קיין אידיש וואָרט פלעגט איהר ניט קענען אַרויסקריגען פון די מענשען פאַר אַ רענדעל. און האָט איהם מיין פרוי אַמאָל בעדאַרפט איינלאַדען געהן אין אַ אידישען טהעאַטער, אָדער צו אַ אידישער שמחה, פלעגט זיך זיין גאַנצער געזיכט אויסקרימען מיט אַ פערעכטליכען שמייכעל און ער פלעגט אָוועקמאַכען מיט'ן האַנד עפּעס ווי ער וואָלט געגעבען צו פערשטעהען, אַז אַזאַ מין זאַך ווי אידיש טהעאַטער, אָדער עטוואָס דאָס גלייכען שטעהט ניעדריגער פון זיין ווירדע.

האָט מען אויף איהם ווען־ניט־ווען געוואָלט מאַכען דעם איינדרוק אַז דער און דער אידישער שרייבער איז ווערטה געלעזען צו ווערען, טראָץ דעם וואָס ער שרייבט אין איינפאַך אידיש, פלעגט זיך דער מענש ניט לאָזען גאָר הערען וועגען דעם — פאַר איהם האָט גאָר ניט געקענט געמאָהלט זיין אַזאַ זאַך, ווי אַ שרייבער אויף פּראָסט אידיש.

און אַלעם וואָס אונזערע אידישע שכנים האָבען געטהאָן אָדער גערעדט, איז קיין מאָל ניט געפעלען געווען.

„אידען ווייסען ניט ווי אויפצופיהרען זיך, אידען ליאַרמען, אידען שרייען, אידען זיינען ניט ריין, אַרום אידישע הייזער איז בלאָטע, מיט אַ אידען קען מען אין גאַס ניט געהן, מיט אַ אידען קען מען ניט

האנדלען, פון א אידען מוז מען לויפען, אידען זיינען א מיאוס פאָלק — מיט אזעלכע טענות פלעגט זיך בלומקינד תמיד ארומטראָגען.

און אלעם וואָס איז געווען ניט אידיש, האָט אין זיינע אויגען גאָר אַן אנדער חן געקראָגען:

— קוקט אָן א קריסט, — פלעג ער טענה'ן — עס איז עפּעס גאָר אַן אנדער מענש: ריפיינד, אנגענעהם, געזעלשאפטליך, שטיל, בעשיידען, ציכטיג, פריינדליך. עפּעס זיינען זיי גאָר אנדערע, גאָר אנדערע מענשען.

און בלומקינד'ס בעסטער וואונש איז געווען ארויסצוקלייבען זיך פון דער אידישער גאס און אריינמופען אין א שטילער אנגענעהמער קריסטליכער נאכבארשאפט.

אלס א מענש אָהן א רעליגיאָן, וואָס פעראכט זיין גלויבען און זיין נאציאָן, האָט ער זיינע צוויי באָיס, וועלכע זיין ווייב האָט איהם געבאָרען דאָ אין ניו יאָרק, ניט געלאָזט אידישען, און ווען מען פלעגט בלומקינדען אמאָל פרעגען:

— רעכענט איהר ניט, אז אייערע קינדער וועט שפּעטער פיעל־לייכט אויסקומען צוליידען איבער דעם, וואָס זיי וועלען ניט זיין ניט אידען, ניט גוים?

פלעגט בלומקינד ענטפערען:

— איך האָף, אז מיינע קינדער וועלען קיינמאָל ניט וויסען, אז זיי זיינען אידען.

בלומקינד'ס בעסטער וואונש איז ענדליך מקוים געוואָרען. עס האָט זיך דעם מאן איינגעגעבען צו קויפען א ביזנעס אין א קאָונטרי, ביים ברעג פון דעם שעהנעם האָדסאָן ריווער, אין א שעהנעם קריסט־ליכען גן־עדן, וואו ער, בלומקינד, איז געווען דער איינציגער ניט־אידישער איד.

פערלאָרען געגאנגען איז מיין אידען־פיינדליכער שכן, און עס איז אזוי אריבער א צייט פינף יאהר און איך האָב ניט געהאַט קיין שום אהנונג, קיין שום גערוס, ווי אזוי עס לעבט זיך דעם בלומקינדען ווייט פון זיינע פערהאסטע אידען אין זיין שטילען גן־עדן, צווישען לויטער קריסטען. נור אָט האָט זיך געמאכט א געלעגענהייט און עס איז מיר אויסגעקומען צו בעזוכען מיין אמאָליגען שכן דאָרטען אין זיין קריסטליך קאָנטרי'לע.

געווען בין איך אונטער דעם איינדרוק, אז בלומקינד וועט מיך אויפנעהמען זעהר קאַלט, געדאַכט זיך האָט מיר, אז מיין געוועזענער שכן וועט זיין ניט צופריעדען מיט מיין וויזיט, גערעכענט האָב איך, אז דער מאַן איז שוין לאַנג צווישען זיינע ליעבע, גוטע קריסטען אין גאַנצען אסימילירט געוואָרען, און איך אַלס איד, און איבערהויפּט אַלס איינער וואָס וועט איהם עראינערען אז ער איז אויך אַ איד, וועל אויף איהם מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק און וועל וואהרשיינליך ניט זיין קיין איבעריגם געווינשטער גאַסט — אזוי האָב איך גערעכענט, עס האָט זיך אבער ארויסגעצייגט, אז איך האָב אין גאַנצען אַ טעות געהאַט. שטעלט זיך פאָר מיין גרויסע איבערראַשונג, ווען בלומקינד איז צו מיר צוגעלאָפען מיט אָפענע אָרעמס, און האָט מיך בעגריסט מיט אַן איינפאַכען הארציגען אידישען „שלום עליכם“.

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב פערבראַכט מיט מיין אַמאָליגען שכן, האָט ער צו מיר גערעדט ריין אידיש. אידיש האָט גערעדט זיין פרוי. זאָגאַר זיינע דאָ געבוירענע קינדער האָבען אויך אידיש גערעדט.

בלומקינד'ס עלטערע מיידעלע האָט זיך געזעצט פאַר אונז ביי דער פּיאַנאָ און זי האָט אויפגעשפּיעלט איינינע אידישע הארציגע סקאַרבאָווע נגונים. נאכהער האָט בלומקינד געלאָזט געהן אַ פאָנאָ־גראַף און די מעהרסטע רעקאָרדס זיינען געווען אידישע נגונים, וואָלעכלעך פון אידישע בעריהמטע חזנים, ליעדער פון אידישע אָפּערעטעס, אויך האָט זיך אין בלומקינד'ס הויז די „התקוה“ געהערט.

מיר האָבען זיך צורעדט.

— ווי געהט עס אייך? — האָב איך געפרעגט מיין אַמאָליגען שכן.

— זעהר גוט. — האָט אַ זיפץ געטהאָן בלומקינד.

— מיר האָבען אַן אייגענע הויז, — האָט זיך ארייגגעמישט בלומקינד'ס פרוי — מיר האָבען דריי סטאָרס, מיר מאַכען געלד.

— צופריעדען? — פרעג איך.

שווייגט בלומקינד. אויך בלומקינד'ס פרוי ענטפערט גאַר ניט.

— וואָס איז? — פרעג איך.

און בלומקינד האָט זיינעביידע הענד אוועקגעלעגט אויף מיינע פּלייצעס, אויף זיין פּנים האָט זיך צושפּיעלט אַ טרויעריגער, אַ בייגקענ־דער שמייכעל און ער זאָגט צו מיר:

— מיר פעהלען אידען.

איך האָב דעם מאַן אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— עס בענקט זיך נאָך סאָפאָלק סטריט.

— מיינט איהר דאָס ערנסט? — פרעג איך.

— עס איז ביטער צווישען קריסטען. — ערקלערט בלומקינד — מיר פיהלען זיך עלענד. דאכט זיך גאָר פיינע מענשען... מען גיט צו לייזען, מען לאָזט א סענט פערדיענען, אבער אוי! ווי מען פערהאָסט, מען לאָזט נאָהענט ניט צוטרעטען.

— פרעג פאַרוואָס, פרעג פאַר ווען? — האָט בלומקינד'ס פרוי איהר מאַן איבערגעשלאָגען, און איהר שטימע האָבען זיך טרערען געפיהלט.

— מיינע קינדער זיינען דאָ די בעסטע אין סקול, — האָט בלומקינד ווידער זיין הארץ אויסגערעדט — די פעהיגסטע און די שטילסטע, פון דעסטוועגען גיט מען זיי יעדע מינוט צו פיהלען און צו פערשטעהען, אז זיי זיינען פרעמדע, אז זיי זיינען אידישע קינדער.

— די קריסטען זיינען דאָ ריפאַינד, — האָט זיך ווידער בלומקינד'ס פרוי אין געשפרעך אריינגעמישט — דאָס רוב אריסטאָקראַטען, זיי בעליידיגען ניט מיט ווערטער... דאכט זיך גאָר פיין, מען גיט אָב א גוט מאָרגען. ווען מען בעגעגענט זיך. דאָך טריפט דער האַס פון זייערע פנים'ער, מיר זיינען גרויס אין די אויגען, מען פערגינט ניט דאָס לעבען, מען גיט צו פיהלען און צו פערשטעהען אז מען פערעכענט דיך פאַר א ניעדריגערען וועזען.

— זיי קענען מיר קיין שלעכטס ניט טהאָן, — האָט בלומקינד ווייטער גערעדט — און דאָך האָב איך פאַר זיי מורא. איך פיהל, אז ווען עס זאָל נור אין זייער מאכט ליעגען, וואָלטען זיי גערן מיך מיט מיין פאמיליע אויפ'ן פייער אַרויפגעבראכט... איך מאַך א לעבען, אבער איך פיהל אז איך בין צווישען פרעמדע, צווישען שונאים.

— וואָס-זשע רעכענט איהר טהאָן? — האָב איך געפרעגט.

— ווען מיר וועלען אָבשפּאָרען עטליכע דאָלאַר, וועלען מיר פערקויפען די ביזנעס, די הויז און לויפען פון דאַנען. — האָט בלומקינד געענטפערט.

— וואוהין?

— צוריק צווישען אידען. — האָבען בלומקינד און זיין פרוי ביידע גלייך געענטפערט.

און ווען איך האָב ביי מיין געוועזענעם שכן לענגער פערבראַכט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער מאַן פּלאַנעוועט צו אידישען זיינע צוויי באָים, ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס איין באָי איז שוין אַלט אַכט יאהר און דער צווייטער צוועלף יאָהר. אויך טראַכט דער פאַטער לאָזען לערנען זיינע קינדער אידיש לעזען און שרייבען, דאַן ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען אין ניו יאָרק צווישען אידען.

אזוי מערקווירדיג האָט זיך בלומבערג געענדערט, ווען ער האָט אַבגעוואוינט עטליכע יאהר צווישען לויטער קריסטען.

פּיטערער שפּאַס

שלימילאָוו'ס שריפטען

שלימילאָוו איז אַ אידישער דיכטער. ער איז אַ מיטאַרבייטער אין אַ אידישער טעגליכער צייטונג און אין דיעזער צייטונג שרייבט ער שוין אונגעפעהר ביי פופצעהן יאהר.

ווי פיעל געדיכטע ער האָט אָנגעשריעבען פאַר די פופצעהן, לאַנגע, לאַנגע יאהרען ווייס קיינער ניט. און ער אליין, דער דיכטער, ווייסט אויך ניט.

ווען איינער פרעגט ווען־עס־איז אונזער דיכטער:

— ווי פיעל געדיכטע האָט איהר דאָס אָנגעשריבען זינט איהר זייט אַ שרייבער?

בעטראַכט זיך דער דיכטער און ענטפערט:

— אַ סך, אַ מאַסע, אַ גוזמא...

— ווי פיעל אונגעפעהר? — פרעגט איהר ווייטער.

— ווער ווייסט? איך רעכען אַרום פינף—זעקס הונדערט... — ענטפערט דער דיכטער, נור גלייך האָט ער חרטה און גיט צו:

— און אפשר וועניגער, און אפשר מעהר? ווער קען וויסען? ווער קען דאָס געדענקען?

און ווער קען דאָס טאַקע וויסען? ווער קען עס געדענקען? וועמען ליעגט עס אין קאָפּ צו רעכענען? זיינע ווערקע דרוקען זיך אין אַ טעגליכער צייטונג; אַ טעגליכען בלאַט האַלט קיינער ניט מעהר פון איין טאָג, אין דעם טאָג ווען די צייטונג ערשיינט איז זי אַ שטיקעל סחורה, אויף מאָרגען איז אַ נעכטיגע צייטונג גאָר ניט ווערטה — אַ טויטער וועזען. עס געהט אַוועק אין די מיסט. צוזאַמען מיט דעם נעכטיגען טאָג געהט אַוועק דער נעכטיגער בלאַט און עס שטאַרבט אויך אַוועק דעם דיכטער'ס ווערק...

אפשר האָט דער אָרימער דיכטער אַוועקגעלעגט אַ שטיק נשמה אויף יעדען אויפגעשריעבענעם פערז, אפשר האָט דער שרייבער ניט איין מאָל טרערען פערגאָסען איבער זיינע שורות, און ווען ער האָט אויפ־געשריעבען דעם געדיכט האָט ער געפיהלט אַז מיט יעדען פערז, מיט

יעדער שורה ליעגט אויסגעשפּרייט אויפ'ן פּאַפּיער א טהייל פון זיין לעבען, א טהייל פון זיין שוואך הארץ, אידעען, געדאנקען, חלומות, פאַנטאַזיען... גאָר נישט ווערטה! די צייטונג געהט אין מיסט־בעסקעט אריין, און אַלעס געהט מיט!

פופצעהן יאהר געשריעבען און ניטאָ קיין זכר, ניטאָ קיין געדעכעניס!

דער שרייבער אליין פלעגט יא אויסשניידען פון די בלעטער זיינע געדיכטעט און פלעגט עס קלייבען. נו, ווייסט איהר דאָך דעם ניו יאָרקער לעבען. מען וואוינט אין ענגעניש, אין שטיקעניש; וואו איז דאָ פּלאַץ פאר אַלע געדיכטעט? און איין מאָל, ווען שלימילאָוו האָט שוין געהאט צוזאמענגעקליבען ביי הונדערט געדיכטעט, איז דעם דיכטער'ס בעסערע העלפט אין כעס געוואָרען דערפאַר וואָס די הויז איז פערפּלייצט מיט אַלע „פּאַפּוסעס“ און זי האָט אין איין שעהנעם טאָג גענומען און ארויסגעוואָרפען אַלע געדיכטעט אין סטריט ארויס... לויפערלעך האָבען פון דעם געמאַכט א פייער און עס איז געוואָרען אוים געדיכטעט.

נאָך אַמאָל האָט דער שרייבער געהאט אָבגעשפּאָרט נאָך ביי פופציג געדיכטעט, האָט מען געמופט פון איין דירה אין דער צווייטער, האָט דער עקספּרעסמאַן דעם באַנדעל מיט פּייפּער איבערגעלאָזען אין סטריט.

נאָך א פּאָר יאהר האָט שלימילאָוו געקליעבען זיינע געדיכטעט, האָט דער דיכטער קינדערלעך און אַלע יאָהר, אַזוי ארום פּורים־צייט, ווערען זיי קראַנק, דאָס אויף דיפטעריע, דאָס אויף סקארלעט־פיעבער, נאָך דעם אַז גאָט העלפט ווען די קראַנקע נעהמען זיך בעסערען, נעהמט מען דאָך רייניגען די הויז: בעטגעוואַנד און קליידער נעהמט צו צום „דיזאינפעקטען“ די „באָארד אָוו העלטה“, נור פון געדיכטעט האַלטען די לייטע ווייניג און דער אָרימער דיכטער קלייבט צוזאַמען זיינע אויס־געשניטענע שטיקלעך פּאַפּיער און פערברענט עס מיט זיינע אייגענע הענד.

די לעצטע עטליכע יאָהר האָט שלימילאָוו איינגעזעהן אַז עס איז אַן אומזיסטע ארבייט צו קלייבען די געדיכטעט; ער האָט איינגעזעהן אַז זיין פּרווי איז גאַנץ געדעכבט ווען זי זאָגט:

— צו וואָס קלייבסטו די שמאַטעס דיינע? פערפּלייצסט די

הויז מיט בלאָטע, נאכהער דאַרף מען עס פערברענען. איז דאָס ניט א משוגעת?

און שלימילאָוו קליבט מעהר נישט זיינע געדיכטע. גאָרנישט. אויפגעשריעבען, אוועקגעטראָגען אין דער רעדאקציע, בעקומען די עטליכע פענים נשמה־געלד און געטהאָן וואָס אלע גוטע לעזער טהון: איבערגעקוקט און אין מיסט־בעסקעט אריין.

איז אָבער געקומען א צייט, א גוטע, א טהייערע צייט, און מען האָט זיך דאָך דערמאָנט אז עס איז דאָ אויף דער וועלט א געוויסער זשאַרגאָנישער דיכטער, וועלכער הייסט, דאכט זיך, שלימילאָוו. און דער דיכטער שרייבט שוין א יאָהר פופצעהן. און די טעגליכע צייטונג אין וועלכער שלימילאָוו שרייבט, האָט קיין עין הרע צעהנדליגע טויזענדע לעזער און די לעזער האָבען טאקע ווילד הנאה פון שלימי־לאָוו׳ס געדיכטע, האָט א אידישער פּאָבלישער, וועלכער האָט געמוזט האָבען ניט אנדערש ווי א קאָפּ פון א מיניסטער אזוי און אזוי א טראכט געטהאָן:

„גוואלד, טאטע אין הימעל! עס זיינען דאָ אין ניו יאָרק, קיין בייז אויג זאָל ניט שאַדען, א פיינע ביסעל אידישע פּאָבלישערס, און מען האלט אין איין פּאָבלישען מחזורים, גוטע תחינות, סדורים, חומשים, סליחות, קנות, פענסי תהלים׳לעך, הגדות, תפלה־זכות, קמעות, מזוזות, מגילות, אינטערעסאנטע ראָמאנען, פּותר־חלומות־ביכלעך, מזל־טרעפער און מען מאכט דערביי טהייערע געלד, פארוואָס זאָל מען ניט פּרובירען ארויסגעבען אין א בוך צום ביישפּיעל אזא זאך ווי שלימילאָוו׳ס געדיכטע?

און וועגען דיזער געשיכטעלע האָט זיך שלימילאָוו דערוואוסט, און דער דיכטער איז אריינגעפאלען אין איין שעהנעם אָבענד צו זיך א היים א בעגייסטערטער, א גליקליכער, א צופריעדענער און מיט א פערשטיקטען נצחון האָט דער שרייבער געזאָגט צו דער חבר׳טע פון זיין לעבען:

— נו, ראָזא, האָסט זיך געוואָרפען מיט מיינע געדיכטע, הא? געוואָרפען זיך?

— ווי מיינסטו? — האָט ראָזא געפרעגט.

— איך מיין מיינע געדיכטע.

— וואָס, געדיכטע?

— האָסט זיך געוואָרפען, געשליידערט, געברענט!

— אַנטקעגען וואָס איז דאָס ?—האָט ראָזאַ אָנגעקוקט איהר מאַן.

— האָסט עס ניט בעדאַרפט טהאָן. — האָט דער שרייבער מיט פאָרוואורף געקוקט אויף זיין פרוי.

— ניט בעדאַרפט ? — מאַכט ראָזאַ — ניט בעדאַרפט ? וואָס דען, האַלטען דאָס ? פערפּיאַטשקען, פערשמוצען די גאַנצע הויז ? אפשר נאָך רעגט צאָהלען דערפאַר ? אויף וואָס דאַרפסטו עס ? אין קבר מיט זיך נעהמען ? אויף דער מצבה אויפקלעפּען ?

— עס איז אַ סחורה, נאַרעלע... — זאָגט שלימילאָוו גוטמוטהיג צו זיין פרוי.

— וואָס איז אַ סחורה, דיינע שמאַטעס וואָס מען האָט ארויס־געוואָרפען ? — פרעגט די פרוי.

— אַז ארויסגעוואָרפען איז שלעכט. זעהסטו, ווען דאָס וואָלט נעוועז יעצט, איז דאָס אַ גוטע סחורה.

— וואָס רעדסטו היינט ? — בעגרייפט ניט ראָזאַ איהר מאַן.

— מען וויל מיינע געדיכטע ארויסגעבען אין אַ בוך. — לאָזט ארויס ענדליך דער דיכטער די קאַץ פון זאַק, און ער קוקט אויף זיין פרוי אויפמערקזאַם, אום צו זעהען דעם איינדרוק וועלכען זיין בשורה האָט געמאַכט.

ערוואַרטעט האָט שלימילאָוו אַז זיין נייעס וועט איבעראַשען זיין פרוי, עס וועט איהר טרעפען ווי מיט אַ באָמבע, נור ראָזאַ איז פערבליעבען גאַנץ קאַלטבלוטיג, און גוט אויסגענענצענדיג זיך האָט זי אַ זאָג געטהאָן:

— אַ וואָס ? אַ בוך ? ווי הייסט אַ בוך ?

— אַ בוך, ווי אַלע ביכער.

— נו, וואָס האָט עס מיט דיר וואָס צו טהאָן ? — פרעגט ראָזאַ טאַקע וויטער געלאַסען.

— אַ בוך פון מיינע געדיכטע. — ערקלערט דער זשאַרגאָנישער שרייבער זיין פרוי.

— צו וואָס ? — פרעגט ראָזאַ.

— ווי הייסט צו וואָס ? צום לעזען.

— מען האָט דאָך שוין געלעזען ? — זאָגט ראָזאַ.

— וועט מען ווידער לעזען.

— מיינע דאגות, — ענטפערט ראָזא ענטשלאָסען — זאָל זיין א בוך, ניט א בוך, נור אהער זאָלסטו עס ניט ברענגען. איך וויל ניט. איך בין גערן וואָס דיר איז אָבגעפאַלען די כאַלאַניעס דיינע צו קלייבען דיינע אַלטע צייטונגען אין הויז.

— מען קריעגט אָבער פאַר דעם פיינע געלד... — זאָגט אָן דער שרייבער זיין פרוי נאָך איין וויכטיגען פונקט.

ראָזא, וועלכע האָט שוין געוואָלט אָבטרעטען פון איהר מאַן אין אַן אנדער צימער, איז געבליבען שטעהן עפּעס אַזוי ווי פון קוריאָזיטעט וועגען און זי האָט א פרעג געטהאָן:

— וואָס, געלד?

— פאַר מיינע געדיכטע קען איך קריגען פיינע עטליכע דאָלאַר.

— ראָזא האָט שוין גוט געקענט איהר מאַן, האָט זי געוואוסט, אַז ער איז א גרויסער פאַנטאַזיאָר, א בעל־חלומות, און זי האָט איבעריג ערנסט ניט צוגעהערט זיך צו זיינע ווערטער. דאָך האָט די פרוי געפונען פאַר נויטיג איבערצופרעגען:

— דו וועסט קריעגען געלד?

— יעס, ראָזא.

— פאַר וואָס?

— פאַר מיינע געדיכטע.

— וואָס דו וועסט שרייבען?

— וואָס איך האָב שוין אָנגעשריעבען. — האָט שלימילאָוו געענטפערט. און נאָך מיט מעהר אַזאַרט האָט ער צוגעגעבען:

— אָט די געדיכטע, מיט וועלכע דו, מיין חכמה, האָסט זיך אַזוי אַרומגעוואָרפען, אַרומגעשליידערט, געברענט און געבראָטען, הלואי האָב איך זיי נור יעצט, ווי איך וואָלט גאָר אָהן קאָפּ־דרעהעניש אַריינגעקראָגען עטליכע דאָלאַר.

שלימילאָוו'ס טאָן האָט געקלונגען אַזוי פעסט, אַזוי ערנסט, אַז ראָזא האָט שוין כמעט, כמעט געגומען גלויבען איהר מאַן. פונדעסט־וועגען, אום ניט צו געבען שלימילאָוו'ן קיין „סאַטיספעקשאָן", ווי מען זאָגט אין אַמעריקא, האָט די פרוי שוין מיט א געמאַכטער געלאַסענהייט א זאָג געטהאָן:

— דיר, שלימילאָוו, קען מען אַלעס איינשמועסען. ביזט דאָך א נאַר ווי די וועלט וויל האָבען, גלויבסט דאָך אַלעס וואָס מען זאָגט דיר.

— עס איז אמת, ראזא, עס איז אמת, — האט דער דיכטער איבערגעשלאגגן זיין פרוי — מען גיט געלד.

— עס איז דיר, שונאי ציון, שווער ווי די גסיסה צו נעהמען איין מאל געלד פאר דיין שרייבען, — האט ראזא דאך ניט געלאזט זיך איינשמועסען — עס קומט דיר אן מיט צרות, מיט וועהטאגען ביז וואנען דו פערדיענסט א דאלאר פון דיין שרייבען, געהסטו מיר דער־צעהלען געשיכטען, אז עס וועט זיך געפינען א גולם און וועט דיר נאך צאהלען א צווייטען מאל פאר דיין טהייערער סחורה, הא? מיין נארישער, נארישער מאן!

שלימילאוו'ן האט זיך דאך איינגעגעבען צו איבערצייגען זיין ווייב אז זיינע רייד האבען א באדען, און ראזע'ן האט שוין אויך אביסעל בענומען פערדריסען, וואס זי האט זיך אזוי נוקם געווען אן איהר מאנ'ס אויסגעשניטענע שטיקלעך צייטונגען, אבער ניט דאס איז געווען די הויפט־צרה.

עס האט זיך געפונען א גוטער פאבלישער, וועלכער האט געוואלט שלימילאוו'ס שריפטען ארויסגעבען אין א בוך. דער פאבלישער האט נאך אלס צוגאב אנגעבאטען דעם דיכטער עטליכע דאלאר פאר געבען זיין הסכמה צו דעם, שלימילאוו'ס ווייב האט אויך דאגעגען גאר ניט געהאט, איז אבער געקומען א נייע פראגע און זעהר א וויכטיגע:

וואו נעהמט מען שלימילאוו'ס געדיכטע? וואו קריעגט מען זיי? נישטא! אזוי ווי אויף דער וועלט ניט געווען!

דער שרייבער האט זיך גענומען פאר דער ארבייט, גענומען זוכען, נאכפרעגען זיך, טאפען די ווענד, ניטא קיין געדעבעניש. וועלכער משוגענער וועט עס זיך האלטען מיט געדיכטע, פון א וועלכען־עס־איז זשארגאנישען שרייבער?

— פופצעהן יאהר געשריעבען, — האט זיך דער ארימער שרייבער פערצווייפעלט געריסען די האר פון קאפ — פופצעהן יאהר געשריבען, און אזוי ווי אין וואסער אריין.

ראזא האט געפיהלט, אז עס איז א שטיין אויף אין איהר גארטען אריין, און זי האט געפונען פאר נויטיג פערענטפערען זיך:

— נו, וואס זאל מען טהאן, אז מען וואהנט אין שטיקעניש, אין איינגעניש, אז אונזערע קינדערלעך זיינען פארט יעדען יאהר קראנק, דאס אויף דיפטעריע, דאס אויף סקארלעט פיעבער, דאס אויף מאזלען...

— שלעכט! — האָט שלימילאָוו געענטפערט — פערפאַלען!

דער דיכטער האָט אָבער ניט אויפגעהערט נאָכצופרעגען זיך, טאָמער, טאָמער וועלען זיך דאָך וואו־עס־איז אויסגעפינען זיינע געדיכטע. אזוי ווי א פעראונגליקטער פאָטער, האָט ער ניט אויפגעגעבען די גוטע, זיסע האָפנונג ווען־ניט־איז צו דערלעבען אויסצוגעפינען זיינע טהייערע קינדערלעך, וועלכע זיינען פערלאָרען געגאַנגען.

און אין איין שעהנעם טאָג דערוויסט זיך שלימילאָוו פון אזא מין ווילדער געשיכטע:

ערגעץ־וואו אין יאָנקערס, אהינטער די הרי חושך, גיט דאָ אויף דער וועלט א אידישער רעגס־פעדלער, איז דער מאַן א גרויסער קרענק און פערמאָגט אין זיך א מאָדנע משוגעת צו זאמלען די שריפטען פון אַלע אידישע שרייבער. וועגען אָט דעם דאָזיגען רעגס־פעדלער האָט מען דערצעהלט וואונדערליכע געשיכטען. מען האָט דערצעהלט, אז דער מאַן האָט אָבגעגעבען זיין משוגעת צוויי צימערען, אז נור אין אזא שטעדטעל ווי יאָנקערס, וואו רענט קאָסט א נאָטהינג, קען מען אזא זאַך בעהויפּטען, אז צוויי גרויסע חדרים זיינען ביי דעם רעגס־פעדלער פערלעגט ווי זיי זיינען גרויס, ווי זיי זיינען ברייט, מיט געזאמעלטע שריפטען פון אידישע ליטעראַטען, אז יעדער ליטעראַט ליעט ביי דעם רעגס־פעדלער אויף א בעזונדער פאָליצע, פיין בעאַרבייט, צושניטען אין פאַסען, א. ז. וו.

האָט זיך שלימילאָוו אָנגעכאַפּט פאַר דיעזער שטיקעלע נייעס, אזוי ווי עס כאַפּט זיך אָן איינער, וועלכער טרינקט זיך, פאַר א שטרויעלע און דער דיכטער האָט זיך איין שעהנעם מאָרגען אוועק געלאָזען אין סאַמע יאָנקערס אויסצוגעפינען דעם בעריהמטען רעגס־פעדלער.

און שלימילאָוו האָט אויסגעפונען.

געטראָפען האָט דער דיכטער צו הויז ניט דעם פעדלער אַליין, נור דעם בעל־דבר׳ס ווייב. פרעגט שלימילאָוו:

— וואוינט דאָ דער און דער פעדלער?

— דאָ. — ענטפערט דעם פעדלער׳ס ווייב.

— איז ער צו הויז?

— ער קומט באַלד.

— האָט אײַער מאַן בײַ זיך פֿערשיעדענע אַלטע אידישע צײַטונגען? — פֿרעגט װײַטער שלימילאָװ.

— צװײ חדרים פּערנומען, — האָט די פֿרוי געענטפֿערט מיט אַ ביטער האַרץ — עוסק'ט זיך מיט דעם אָב גאַנצע נעכט, שנײַדט, שערט, סאָרטירט, זאָל איך אַזױ װיסען פֿון בײַז, װי איך הױב אָן צו װיסען װאָס ער דאַרף דאָס האָבען. מײַנער איז דאָך אַ רעגס־פּעדלער, איז װאו ער קריגט נור אַרײַן אַ באַנדעל אַלטע אידישע צײַטונגען, ברענגט ער דאָס אהײם, מאַכט אָן אַ הקדש „שמע ישראל" צו שרײַען, און סאָרטירט די פּײַפּער, און שנײַדט עפּעס שטיקלעכװײַז... צװײ חדרים פּערנומען.

שלימילאָװ'ן האָט זיך שטאַרק פֿערװוּאַלט אָנקוקען די צװײ חדרים, אין װעלכע דער בעריהמטער רעגס־פּעדלער האַלט בעהאַלטען די אידישע ליטעראַטור, ער האָט װעגען זײַן פֿערלאַנג געלאָזט װיסען דעם פּעדלער'ס װײַב, און די בראַװע פֿרוי האָט דעם שרײַבער געװיזען די צימערען.

װען דער דיכטער האָט אַ קוק געטהאָן װאָס אין די צװײ חדרים טהוט זיך אָב אביסעל, האָט זײַן האַרץ אַזש גענומען קלאַפּען פֿאַר נחת און אױפֿרעגונג.

בײדע צימערען זײַנען געװען פֿערפּלײַצט מיט אַלטע צײַטונגען, פּאַליצעס, קאַסטענס, באַרעלס, אַלץ איז געװען אָנגעפּילט מיט פּאַפּיער, און שלימילאָװ האָט בײַ זיך געטראַכט: אױף װאָס פֿאַר אַ פּאַליצע אָדער אין װעלכען באַרעל ליעגט ער דאָ מיט זײַן אײגענעם כבוד?

אין מיטען־דערינען, אַלײן דער פּעדלער איז דאָ! בײַ דעם דיכטער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין האַרצען.

שלימילאָװ האָט אַ ביסעל פֿון ערדעלקײט װעגען גערעדט מיט דעם פּעדלער װעגען זײַטיגע ענינים, נאָכהער האָט ער אַ שמועס געטהאָן װעגען דעם עסק מיט די אַלטע צײַטונגען און איז גלײַך אַריבער צום פּונקט:

— און שלימילאָװ'ס געדיכטע געפֿינען זיך בײַ אײַך? — האָט שלימילאָװ אַ פֿרעג געטהאָן.

— אַ שעהנע קשיא? — האָט דער פּעדלער געענטפֿערט — געװוּים פֿאַרהאַנען. בײַ מיר איז אַלץ דאָ.

— אַ סך פֿון זײַנע געדיכטע האָט איהר?

— אַ גוזמא!

ביי שלימילאָוו'ן איז פון דעם ענטפער די הארץ שיער ניט ארויס־געשפּרונגען פאר פרייד.

— קענט איהר דאָס אויסגעפינען ? — האָט שלימילאָוו געפרעגט.

— געוויס. עס ליעגט אין א בעזונדער בארעל.

אין עטליכע מינוטען ארום האָט שלימילאָוו פאר זיך דערזעהען זיינע שריפטען. דער פאטער האָט אויסגעפונען זיינע פערלאָרענע קינדערלעך און עס איז פאָרגעקומען א גאַנץ ריהרענדע סצענע דערביי.

שלימילאָוו האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו „זיין" בארעל, עפּעס אזוי ווי אין דעם פאס וואָלט געלעגען א טהייערער אוצר.

אָט זיינען זיי, זיינע געדיכטע! אָט דאָ, אין בארעל, אין יאָנקערס, ביי א רעגס־פעדלער, ליעגט די גאַנצע פרוכט פון זיין פעדער. פופצעהן יאהר געשריעבען פאר אידען! פופצעהן יאהר געריסען שטיקער הארץ מיט דער פען. געשריעבען מיט די בלוט פון די אָדערען, אויסגעגאָסען אין פערזען די גאַנצע נשמה... טרערען, וועהעניש, שעהנע פאַנטאַזיען, חלומות, געדאַנקען, בילדער... פופצעהן יאהר — א גאַנצע יוגענד בעגראָבען... און אָט ליעגט עס אין בארעל... און שלימילאָוו'ס בלאַסער געזיכט איז רויט געוואָרען פון אויפרעגונג... און אין זיינע אויגען האָבען טרערען גענומען פינקלען...

— מיסטער, מאַכט עס גיכער, איך האָב ניט קיין צייט צו באַדערען זיך מיט אייך. — האָט דער פעדלער אָבגערופען דעם שריי־בער, וועלכער איז געשטאַנען א פערזונקענער אין בארעל מיט זיין גאַנצער נשמה.

— האָ ? ! — האָט זיך שלימילאָוו א כאַפּ געטהאָן.

— קומט, איך האָב ניט קיין צייט ! — האָט דער פעדלער גערופען דעם שרייבער פון חדר ארויס.

— הערט נור, מיסטער, — האָט שלימילאָוו געזאָגט — אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס אַלעס ?

— וואָס אַלעס ? — האָט דער פעדלער געפרעגט.

— אָט די אַלע צייטונגען.

— דאָס איז שוין מיינע ביזנעס. — האָט דער פעדלער קאַלט געענטפערט.

— און פאר וואָס פרעגט איהר ניט, ווער איך בין ? — פרעגט ווייטער שלימילאָוו.

— וואָס אַרט עס מיך, ווער איהר זייט?

— איך בין שלימילאָוו. — האָט זיך דער דיכטער זעלבסט פאָר־געשטעלט.

— שלימילאָוו? — מאַכט דער פעדלער — זאָל זיין שלימילאָוו! שלום עליכם.

— עליכם שלום. — ענטפערט דער שרייבער.

און וואָרפענדיג טאַקע ניט מעהר ווי איין בליק אויף דעם שרייבער, האָט דער פעדלער געזאָגט מיט דעם זעלביגען קאַלטען טאָן:

— נו, נו, מיסטער קומט, לאָזט די באַרעל צופריעדען; קומט זייט מוחל, איך האָב קיין צייט.

מיט אַ צובראָכענעם הארצען איז אונזער דיכטער אַרויס פון דעם חדר, וואו עס זיינען געלעגען אַלע אידישע ניו יאָרקער ליטעראַטען, און וואו ער אַליין מיט זיין גאַנצער נשמה איז אין באַרעל געלעגען.

— הערט נור, — האָט שלימילאָוו געפרעגט — ווי וואָלט זיין, ווען איך זאָל וועלען האָבען מיינע געדיכטע?

— ווי הייסט אייערע געדיכטע? — האָט דער פעדלער אָנגעקוקט דעם שרייבער — אייערע גאָר? — דערווייל איז דאָס מיינע.

און דער איד פון יאָנקערס איז צוגעגאַנגען צום חדר, אין וועלכען עס איז געשטאַנען די באַרעל מיט שלימילאָוו'ס געדיכטע און ער האָט גוט און פעסט צוגעמאַכט די טהיר פון צימער.

שלימילאָוו'ן האָט אָבגעגעבען ווי מיט קאַלטע וואַסער.

— אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס? — האָט דער שרייבער געפרעגט צורייצט, אָבער אָבהענדיג.

— ניט אייער באָבע'ס דאגות... — האָט דער פעדלער קאַלט און כמעט גראָב געענטפערט. און ווענדענדיג זיך צו זיין פרוי האָט ער מוסיף געווען:

— שיינע, גיב דינער צום טיש.

— זיצט, מיסטער. — האָט דעם פעדלער'ס פרוי אָנגעצייגט דעם דיכטער אויף אַ שטוהל און די אידענע האָט גענומען גרייטען דעם טיש.

שלימילאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט אַזוי ווי אין געהאַקטע וואונדען.

דער פעדלער האָט זיך געזעצט צום טיש עסען דינער האָט גענומען רעדען מיט זיין ווייב וועגען אייגענע ביזנעס און די ניט־איבריגס

גאַסטפּריינדליכע לייטע האָבען עפּעס אַזוי ווי אין גאַנצען פערגעסען אַז עס איז דאָ נאָך אַ מענש אין הויז.

שלימילאָוו איז געווען אַ דיכטער אַ פאַנטאַזיאָר דאָך האָט ער פערשטאַנען אַז דער פעדלער מיינט דאָ ביזנעס, אַז ער וועט מוזען זיינע געדיכטע קויפען פאַר קעש, און ער האָט מיט צובראָכען געמיטה געזאָגט:

— און ווי איז, מיסטער, ווען איך זאָל וועלען ביי אייך אָבקויפען מיינע שריפטען.

— די גאַנצע באַרעל? — האָט דער פעדלער שטרענג אַ פרעג געטהאָן — די גאַנצע באַרעל?!!

און דעם פעדלער'ס קול האָט אַזוי געקלונגען, עפּעס אַזוי ווי די „גאַנצע באַרעל" וואָלט געווען אַ צו טהייערער ביסען.

שלימילאָוו האָט עס פערשטאַנען, און ער האָט צורייצט געענט־פערט:

— ווער דאַרף דאָס די גאַנצע באַרעל? משוגע בין איך?

— וויפיעל דען?

— ביז אַ פופציג, זעכציג געדיכטע. — האָט געענטפערט דער שרייבער. און שלימילאָוו האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט, ווייל לויט דעם פּאַבלישערס רייד, איז דאָס געווען די צאָהל געדיכטע, וועלכע עס האָט זיך פערלאַנגט צום אַרויסגעבען אַ בוך.

— אַ מאַן איז דאָ געווען פאַר־אַ־יאָהרען, — האָט דער פעדלער געענטפערט — געקויפט ביי מיר דרייסיג שטיקלעך פון אַ ראָמאַן, האָט ער מיר בעצאָהלט טהייערע געלד.

שלימילאָוו האָט שוין געזעהען, אַז דאָס גיט מען איהם אָנצוהערען, אַז ער וועט אויך דאַרפען בעצאָהלען „טהייער געלד", און דעם אָרימען דיכטער איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

אַ ווײלע איז שלימילאָוו געבליעבען זיצען שטיל, און אין דער צייט וואָס דער מאַן איז געזעסען שווייגענדיג, איז אין זיין נשמה פאָרגעקומען אַן ענדערונג: אונטער דעם דרינגענדען דרוק פון די אומשטענדען, איז פון שלימילאָוו'ן אַרויסגעקראָכען דער דיכטער, און אויף זיין אָרט האָט זיך אַריינגעקליבען אַ שטיקעל ביזנעס־מאַן, און דער ביזנעס־מאַן האָט גענומען רעדען, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ ביזנעס־מאַן:

— פאַר וואָס קומט דאָ טהייערע געלד, פאַר שטיקלעך אַלטע פּאַפּיער?

— זעהט איהר דאָך אַז מען גיט. — האָט דער פּעדלער געענט־פערט קורץ און שאַרף.

— מיינט איהר שוין, אַז עס האָט זיך געפונען איין נאַר, וועלען זיך געפינען נאָך נאַראָנים? — זאָגט שלימילאָוו.

— איך וועל קיינעם ניט שיקען רופען, — האָט דער פּעדלער געענטפערט — נור ווען עס קומט איינער און וויל קויפען סחורה, דאַרף מען בעצאָהלען.

— אַלטע געדיכטע רופט איהר אָן סחורה? — האָט שלימילאָוו געפרעגט, עפּעס אַזוי אָבלאַכענר.

— שור איז דאָס סחורה, — האָט דער פּעדלער פערטהיידיגט זיין שטאַנדפּונקט — אַ געדיכט איז אַ פיינע זאַך. איך אַליין לעז אָן אַנדערם מאָל אַ געדיכט.

שלימילאָוו'ן האָט אייגענטליך שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס דער פּעדלער דריקט זיך אַזוי אוים וועגען געדיכטע; אַלס געשעפטסמאַן האָט ער אָבער זיינע געפיהלען פערבאָרגען און ער האָט געזאָגט:

— מאַכט זיך ניט נאַריש, אַ געדיכט וויל היינטיגע צייטען קיינער אין די אויגען ניט אָנקוקען. אויף אַ ראָמאַן קען זיך אָברייסען אַ משוגענער בעלן, אָבער ניט אויף געדיכטע; מילא איך? נו, וויל איך האָבען ביי זיך עטליכע פון מיינע אַמאָליגע שריפטען, אָבער פאַר אַ צווייטען איז דאָס קנאַפּע סחורה.

— אַז עס איז ניט קיין סחורה, טאָ לאָזט מיך צופריעדען, מיסטער לעבען. — האָט דער פּעדלער אויף דעם גאַנץ קאַלטבלוטיג געענטפערט.

— הכלל, איז שלימילאָוו אריבער צום ריכטיגען פּונקט — הכלל, איך וויל האָבען פופציג געדיכטע, ווילט איהר מיר פערקויפען?

— אויב עס וועט זיך לוינען... — האָט דער פּעדלער געענטפערט.

— צייגט די סחורה. — האָט דער קאָסטאָמער געזאָגט.

און דער פּעדלער האָט ווידער געעפענט דעם חדר פון דער אידי־שער ליטעראַטור, און דער פערקויפער און דער קאָסטאָמער זיינען ביידע צום באַרעל צוגעטראָטען.

האָט שלימילאָוו דערזעהען די געדיכטע זיינע איז ער ווידער געוואָרען בעגייסטערט.

— אַט זיינען מיינע געדיכטעלעך! — האָט דער שרייבער כמעט אויסגעשריען און ער האָט מיט האסט גענומען שלעפּען דאָס פּאַפּיער פון בארעל.

— איילט זיך ניט, מיסטער! — האָט דער פּעדלער אָבגעשטעלט דעם בעגייסטערטען דיכטער — איילט זיך ניט, מיסטער לעבען, און ריהעט זיך ניט מיט אייערע הענד.

— פאַר וואָס? — האָט שלימילאָוו געפרעגט אונגעדולדיג — מיינע געדיכטע מעג איך דאָך אויסקלייבען.

— ניין, איהר מעגט ניט, — האָט דער פּעדלער געענטפערט — אויסקלייבען וועל איך.

— איהר וועט אויסקלייבען מיינע געדיכטע? — האָט שלימילאָוו גענומען זיך קאָכען — וואָס ווייסט איהר, וואָס פערשטעהט איהר אין מיין שרייבען?

— ששש! קאָכט זיך ניט אזוי, מיסטער — האָט דער פּעדלער בערוהיגט דעם אויפגערעגטען שרייבער — ווען איהר ווילט ניט, קענט איהר געהן אהיים.

— אָבער לאָזט מיך צוריהרען זיך — האָט זיך שלימילאָוו גענומען בעטען כמעט מיט טרערען אין די אויגען. נור דער פּעדלער איז פערבליעבען קאַלט ווי אייז, און ער האָט געזאָגט:

— איהר ווייסט דאָ גאָר ניט; אין בארעל איז דאָ אַלעס אויסגעלעגט אין אָרדנונג, לאָזט מיך נור וועט שוין אַלעס זיין אָלל־רייט.

דער פּעדלער האָט אַרויסגענומען אַ באַנדעלע צושניטענע און אויסגעלעגטע פּאַפּיער, צולעגט די סחורה אויפ׳ן טיש, אָנגעטהאָן אויפ׳ן נאָז זיינע ברילען, און גענומען פונאַנדערנעהמען דעם באַנדעל. אַט נעהמט ער אַרויס אַ פּאַפּיער, קוקט אין דעם אַריין און טהוט אַ זאָג:

— אוי, אַ וואוילע זאַך! פיין... אַי פיין! ווערטה גאָלד.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט נייגיעריג שלימילאָוו.

— אייערס אַ געדיכט. — מאַכט דער פּעדלער.

— איך וויים. אָבער ווי הייסט עס? — פרעגט שלימילאָוו.

— „מיינע קינדערשע יאָהרען“. — ענטפערט דער פּעדלער. וועט איהר דאָס נעהמען?

— אָלל ראַיט! — זאָגט שלימילאָוו.

דער פּעדלער דערלאַנגט דעם שרייבער זיין געדיכט; שלימילאָוו

קוקט אַריין אין זיינע „קינדערשע יאָהרען“... זיינע אויגען נעהמען פינקלען, זיין פּנים נעהמט פלאַמען, און דער פּעדלער קוקט זיך צו און ער איז אויך צופריעדען.

— איהר זעהט, איך בין אַ מבין, — טהוט זיך אַ זאָג דער רעגנס־פּעדלער — אַ טהייערע שטיקעל סחורה. עס איז פאַר עני־וואָן ווערטה דאָס געלד.

דאָס וואָרט „געלד“ ווירקט ווי אַ צויבער אויף שלימילאָוו'ען, אין איין מינוט ווערט ער אויס דיכטער; די זעלבסט־ליעבע פון דעם שרייבער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זיינע אייגענע שריפטען, דיעזער בלינדער און שטאַרקער געפיהל איז פּלוצלונג ווי אָבגעשטאָרבען ביי שלימילאָוו'ען. ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אין גאַנצען פערגעסען אַז עס האַנדעלט זיך וועגען זיינע אייגענע געדיכטע. פאַר איהם איז געלעגען סחורה צום האַנדלען און ער האָט אויך די סחורה געקוקט מיט די אויגען פון אַ הענדלער, וועלכער דאַרף געלד צאָהלען, און וועלכער וויל זיך ניט נאַרען און וויל קריגען זיין „מאָנים וואָירטה“.

שלימילאָוו האָט נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט אין זיין געדיכט, און עס דורכגעלעזען גאַנץ אויפמערקזאַם.

— אַ שמאַטע! — האָט אַ זאָג געטהאָן שלימילאָוו — דאָס איז ניט קיין געדיכט, עס איז אַ שמאַטע.

— געהט אַוועק, — האָט דער פּעדלער גענומען אַרגומענטירען — וואָס רעדט איהר? עס איז אַן אבן טוב, יעדער וואָרט צום קושען.

— ניט ווערטה קיין אויסגעבלאָזענע איי, — האָט שלימילאָוו ניט געלאָזט זיך איינשמועסען — וואַסערדיג, טרוקען, עס טויג אין דר'ערד.

נעהמט דער פּעדלער אַרויס נאָך אַ געדיכט פון באַנדעל און נעהמט אין דעם ווייטער אַריינקוקען.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט שלימילאָוו.

— אַ טהייערע שטיקעל סחורה, — ענטפערט דער פּעדלער — עס איז ניט אָבצושאַצען.

— ווי הייסט עס? — פרעגט שלימילאָוו.

— „מיין ערשטע ליעבע“. — ענטפערט דער רעגנס־פּעדלער און ער גיט איבער דאָס געדיכט זיין פערפאַסער.

שלימילאָוו קוקט דורך דאָס געדיכט און וואַרפט עס אָב פון זיך.

— וואָס איז? ניט גוט? — פרעגט דער פּעדלער.

— ניין! — ענטפערט שלימילאָוו — בלאָטע!

— יעדער וואָרט א פערל. — מאַכט דער רעגס־פעדלער.

— וואָס ווייסט איהר? וואָס פערשטעהט איהר? — נעהמט שלימילאָוו קאָכען זיך — איך זאָג אייך עס האָט קיין שום טעם ניט, קיין שום כח ניט... ווער איז מעהר מבין? איך צו איהר?

און אזוי האָבען זיך ארומגעהאַמפּערט דער רעגס־פעדלער מיט דעם דיכטער, ביז דער אייגענטהימער פון שלימילאָוו׳ס שריפטען איז ארויס פון די כלים, האָט געכאַפּט די „סחורה" האָט עס א שמיץ געטהאָן צוריק אין בארעל אריין, און מיט כעס האָט ער אויסגעשריען:

— אזעלכע קאָסטאָמער זיינען פאַר מיר צו קלוג!

און שלימילאָוו האָט געענטפערט אויך מיט כעס:

— און איך וויל פאַר מיין געלד האַנדלען סחורה, און ניט שמאַ־טעס... — און א צורייצטער, א בעליידיגטער איז ער ארויס פון דעם פעדלער׳ס הויז.

דעם דיכטער האָט זיך אָבער דאָך געוואָלט זיינע שירים זאָלען ערשיינען אין א בוך־פאָרם, און ער האָט גוט געוואוסט אז אָהן דעם בארעל אין יאַנקערס קען אזא זאַך ניט געשעהען, און מיט צוויי, דריי וואָכען שפּעטער האָט שלימילאָוו אָנגעטהאָן אויף זיך די טויבע היטעל און האָט זיך מיט א צובראָכענעם הארצען נאָך אמאָל אוועקגעלאָזען נאָך יאַנקערס.

עס איז אָבער געווען צו שפּעט. דער רעגס־פעדלער האָט ערגעץ־וואו ארויסגעמופט, און שלימילאָוו האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט אויסגעפינען דעם נויטיגען אדרעס.

צו דערזעלבער צייט האָט דער פּאָבלישער, וועלכער האָט געהאַט בדעה ארויסצוגעבען שלימילאָוו׳ס געדיכטע, גענומען זיך פאַר דער ארויסגאַבע פון אַן אנדער ווערק און ער האָט וועגען אונזער דיכטער אין גאַנצען פערגעסען...

און שלימילאָוו׳ס שריפטען איז ניט באַשערט געווען צו זעהען די ליכטיגע וועלט...

אַ מאָדנער חלום

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— קאָם אין! — האָב איך געענטפערט. און עס איז אַריינ־געקומען די מיסעס שנייערסאָן, מיינע אַ „נעקסט־דאָריגע" שכנה.

די מיסעס שנייערסאָן איז אַן אַלמנה. מיט צוויי יאהר צוריק איז איהר מאַן, מיסטער שנייערסאָן, אַן אָפּרייטאָר ביי פּאַר, געשטאָר־בען, און ער האָט זי איבערגעלאָזען מיט צוויי קליינע יתומים'לעך. די מיסעס שנייערסאָן מאַכט אַ לעבען פון דעם וואָס זי וואַשט וועש פאַר פּרעמדע און האַלט באָרדערס. אַבער ניט דאָס בין איך אויסען.

— וואָס גוטס? — האָב איך געפרעגט די אַריינקומענדע, און איך האָב זי איינגעלאַדען זיצען.

— אַ דאַנק, איך האָב קיין צייט, — האָט די אַלמנה געענטפערט — איך בין געקומען בעטען פון אייך אַ געפעליגקייט.

— וואָס קען איך פאַר אייך טהאָן?

— קומט אַריין אויף אַ פּאָר מינוטען צו מיר. — האָט זי געזאָגט עפּעס מיט אַזאַ מאָדנער געהיימניספאָלער שטימע.

— צו וואָס דאַרפט איהר מיך? — האָב איך נייגיעריג געפרעגט.

— איהר וועט שוין זעהען. — האָט זי געענטפערט.

— אָל־ראַיט, מיר געהען.

ווען איך בין אַריין צו דער מיסעס שנייערסאָן, האָב איך דאָרטען געטראָפען צוויי פאַר מיר אונבעקאַנטע אידען. איינער פון זיי האָט געהאַלטען אָפען אַ ספר און האָט אין איהם געבלעטערט.

— אָט איז דאָס, געפונען! — האָט דער איד געזאָגט — מיר קענען אָנהויבען, און ער האָט אַ קוק געגעבען אויף מיר.

איך האָב ניט געוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און איך האָב געקוקט תמ'עוואַטע אין דער וועלט אַריין.

— נו, לאָמיר אָנפאַנגען! — האָט געזאָגט דער צווייטער איד, און באַלד האָב איך איינגעזעהען אַז איך האָב דאָ געהאַט אויסצופיהרען אַ מיסיאָן, צו פּותר חלום זיין דער מיסעס שנייערסאָן.

ווען דער פּותר חלום זיין איז געווען געענדיגט, האָבען די צוויי

אידען גערעדט א ווײלע װעגען ביזנעס־אנגעלעגענהייטען, און נאָך זייער געשפּרעך נאָך האָב איך געדרונגען, אַז זיי זיינען ביידע פּעדלער. אבער דאָס איז ניט שייך צום ענין.

ווען די אידען זיינען אוועק, בין איך געבליבען אליין מיט דער מיסעס שנייערסאָן, און אויס רײנער נייגיעריגקייט האָב איך זי גענומען פאַנאַנדערפרעגען איהר חלום, וועלכען איך האָב געהאָלפען פּותר זיין.

א ווײלע האָט זי צוגעקווײנקעלט, נאָכדעם האָט זי גענומען דער־צעהלען:

— איהר ווייסט דאָך, אַז מיט א פּאָאר וואָכען צוריק איז געשטאָרבען אונזער לענדלאָרד... — האָט די מיסעס שנייערסאָן אָנ־געפאַנגען.

— איך ווייס. — האָב איך געענטפערט.

— און דאָס ווייסט איהר, אַז ווען מיין מאַן, אונז צו לאַנגע יאהר, האָט געלעבט, האָט ער בעלאַנגט מיט אונזער לענדלאָרד צו איין חברה?

— דאָס ווייס איך נים. — האָב איך געענטפערט.

— און דאָס ווייסט איהר, אַז דעם לענדלאָרד האָט מען יעצט בעערדיגט אויף דעם אייגענעם בית־עולם וואָס מיין מאַן ליעגט און טאַקע א קבר נעבען א קבר?

— דאָס ווייס איך אויך ניט. — האָב איך געענטפערט.

— איז שוין פיער נעכט אַז איך זעה דעם זעלבען חלום, — האָט די מיסעס שנייערסאָן ווייטער גערעדט — די ערשטע נאַכט האָב איך זיך אויסגעלאַכט; די צווייטע נאַכט אויסגעשפּיט; די דריטע נאַכט איז מיר געוואָרען עפּעס מאָדנע — דער זעלבער חלום.... וואָרט אין וואָרט דערזעלבער... נעכטען איז געווען די פיערטע נאַכט. איך האָב זיך דערשראָקען, און איך האָב גערעכענט, אַז עס איז בעסער מען זאָל פּותר חלום זיין. ווי זאָגט איהר, איז ניט כדאי געווען?

— אַז איך ווייס ניט אייער חלום, — האָב איך ערנסט געזאָגט — ווי אַזוי קען איך וויסען אויב עס איז געווען כדאי אָדער ניט.

— טאַ הערט־זשע, — איז די מיסעס שנייערסאָן ענדליך אריבער צום חלום — טאַ הערט־זשע: קומט מיר מיין מאַן צו חלום... און איך זעה איהם עפּעס ווי א לעבעדיגען... „גאָסיע, מאַכט ער צו מיר, „זאָלסט זעהן מיך ארויסנעהמען פון קבר. זייט מען האָט מקבר געווען

נעבען מיר אונזער לענדלארד, האב איך קיין מנוחה ניט. עטליכע מאל א טאג קומט ער צו מיר אין קבר און בעט ביי מיר רענט!"

איך האב אויסגעשאסען מיט א געלעכטער.

— איך לאכט זיך, — האט די מיסעס שנייערסאן א קוק געגעבען אויף מיר מיט פארוואורף — די ערשטע נאכט האב איך אויך געלאכט; אבער אז ער קומט צו מיר נאכט אין נאכט... און אלץ דאס זעלביגע... נעכטען, ווי איך האב נור צוגעמאכט די אויגען, מיין מאן איז דא... שטעהט נעבען מיר און קוקט אזוי רחמנות׳דיג: „האב רחמנות, גאסיע, זאגט ער ווייטער דאס זעלביגע, „האב רחמנות, זעה מען זאל אונז שיידען, אדער מיך זאל מען אוועקנעהמען אין אן אנדער קבר אדער דעם לענדלארד, איך האב פון איהם קיין מנוחה ניט. מיר איז דער קבר געווארען ניט ניחה... רענט און רענט, רייסט ער פון מיר שטיקער. צוואנציג מאל א טאג קומט ער צו מיר אין קבר און גוואלדעוועט: „רענט". האב רחמנות, גאסיע, טהו אין דער זאך... דו ווייסט גוט, מאכט ער צו מיר אזוי ווי א לעבעדיגער, אז איך האב זיך געניג אנגעמאטערט מיט די רענט בשעת׳ן לעבען. פארוואס קומט עס מיר, אז אין קבר זאל איך האבען ווייטער צרות פון רענט... צוויי יאהר בין איך געלעגען רוהיג ווי א פריץ, איך האב זיך שוין אין גאנצען פערגעסען אן דעם לענדלארד און די רענט צאהלען — מיט אמאל איך זעה ער איז דא..."

און מיין מאן רעדט עפעס אזוי ווי ער וואלט געלעבט, און ער קוקט אויף מיר אזוי רחמנות׳דיג, און נאכדעם דערצעהלט ער מיך ווייטער:

„גאסיע, די ווערים וואס עסען מיך, זיינען זיך צולאפען פון קבר פאר שרעק, ווען זיי האבען דערזעהען דעם לענדלארד. אבער מיך ארט ניט אז ווערים זאלען מיך עסען, אבי זיי מיך מציל פון דעם לענדלארד... דער וועהטאג פון זיין רייסען רענט איז אזוי שווער, אז דער עסען פון די ווערים איז אין פערגלייכען א גוטער פיקניק." — און אט אזוי נאכט אין נאכט זעה איך דעם זעלבען חלום.

— נו, וואס דענקט איהר צו טהאן? — האב איך געפרעגט די אלמנה.

— נו, איך האב דאך פותר חלום געווען. וואס קען איך נאך טהאן?

— און ווי אַז ער וועט ווייטער קומען?

— בייסט זיך אָב די צונג... — האָט די מיסעס שנייערסאָן שנעל איבערגעשלאָגען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר, שטאַרק, עפּעס ווי מיט רציחה, און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, איז אַריינגעקומען די לענד־לידי, די אַלמנה פון דעם פערשטאָרבענעם לענדלאָרד.

די מיסעס שנייערסאָן איז בלאַס געוואָרען. איך האָב גלייך פער־שטאַנען אין וואָס פאַר אַ פערהעלטניס דיעזע צוויי אַלמנות געפינען זיך, און איך האָב שטיל און טרויעריג פערלאָזען דעם צימער.

א מאָדנער חלום!...

מיין ערשטע טרייסט אין ניו יאָרק

דאָס איז געווען מיין ערשטע נחמה אין ניו יאָרק...

א גרינער בין איך נאָך דאַן געווען, ערשט זעקס וואָכען אין לאַנד, נור צרות האָב איך שוין געהאַט גענוג.

איך האָב שוין פאַר די עטליכע וואָכען געביטען ביז צוועלף טריידס; אויף מאָרגען נאָך מיין קומען נאָך ניו יאָרק האָב איך געקראָגען א דזשאָב ביי א ציטונגס־סטענד, עס האָט זיך אבער ארויסגעציינט אז איך בין שוואַך אויף די הענד — איך קען ניט אויפהויבען קיין באַנדעל ציטונגען מיט מיינע ידים, האָב איך געקראָגען די סעק.

בין איך אוועק אין א שאַפּ צו העמדלעך. א אידישער סוועטער האָט מיך אריינגענומען צו דער לעהרע אומזיסט. איך האָב נור געדאַרפט ארבייטען אכט וואָכען אָהן געצאָהלט. דער סוועטער האָט אָבער בעמערקט אז איך בין שוואַך אויף די פיס און קוים וואָס איך בעוועג דעם ראָד פון מאַשין, האָט מען מיך אוועקגעשיקט.

האָט זיך מיר געמאַכט א בעקאַנטער פּיינטער, וועלכער האָט מיר געגעבען א בראַש אין די הענד און געהייסען „שמירען". האָט זיך אָבער ארויסגעציינט, אז איך בין שוואַך אויפ'ן רוקען, עס הייבט מיך אָן צו ברעכען דער רוקען פון דער ארבייט, און איך האָב געמוזט אויך די בראַש אָבגעבען.

מבינים וועלכע האָבען געזעהען אז איך בין צו גאָר ניט פעהיג, האָבען מיך געראַטהען איך זאָל פּרובירען ווערען א שרייבער אין אידיש. האָב איך דאָס געטהאָן. האָט זיך ארויסגעציינט אז פון שרייבען קען מען קיין לעבען ניט מאַכען, ווייל צו יענער צייט האָט מען פאַר דעם אידישען שרייבען נור געצאָהלט מיט קריטיק.

בקיצור, איך בין געווען אויף גרויסע צרות. אויף מיין לאַדזשי בין איך שוין געווען שולדיג ממון קורח: פאַר א מאָנאַט רענט, פאַר זיעבען סאַפּערס און זעקס סענט קעש. מיינע לאַדזשי בעל הבתים זיינען גראָדע געווען זעהר פיינע, בראַווע מענשען, אָבער שרעקליכע אביונים און אָט דער טאָג, ווען איך האָב בעקומען מיין ערשטע טרייסט אין ניו יאָרק, איז דאָס געווען דער דריטער טאָג וואָס מיין לאַדזשי־מיסעס האָט זיך בעהאַלטען פון דעם לענדלאָרד אויפ'ן רוף.

עס איז געווען א זומער אבענד, די טראַטואַרען זיינען געווען געדיכט פון מענשען, וועלכע האָבען געשטראָמט פון דער ארבייט.

איך בין אויך געגאַנגען איבער'ן טראַטואר, און אויסגעמישט זיך אין דעם געדיכטען שטראָם פון מענשען... און איך געדענק, איך האָב די אַלע מענשען אזוי מקנא געווען... איך האָב געוואוסט, אז זיי געהען דאָס פון דער ארבייט... אז זיי האָבען עפּעס פערדיענט — און איך האָב זיי מקנא געווען. איך האָב פּאָר זיך געזעהען פערפינסטערטע, שרעקליך אויסגעמאַטערטע פּנים'ער און איך האָב געטראַכט, דאָס קומט פון דער ארבייט — און איך האָב זיי מקנא געווען. מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אז אַלע האָבען עפּעס א שטיקעל שייכות מיט ניו יאָרק... זיי האָבען זיך שוין צו עפּעס צוגעשלאָגען... עס איז שוין זייער שטאָדט, ווערענד איך בין דאָ פרעמד, שרעקליך פרעמד — און איך בין זיי מקנא געווען. איך האָב געהערט ווי פיעלע פון די פוס־געהער, וועלכע האָבען געהאַט אידישע געזיכטער, האָבען ענגליש גערעדט, און איך האָב זיי ווידער מקנא געווען. און מיר איז אזוי געווען שווער מיין גרינקייט, און מיר האָט זיך אזוי געוואָלט זיין אין ניו יאָרק א תושב... און אזוי ציהענדיג זיך אין דעם שטראָם מענשען, האָט זיך מיר געגומען דאַכטען אז איך בין איינער פון זיי, אז איך געה דאָס אויך פון דער ארבייט, אז איך האָב שוין אויך זייער פינסטערען פּנים. אייניגע האָבען זיך דערווייל גענומען פערקעהרען אין זייטיגע סטריטען און דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן א היים...

מיר איז געוואָרען שווער אויפ'ן הארצען. אין מיין „היים" איז מיר געווען ניט ניחה צו קומען, און הונגעריג בין איך אויך געווען. אוי, ווי הונגעריג!

דאַן האָב איך זיך דערמאָנט, אז מיט א יאהר פיער, פינף צוריק האָב איך אויך געוואָלט פאָהרען נאָך אמעריקא, און מיך האָט גענומען שטאַרק פערדריסען, וואָס איך בין דאַן ניט געפאָהרען...

„יעצט וואָלט איך שוין לאַנג אויסגעגרינט זיך." האָב איך געטראַכט, און איך האָב געפיהלט ווי א שמערצליכער פערדרוס עסט און עסט מיין הארץ. „יעצט וואָלט איך שוין געווען א „מענש" גליך מיט אַלעמען... איך וואָלט שוין באמת געווען איינער פון דער יעצטי־טיגער שטראָמענדער מאַסע מענשען.

איינער האָט מיר אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע. איך האָב זיך אומגעקוקט.

— דרייזין! — האָב איך אויסגעשריען מיט פרייד — אוי, דרייזין!

דרייזין איז געווען ניט מעהר ווי מיינער אַ לאַנדסמאַן. ווען איך וואָלט בעגעגענט דעם זעלבען דרייזינען ביי אונז אין הארקע, וואָל־טען מיר געוויס איינער אויף דעם צווייטען ניט אַ קוק געטהאָן... נור דאָ האָב איך זיך עפּעס אַזוי דערפרעהט ווען איך האָב בעגעגענט דיזען לאַנדסמאַן מיינעם.

ווער עס וויים דעם שווערען געפיהל פון עלענר, וועלכער דריקט ווי מיט צוואַנגען דעם „גרינעם'ס" הארץ, יענער וועט זיך ניט וואונדערן ווארום איך האָב זיך אַזוי דערפרעהט מיט אַ לאַנדסמאַן.

דרייזין, ווי עס האָט אויסגעקוקט, האָט זיך מיט מיר אויך זעהר דערפרעהט, כאָטש ער איז שוין געווען ווייט ניט קיין גרינער אין ניו יאָרק. ער, ווי איך האָב געוואוסט, האָט בעדאַרפט זיין שוין אַ יאהר צוועלף, דרייצעהן אין ניו יאָרק.

— ווען זייט איהר דאָס געקומען? — פרעגט ביי מיר דרייזין.

— אַ וואָכען זעקס. — ענטפער איך.

מיר קוקען זיך אַ ווײַלע אָן זעהר נייגיעריג.

איך זעה אַז זיין פּנים איז נישט־קשה'דיג פינסטער, רעכען איך אַז ער געהט פון שאפּ, און איך פרעג:

— פון וואַנען איז דאָס? פון דער ארבייט?

— ניין, — ענטפערט דרייזין — איך וועל שוין באַלד פערגעסען די צייט, ווען איך האָב געאַרבייט.

געוואוסט האָב איך שוין, אַז דער פּנים קען פערפינסטערט ווערען אויך פון ניט־ארבייטען; מיין אייגענע פּערזאָן איז מיר געווען אַ גוטער ביישפּיעל; פונדעסטוועגען האָט זיך מיר עפּעס ניט געלעגט אויפ'ן זינען אַז אַ מענש, וועלכער איז אין ניו יאָרק שוין אַזוי לאַנג, זאָל האָבען צרות. און איך האָב גערעכענט אַז מיין לאַנדסמאַנ'ס פּנים איז אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אריין, פינסטער. קוק איך אָן דרייזינען נאָך אַלץ מיט שמחה.

— און ווי געהט עס עפּעס אייך? — פרעגט מיך מיין לאַנדס־מאַן — ארבייט איהר?

— ניין.

— פון וואנען־זשע געהט איהר דאָס?

געוואָלט האָב איך ענטפערן, אז אַ מענש, וועלכער האָט ניט וואו צו זיצען און ניט וואו צו ליעגען מוז אומגעהען אין ניו יאָרק. איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט, און געענטפערט:

— אַט גאָר נישט, מען געהט.

— מאַכט איהר אַ לעבען? — פרעגט מיך מיין לאַנדסמאַן ווייטער. און דאָ האָט מיר גאָט געגעבען דעם לשון און איך האָב אַביסעל גענומען טענה'ן. אלץ, אלץ האָב איך אויסגערעדט, מיין גאַנץ ביטער הארץ, און איך האָב דערצעהלט ווי איך פּלאָג זיך, ווי עס איז מיר פינסטער און ביטער.

— וואָס זאָל מען טהאָן? — האָט מיך גענומען מיין לאַנדסמאַן טרייסטען — ווען מען איז אַ גרינער מוז מען ליידען. יעדער מוז דאָס דורכמאַכען. מיט אַ יאהר דרייצעהן צוריק, ווען איך בין אַהער אריבער, האָב איך זיך זעהר, זעהר געפּלאָגט... איך האָב טעג ניט געגעסען, נעכט ניט געשלאָפען... איך בין געוועזען ביי זיך אַזוי געפאַלען, אז איך האָב געוואָלט זיך נעהמען דאָס לעבען...

— אוי, בין איך אייך מקנא! — מאַך איך צו מיין לאַנדסמאַן.

— וואָס זייט איהר מיך אַזוי מקנא? — קוקט מיך אָן דרייזין מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

— אַט וואָס איהר האָט שוין דאָס לאַנג דורכגעמאַכט...

— און וואָס איז יעצט, מיינט איהר? — זאָגט צו מיר דרייזין.

— וואָס איז יעצט? — פרעג איך איבער.

— יעצט איז די אייגענע גרויסע צרות... אַט ליעגט ביי מיר אַ מוף־צעטעל דעם צווייטען טאָג... איך לויף ארום ווי אַ פער'סם'טע מויז... איך מוז קריעגען אַ פּאָר דאָלאר, ווען ניט וועל איך מאָרגען מיט מיינע קינדערלעך ליעגען אין סטריט...

— אוי, וואָס רעדט איהר?! — האָט זיך מיר ארויסגעריסען אַ שווערער זיפץ פון דער סאַמע טיעפּענים פון מיין הארצען.

— אַזוי איז דאָס... נו, האָט אייך אַ גוטען... און פאַלט ביי זיך ניט אראָב, איהר וועט זיך אויסגרינען! — האָט דרייזין שנעל געזאָגט און איז אַנטלאָפען אין זיין וועג...

„איך וועל אויך אין דרייצעהן יאהר ארום ארומלויפען ווי אַ פער־

סם'טע מויז צו דערקאַזשען אַ פּאָר דאָלאַר צו ראַטעווען זיך פון אַ „מוף־צעטעל"... — האָב איך אליין צוגעגעבן צו מיין לאַנדסמאַנ'ס טרייסטענדע, פריינדליכע ווערטער. און מיר איז געוואָרען נאָך טויזענד מאָל שווערער אויפ'ן הארצען.

און דאָס איז געווען מיין ערשטע טרייסט אין ניו יאָרק...

באַלד, באַלד

— רבה׳ניו, — טהוט א זאָג פּאַטאַשען צו זיין פרוי — רבה׳ניו, זעה נור וואָס שטויב עס טהוט זיך אָב אביסעל אויף די שטוהלען.

— מיינע דאגות... — ענטפערט זיך אָב געלאַסען פּאַטאַשען׳ס פרוי.

פּאַטאַשען בעטראַכט די מעבעל און רעדט מיט ערגערנים:

— אַזאַ שעהנער ביכער־שראַנק, עס נעהמט דאָך אָב אַן אויג, ווען מען טהוט א בליק אויף דעם, איז דאָס אָבער בעשמירט מיט בלאָטע ווי דאָס איז גרויס. זעה נור, זעהר נור ווי דאָס גלאָז איז ברודיג, זעה נור וואָס פאר א שטויב, עס דאַכט זיך אוים אַז דער ביכער־שראַנק איז שוין הונדערט יאהר אַלט.

רבקה ווארפט א בליק אויף דעם ביכער־שראַנק, אָבער זי ענטפערט גאָר ניט.

— און דער סייד־באָרד — רעדט ווייטער פּאַטאַשען — אָבגעלאָזען, ניט פערפּוצט, אָנגעוואָרפען, אָנגעשליידערט, פערשטויבט. שטויב, דאָס עסט דאָך אויף דאָס מעבעל, ווייסטו כאָטש פון דעם, רבקה? — ווארפט פּאַטאַשען א פאָרוואורפס־בליק אויף זיין פרוי.

רבקה ענטפערט גאָר ניט, עפּעס אַזוי ווי דער גאַנצער ענין וואָלט גאָר מיט איהר קיין שום שייכות ניט געהאַט.

— היינט דער טיש! — ערגערט זיך פּאַטאַשען — קוק אָן א טיש! עס איז גאָר א האָר ניט צו דערקענען אַז דער טיש איז אַן אמת׳ער א גוטער פון ריינעם „אָאַק“; א טיש פון דרייסיג דאָלאַר קוקט ביי דיר אוים ווי א סעקאָנד־הענדיגע שמאַטע פון א צוויי דאָלאַר. היינט דער לאָנדזש, זעה נור וואָס עס טהוט זיך אָב מיסט אין די פאַל־טען פון דעם לעדער.

רבקה געהט צו צום לאָנדזש, בעטראַכט גאַנץ אויפמערקזאַם די פערשטויבטע פאַלטען פון דעם לעדער; איהר פּנים בעדעקט זיך מיט א וואָלקען, זי רעדט אָבער קיין איין וואָרט ניט אוים און שווייגענדיג טרעט זי אָב פון׳ם לאָנדזש, פּונקט אַזוי ווי זי איז שווייגענדיג צוגעגאַנגען.

— ווען דו וואָלסט אָבער יעדען טאָג אַרומווישען דאָס מעבעל מיט אַ נאַס טיכעל, וואָלט דאָך דאָס גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט! — נעהמט פּאַטאַשען מוסר'ן זיין פרוי — עס וואָלט דאָך געווען אויף יעדער ברעקעלע אַ פּערגעניגען אַ בליק צו טהאָן, און אַזוי ווערט דאָס אַלעס רואינירט.

— זאָל רואינירט ווערען! — טהוט רבקה אַ מאַך מיט'ן האַנד אויף דעם גאַנצען עסק.

— וואָס איז מיט דיר? — קוקט אָן פּאַטאַשען פערוואונדערט זיין גלייכגילטיגע פרוי — וואָס איז מיט דיר געוואָרען? אַ מאָל, ווען ביי אונז אין הויז איז געשטאַנען אַ פּאָר שמאָכטעס אַנשטאַט פּאַרניטשור: אַ פּאָר אַלטע שטוהלען, אַ צובראָכענער טיש, אַ צופּיצעל־טע ביוראָ און אַ דיוואַן פון וועלכען עס איז שטיקערווייז געפאַלען, ביזטו געווען מעהר בעל־הבית'טע ווי יעצט, פלעגסט שטענדיג האַלטען די שמאַטעס אין איין פּוצען, אין איין רייניגען; אימער אויפּפּאַסען אויף דעם, עפּעס אַזוי ווי יעדע שמאַטקע וואָלט געווען אַן אבן טוב... און יעצט, ווען דאָס הויז איז אַזוי שעהן אויסגעפּאַרנישט, און יעדער ברעקעלע מעבעל קאָסט אָב גאָלד, גיסטו ניט אַ קוק אפילו אויף דעם...

— יעס, — ענטפערט רבקה מיט הארץ — יעס, און ווייסטו וואָרום דאָס איז אַזוי?

— וואָרום? אדרבה, וואָרום? — פרעגט פּאַטאַשען.

— ווייל די פּאָר שמאַטקעס זיינען דאַן געווען אונזערע, מיינס אָן אייגענס, — פלאַצט אַרויס רבקה מיט איהר ביטער הארץ — אַלץ וואָס עס איז אין הויז געווען איז מיינס געווען, איז דאָס מיר טהייער געווען... און יעצט איז דאָס ניט מיינס... פרעמדע זאַכען... פאַר פרעמדע קעהר איך ניט... עס איז מיר ניט ניחה אויף דעם אַ קוק צו טהאָן.

די פּאַטאַשענס האָבען זייער גוטע פּאַרניטשור אויף אויסצאָהלען גענומען, איז שוין זיעבען חדשים צייט, אַז מען האַלט אין איין צאָהלען און מען דאַרף נאָך צאָהלען, צאָהלען און צאָהלען.

דריי דאָלאַר אַ וואָך האָבען די פּאַטאַשענס צו צאָהלען פאַר זייער מעבעל. די צייטען זיינען שווערע, ביטערע, פּאַטאַשען'ס פערדיענ־סטען זיינען פאַר די שלעכטע צייטען היבש פערקלענערט געוואָרען און אוועקגעבען יעדע וואָך דריי דאָלאַר אין אַ מעבעל־סטאָר, איז פאַר די

פּאַטאַשענס געוואָרען כמעט אַן אונמעגליכקייט...

און צאָהלען מוז מען! די מעבעל־פירמע איז צו איהרע אויס־צאָהלען זעהר סטריקט, דער קאָלעקטאָר קומט וואָך אין וואָך צו דער מינוט, און מען מוז צאָהלען.

פּאַטאַשען און זיין פרוי ווייסען זעהר גוט דעם אינהאַלט פון דעם קאָנטראַקט מיט דער מעבעל־פירמע — אַ שוידערליכער קאָנטראַקט!... זאָלען זיי נור איין מאָל פערפעהלען צו צאָהלען, האָבען זיי ניט מעהר קיין ברעקעל רעכט אויף דעם מעבעל, עס מעג זיך זיין אַז זיי האָבען שוין ווער ווייסט וויפיעל איינגעצאָהלט... אַלעס געהט דאַן פערלאָרען און די פירמע קריעגט די שרעקליכע מאַכט אריינצורייסען זיך צו די פּאַטאַשענס אין הויז און אָהן צערעמאָניעס אַוועקנעהמען די זאַכען...

און פּאַטאַשען און זיין פרוי ציטערען פאַר דיעזען קאָנטראַקט, ציטערען אַזוי ווי פאַר אַ שרפה, אַזוי ווי פאַר אַ שלעכטען שונא, אַזוי ווי פאַר אַ גרויסען אונגליק.

און פּאַטאַשען און פּאַטאַשען׳ס פרוי געפינען זיך אין אַן אייביגען פחד, אַז אַט אַט וועט קומען די שרעקליכע וואָך וואָס מען וועט די דריי־דאָלאַרדיגע ניט קענען צאָהלען, און עס וועט קומען דער גרויסער וואָגען פון מעבעל־סטאָר מיט די אָנגעשטעלטע עקספּרעס־לייט און זיי וועלען צו זיי אין הויז אריין, און מען וועט נעהמען אַוועקשלעפּען דאָס מעבעל.

און יעצט, ווען רבקה האָט אַ זאָג געטהאָן, אַז זי קעהרט ניט פאַר די שעהנע פּאַרניטשור, ווייל עס איז פרעמדע, האָט פּאַטאַשען ביי זיך אין הארצען צוגעגעבען, אַז זיין ווייב האָט רעכט; דעם מאַן האָט זיך אָבער ניט געוואָלט די שטימונג זאָל בלייבען אַזאַ שווערע, אַזאַ טרויעריגע, און ער האָט גענומען טרייסטען זיין פרוי:

— באַלד, באַלד, רבה׳ניו; באַלד וועט זיין אַ ברעג... מיר וועלען אויסצאָהלען, און אַלעס וועט זיין אונזערע.

— ווען באַלד? — האָט רבקה מיט מיספערטרויען אָנגעקוקט איהר מאַן.

— עס וועט אריבערלויפען די צייט!... — האָט פּאַטאַשען זיין פרוי געטרייסט.

— מיר דאַרפען דאָך נאָך צאָהלען און צאָהלען! — האָט אָבער רבקה ניט געלאָזט זיך טרייסטען.

— אַט וועלען מיר זעהען, — ענטפערט אויף דעם פּאַטאַשען,

עפּענט אויף אַ שופלאַד אין סיידבאָרד, נעהמט אַרויס אַ באַרג מיט רעסיטס פון דער מעבעל־פירמע, נעהמט רעכענען וויפיעל מען האָט שוין איינגעצאָהלט און וויפיעל עס בלייבט נאָך צו צאָהלען. עס קומט אויס, אַז מען דאַרף נאָך אויסצאָהלען אַכטציג דאָלאַר. פון דרך שלום וועגען גנב'עט פּאַטאַשען אַרונטער אַ צעהנערעל... ער וואָלט גע'גנב'עט מעהר, האָט ער מורא אַז די ווייב זאָל איהם ניט כאַפּען און ער בענוגענט זיך מיט צעהן דאָלאַר, און ער זאָגט צו זיין פרוי: זיבעציג דאָלאַר, — דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען צו צאָהלען.

— זיבעציג דאָלאַר! — שרייט אויס רבקה — זיבעציג דאָלאַר נאָך, מיר וועלען זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסצאָהלען!

— מיר האָבען שוין פיעל מעהר אויסגעצאָהלט, — טרייסט ווייטער פּאַטאַשען זיין פרוי — זיעבעציג דאָלאַר איז גאָר ניט... מיר וועלען זיך ניט אַרומקוקען און דאָס מעבעל וועט זיין אויסגעצאָהלט.

פון דעם מאַנ'ס גוטע ווערטער ווערט רבקה'ן ענדליך פרייער אויפ'ן האַרצען; דאָס מעבעל קריעגט אין איהרע אויגען עפּעס גאָר אַן אַנדער חן, איהר פּנים שיינט אויף, מיט פליים פּערקאַשערט זי די סליווס, לויפט אין קיך אַריין, גיסט אָן אַ שיסעל וואַרעם וואַסער און נעהמט זיך גלייך מיט אַ נאַס טיכעלע אַרומווישען דאָס מעבעל, און די אַרבייט טהוט זי מיט אַזאַ איבערגעבענהייט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געצערטעלט אַ געטריי קינד...

פּלוצלונג ווערט רבקה אונרוהיג... די לעדער פון אַ שטוהל האָט עפּעס צופיעל איהר אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען.

פּאַטאַשען האָט דאָס גלייך בעמערקט, און ער האָט אונרוהיג געפרעגט:

— וואָס איז, רבקה?

— די גאַנצע לעדער צושפּאַלט זיך. — לאָזט וויסען רבקה.

קוים האָט פּאַטאַשען צייט געהאַט אָנצוקוקען די צושפּאַלטענע לעדער, ווי רבקה האָט ווייטער אויסגעשריען:

— נאַ דיר, אין טיש זיינען די פּיסלעך שוואַך געוואָרען פונקט ווי אין דעם אַלטען טיש, וועלכען מיר האָבען אַרויסגעוואָרפען.

— וואָס רעדסטו, — האָט זיך פּאַטאַשען אַ וואָרף געטהאָן צו אונטערזוכען די פּיסלעך פון דעם טיש. נור קוים איז ער אונטער'ן

טיש ארונטערגעקראכען, ווען רבקה האט געלאזט וויסען וועגען א נייעם בראך:

— דער לאנדזש איז דאך גאר אויס כלי... אויס לאנדזש.

— וואס איז שוין מיט'ן לאנדזש? — האט פאטאשען געפרעגט פון אונטער'ן טיש.

— די לעדער איז צוקראכען, די שפרוזשינעס זיינען שוואך. אט זעהסט? אלעס פאלט איין... אויס לאנדזש, א חורבה!

— וואס טהוט זיך דא? — איז פאטאשען פון אונטער'ן טיש ארויסגעקראכען.

— באלד, באלד, — האט רבקה פערצווייפעלט א מאך געטהאן מיט די הענד — באלד איז אויס פארניטשור. ביז מיר וועלען אויס-צאהלען, וועלען מיר צוריק האבען די אמאליגע שמאטעס.

ביי רבקה'ן איז ארויסגעפאלען פון די הענד דאס טיכעל מיט וועלכער זי האט דאס מעבעל איבערגעווישט, און אזוי האט זי אין מיטען דער ארבייט געלאזען און שווייגענדיג אין קיטשען אוועק.

פאטאשען האט גענומען אונטערזוכען יעדעס שטיק מעבעל בעזונדער, און וואס מעהר ער האט אונטערזוכט, איז ער געווארען אלץ מעהר און מעהר אונרוהיג.

— יא, באלד, באלד... — האט ער שטילערהייט געמורמעלט, און דערביי פארזיכטיג ארומגעקוקט זיך אויב רבקה איז ניט אויף די אויגען.

„די מען ביהיינד"

זאסליק איז ארויסגעגאנגען פון הויז מיט דער אבזיכט צו נעהמען א דריטע עוועניו טריין און א פאָהר טהאָן דאון־טאון.

זאסליק איז א שטיקעל ביזנעסמאן, און ווי עס פאסט זיך פאר א געשעפטסמאן איז ער געגאנגען צום סטיישאן מיט שנעלע האסטיגע טריט, נור ווען ער איז צוגעקומען צו די רעכטע טרעפען פון סטיישאן איז ער פלוצים געבליבען שטעהן פערטראכט, אזוי ווי א ליימענע סטאטוע.

אין ניו יארק גיבען מיט א מענשען פערשיעדענע לאגעס, און עס האט געטראָפען אזוי אז זאסליק האט אין דער טאשע פערמאָגט נור איין ניקעל — דאס איז געווען זיין גאנצער קאפיטאל...

און מיט דעם ניקעל האט זאסליק געמוזט פאָהרען פון הארלעם דאון טאון און נאָכדעם צוריק קומען אהיים.

עס טרעפט גאנץ אָפט, אז זאסליק פערמאָגט אפילו קיין איין פעני ניט, און ביי אזא געלעגענהייט ווען דער מאן דארף זיין דאון־טאון, האָט ער ניט וואָס צו טראכטען און ער לאָזט זיך אוועק צו־פוס. אבער יעצט האט ער יא געהאט א ניקעל און ער האָט זיך פערטראכט — ווי זאל ער טהאָן.

זאל ער יעצט פאָהרען און צוריק פון דאון טאון געהען צו־פוס, אָדער ער זאל יעצט זיך אוועקלאָזען זיך צו־פוס און נאכהער זיין דער פריץ און פאָהרען אין טריין?

ער וועט יעצט געהען צו־פוס, טראכט ביי זיך זאסליק, א גאנצען טאָג איז ער געזעסען אין הויז און גערוהט, ער פיהלט זיך פריש און מונטער און וועט קענען לייכט דורכמאכען די הונדערט בלאָק, וועלכע ער דארף דורכשפרייזען ביז קאנעל סטריט. ווען ער וועט דארפען צוריק פאָהרען אהיים, וועט ער געוויס זיין מיעד, ווייל דאון טאון דארף ער זיין אין פיעלע פלעצער און ער וועט האָבען גענוג אָנצולויפען זיך, וועט ער מסתמא ניט האָבען קיין כח צו געהען און דאס פאָהרען וועט איהם זעהר צונוץ קומען.

זאסליק וויל שוין מאכען דעם ערשטען טריט צו געהען צו־פוס, נור ער בלייבט שטעהן ווי א צוגעשמידטער.

הונדערט בלאָק! עס איז אַ פיינער מהלך! עס דאַרף ביי איהם נעהמען ביי צוויי שטונדען צייט. ווען ער וועט קומען דאון טאַון וועט שוין זיין שפּעט, און עס וועט איהם בלייבען ווענינ צייט צו זיין אין אַלע פּלעצער, אויף וועלכע ער דאַרף זיין, ער וועט אריינפאַלען אין קאַנעל סטריט אַ מיעדער, אַ צובראָכענער און וועט נאָך ניט האָבען קיין כח צו טענדען זיינע ביזנעס.

ניין, ער וועט יעצט פאָהרען.

און צוריק?

ווער ווייס, טראַכט ווייטער זאַסליק, צוריק קען ער גאָר האָבען געלד מיט זיך. ער האָט אָן אויסזיכט היינט צו דאַקאַזען עטליכע דאָלאַר, אייגענטליך פאָהרט ער ווענען דעם. און ווען ער זאָל קיין געלד ניט קריגען, קען זיך איהם גאָר מאַכען צו פאָהרען אהיים מיט אַ קאָמפּאַניע בעקאַנטע אָדער פריינד און קריגען אַ טריט, אַ טיקעט אין באָקס. אזא זאַך פּאַסירט מיט איהם אָפט.

עס טרעפט זעהר זעלטען ווען ער פאָהרט פון דאון־טאַון, זאָל ער פאָהרען „אליין“ אין טריין. דאָס רוב קומט אוים צו פאָהרען מיט בעקאַנטע. אין גוטע צייטען, ווען זאַסליק פיהלט אָן איבּריגע פעני אין פּאָקעט, איז ער ניט קאַרג, און ער טריט גאָר אַ צווייטען, אָן אַנדערס מאָל קומט איהם אוים צו טריטען מיט פינף, זעקס טיקעטס, נור עס מאַכט ניט. האָט נור זאַסליק געלד איז ער אַ דזשענטלמאַן, פערלויפט ער עקסטרא דער גאַנצער קאָמפּאַניע דעם וועג, כאַפּט זיך ארויף דער ערשטער אויף די טרעפּען, לויפט צו אָהן אָן אָטהעם צום באָקס־אָפיס, קויפט די נויטיגע צאָהל טיקעטס, און ווען די איבּריגע פּאַסאַזשירען נעהמען בלומרשט קריכען מיט די הענד אין די פּאָקעטס נאָך ניקעלס צו קויפען טיקעטס, שטעלט זיך אוועק זאַסליק אין אַ טריאומפירענדער פּאָזע, צייגט וואָס ער האָט געקויפט ביים באָקס־אָפיס, וואַרפט אריין די גוטע סחורה צום „טיקעט טשאָפּער“ אין זיין גלעזערנעם קעסטעל אריין, און קאָמפּאַניע געהט איהם נאָך.

פערקעהרט, ווען זאַסליק איז געבראָכען, לויפט ער שוין ניט; ער לאָזט אָן אַנדערען לויפען און לאָזט זיך וואוילגעהן פון אַ צווייטענס האַנד.

ווייס דאָס זאַסליק, און ער טראַכט ווייטער: טאַקע יעצט פאָהרען

און ניט ברעכען די פיס, וואָרום פאַר צוריקפאָהרען דארף ער שטארק ניט זאָרגען.

זאַסליק גיט שוין אַ טראָט אויף די טרעפּלעך, נור ער בלייבט טאַקע ווייטער שטעהן.

ניין, מען קען זיך אויף נסים ניט פערלאָזען, טראַכט ער איבער, ווי פאַלט מען דאָס אריין דאָרן־טאָרן אָהן אַ סענט אין פּאָקעט?

ניט אימער מאַכט זיך קאָמפּאַניע, און אז עס מאַכט זיך יא, איילט זיך קיינער ניט צו זיין דער דזשענטעלמאַן און צו לויפען צום באָקס־אָפּיס דער ערשטער...

זאַסליק האָט שוין ניט איין מאָל בעמערקט אַזאַ געשיכטע... אַט געהט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע צום טריין... מען פערברענגט זעהר לעבעדיג, זעהר לוסטיג, מען לאַכט און מען שמועסט און אַלע זיינען אזוי פערטראָגען אין געשפּרעך, נור ווען מען קומט נעהענטער צום סטיישאַן ווערט עפּעס מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַן איבערבייט. דער עולם הערט אויף צו געהן האַסטיג... עפּעס אַזוי ווי יעדער וואָלט וועלען בלייבען אויף הינטען... דער געשפּרעך ווערט אָבגעשטעלט... דאָס לאַכען ווערט ניט אַזוי שאַרף... קענטיג יעדער פון דער קאָמפּאַניע האָט דורכצומאַכען עפּעס אַזוינס, וואָס ער קען נור פערטרויען זיינע אייגענע געדאַנקען... מיט איין וואָרט, זאַסליק'ען איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זעהען אז אין אַ קאָמפּאַניע, וועלכער עס קומט אויס צו פאָהרען צוזאַמען אין איין טריין, איילט זיך קיינער ניט געהען פאָראויס, און ווען עס געפינט זיך יא אַ דזשענטלמאַן און טריט, קוקט עס אויס גיכער ווי אַ נדבה מיט אַ ריס אין הארצען...

ניין, טראַכט זאַסליק, ער וועט זיך אויף קצבה ניט פערלאָזען. ער וועט טאַקע יעצט געהן צו־פוס, און אַהיים וועט ער פאָהרען, און זיכער פאָהרען.

וויל ער שוין געהן. דערזעהט ער אַ טריין קומט אָן, און דער יצר הרע נעהמט ווייטער ארבייטען.

עפּעס דערפיהלט זאַסליק אַ מיעדקייט אין די פיס. די הונדערט בלאָק ציהען זיך אויס פאַר זיינע אויגען שרעקליך לאַנג... עס ווילט זיך פאָרט פאָהרען...

עס ווילט זיך זיין דאָרן טאָרן וואָס שנעלער. נעהם שלעפּ זיך צו־פוס... נאָ!... ער וועט פאָהרען, ער וועט יעצט פאָהרען, און וועגען

קומען אהיים צוריק, וועט ער צייט האָבען שפּעטער זאָרגען... יעס, ער וועט יעצט פאָהרען.

זאַסליק האָט שוין געוואָלט ארויפגעהן אויף די טרעפּען, ווען ער האָט דערהערט ווי איינער „סיסקעט". ער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט דערזעהען ווי פון ווייטען קומט אָן זיין פריינד, מר. סורקין.

זאַסליק איז א גרויסער קבצן, נור זיין פריינד סורקין איז נאָך א גרעסערער קבצן...

זאַסליק'ען קומט זעהר אָפט אוים צוזאַמען מיט זיין פריינד סורקינ'ען פאָהרען דאַון טאַון, און יעדעס מאָל קויפט זאַסליק צוויי טיקעטס פאַר זיך און פאַר זיין פריינד.

סורקין ווייס דאָס שוין און פּרובירט גאָר ניט קויפען קיין טיקעטס.

און ווען דער אָרעמער זאַסליק האָט יעצט דערזעהען סורקינען, איז איהם גלייך ארויף א געדאַנק, אַז זיין פריינד געהט מיט איהם פאָהרען צוזאַמען, און עס האָט איהם א ריס געטהאָן אין הארצען.

„ווי וועט ער דאָ יעצט טהאָן?" — איז איהם ארויף א פראגע אויף די געדאַנקען — „אריינוואַרפען פאַר זיך אליין א טיקעט און פאַר סורקינען ניט?... עס וואָלט עפּעס אויסקומען אזוי ניט פריינד־ליך... וואָס טהוט מען?..."

און פּלוצלינג קומט ארויף זאַסליק'ען א נייער געדאַנק: היינטיגען מאָל וועט ער לאָזען זיין פריינד סורקין זיין דער „דזשענטלמאַן". ער וועט שוין זעהן אַז סורקינ'ען זאָל אויסקומען פריהער צו געהן אויף די טרעפּ, און סורקין וועט געווים זיין ערדעל גענוג און וועט אריינוואַרפען צוויי טיקעטס אין ניט איינעם, נור פאַר זיך.

סורקין איז צוגעקומען.

— פאָהרסט דאַון טאַון? — פרעגט סורקין.

— יעס. — ענטפערט זאַסליק.

— איך פאָהר אויך. — מאַכט סורקין.

— אָל־ראַיט, לאָמיר פאָהרען צוזאַמען. — ענטפערט זאַסליק.

און זאַסליק און סורקין נעהמען געהען אויף די טרעפּ.

ביי זאַסליק'ען ווערען פּלוצלינג סלאָו די פים און ער בלייבט אהינטער זיין פריינד סורקינ'ען.

זאַסליק זעהט אַז סורקין געהט זיך מיט גאַנץ שנעלע טריט און קוקט זיך גאָר ניט ארום אויף הינטען, קומט איהם גלייך אויפ'ן געדאַנק

אַז זיין פּלאַן איז איהם געלונגען. ער שטעלט זיך שוין פּאַר ווי סורקין קויפט צוויי טיקעטס, וואַרפט אַריין אין באַקס. און ער, זאַסליק, וועט כלומרשט, פון העפליכקייט וועגען, געבען אַן אויסרייד סורקינ׳ען:

— סטייטש, וואָס איז דאָס עפּעס? — וועט ער אַ קוק טהאָן אויף סורקינ׳ען מיט פּאַרוואורף — דו טריטסט גאָר מיט טיקעטס? וועט ער אויך זיין אַ דזשענטלמאַן און דערווייל וועט ער זיין פּער־זאַרגט מיט רייזע־קאָסטען הין און צוריק.

אָט געהט שוין סורקין אויפ׳ן סטיישאַן אַרויף... מיט אַ פּער־שטיקטען אָטהעם געהט איהם זאַסליק נאָך.

און סורקין געהט פאַרביי דעם גוטען פענסטעריל וואו מען לעגט אין ניו יאָרק די ניקעלס אַוועק — און גאָר נישט, ער טהוט זיך ניט אַ ריהר... ביי דעם אָרעמען זאַסליק׳ען פאַלט איין אין האַרצען. זיינע פיס ווערען טאַקע באמת סלאָו.

סורקין געהט פאַרביי דעם טיקעט־טשאַפּער.

— טיקעטס! — גיט אַ ברום דער קערל.

סורקין פאַלט ביי זיך ניט אַראָב, טהוט אַ מאַך שטאָלץ מיט׳ן גראָבען פינגער, צייגט אויף זאַסליק׳ען, טהוט אַזאַג מיט אַ זיכערער שטימע:

— דהי מען ביהאינד וויל פּעי. — און ער געהט זיך מיט פעסטע טריט זיין וועג.

זאַסליק׳ען איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען... אינסטינקטיוו איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטעריל... עס איז אָנגעלאָפען אַ טריין... זאַסליק האָט געכאַפּט אַ טיקעט, וואַרפט אַריין אין באַקס און פליהט צום טריין. שטעלט איהם דער טיקעט־טשאַפּער אָב.

— טיקעט!

און סורקין האָט דערווייל אין איילעניש געכאַפּט די טריין, און געה שריי „חי וקים“.

— טיקעט!

זאַסליק האָט געפּרובירט אַרויפוואַרפען די שולד אויף זיין פריינד סורקינ׳ען.

דער טיקעט־טשאַפּער האָט אָבער פון גאָר נישט געוואָלט וויסען, און דער אָרימער זאַסליק האָט געמוזט אוועקלאָזען זיך דאַון־טאַון צו־פוס.

א מעשה מיט צוויי שטרויענע העטס

אזוי ווי יעדער איינער טראָגט רעטצקין ווינטער א ווינטער־הוט און זומער — א זומער־הוט. נור ווען רעטצקינ'ען קומט אוים צו שיידען זיך מיט זיין זומער־הוט, פיהלט זיך דער מענש שטארק ניט אנגענעהם, און אזוי לאַנג ווי עס איז נור דאָ א מעגליכקייט, הערט ער ניט אויף צו טראָגען אויף זיך זיין שטרויענעם הוט מיט די ברייטע ברעגען.

רעטצקין איז א יונגער מאַן, וועלכער האָט זעהר ליעב געפעלען צו זיין פרויען. נון, האָבען אייניגע פון זיינע בעקאַנטע פרויען אויס־געדריקט זיך אזוי:

— מיסטער רעטצקין, קיין הוט אין דער וועלט פּאַסט זיך צו אייך ניט אזוי שעהן ווי א שטרויענער.

— רעטצקין, א שטרויענער הוט מיט ברייטע ברימס מאַכט אייך אינגער אויף יאָהרען.

— אין א שטרויענעם הוט ווערט איהר שעהן ווי גאָלד.

און רעטצקין האָט זעהר ליעב צו טראָגען זיין שטרויענעם הוט און ער טהוט איהם ניט אוים שפּעט אין סיזאָן, שפּעט ווי עס איז נור מעגליך.

פּאַסירט האָט דאָס ענדע סעפּטעמבער. די וועטערען זיינען געוועזען נאָך גאָר זומערדיג, נור אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז עפּעס גאָר אונערוואַרטעט געוואָרען שטאַרק קאַלט.

ביי דיזער צייט האָט רעטצקין געהאַט אין זינען ניט צו שיידען זיך מיט זיין בעליעבטען שטרויענעם הוט, אַם וועניגסטען א וואָכען צוויי. און ווען ער האָט זיך אין דיזען פריהמאָרגען אָנגעטהאָן צו געהן צו זיין טעגליכער בעשעפטיגונג, האָט ער אזוי ווי אַלע טאָג אָנגעטהאָן זיין שטרויענעם הוט. ווען ער איז אָבער ארויס אין סטריט און איהם האָט א כאַפּ געטהאָן די קעלט, איז ער געבליעבען שטעהן א פערטראַכטער:

זאָל ער אָנטהאָן זיין ווינטער־הוט, אָדער זאָל ער געהן יעצט אין דעם שטרויענעם הוט?

דער הימעל איז לויטער־קלאָר געווען און די אויפגעהענדע זון האָט פערשפּראָכען זעהר פיעל.

„עס, מסתמא וועט שפּעטער א ביסעלע ווארעמער ווערען" — האָט רעטצקין ווידער א טראכט געטהאָן און ער איז טאקע אוועק אין זיין שטרויענעם הוט.

ביי־טאָג האָט זיך דער וועטער געביטען, אָבער ניט צום בעסערען, אזוי ווי רעטצקין האָט גערעכענט, נור טאקע צום ערגערען; עס איז געוואָרען וואָלקענדיג און נאָך קיהלער ווי עס איז אין דער פריה געווען.

אבענדס איז די קעלט געוואָרען שניידענדער און גאָר אונערוואַר־טעט האָט זיך געצייגט א קליינער שנעע.

ווען רעטצקין איז פון זיין ארבייט אהיים געגאַנגען האָט זיין שטרויענער הוט זעהר שלעכט הארמאָנירט מיט דעם צרה'דיגען, כמעט ווינטער־וועטער. דער מאַן האָט זיך געפיהלט זעהר ניט אנגענעהם, און איהם האָט שוין פערדראָסען וואָס ער האָט אין דער פריה זיין ווינטער־הוט ניט אָנגעטהאָן.

נור אָט האָט רעטצקין גענומען „זיין טריין", גראדע אריינ־געכאַפּט א לעדיגען סיט, האָט זיך געמאכט בעקוועם און גענומען אריינ־קוקען אין א צייטונג.

פּלוצלינג האָט רעטצקין דערמאָנט זיך וועגען זיין שטרויענעם הוט און איהם איז ארויף א געדאנק ארומצוקוקען זיך אין וואַגאָן אויב עס געפינט זיך צום מאָל ניט נאָך אימיצער, וואָס טראָגט אויך א שטרויענעם הוט.

ער האָט זיך גוט ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען — אַלע פּאסאַ־זשירען זיינען געווען אין זייערע ווינטער־קליידער און ווינטער־העטס; ער, רעטצקין, איז געווען דער איינציגער וואָס האָט געטראָגען א שטרויענעם הוט.

רעטצקין האָט פאַר זיך קיין אָרט ניט געהאַט... נור אָט האָט ער דערזעהן אין א צווייטען וואַגאָן נאָך א שטרויענעם הוט. אום ניט צו פיהלען זיך אזוי עלענד אין זיין אונאַנגענעהמער לאַגע, האָט זיך רעטצקין פון זיין פּלאַץ אויפגעהויבען און איז אוועק אין יענעם וואַגאָן, וואו עס האָט זיך געזעהען א צווייטער שטרויענער הוט.

אין דעם נעקסטען וואַגאָן איז טאקע געזעסען א מאַן אין א שטרויענעם הוט — דאָס איז געווען אַן איינפאַכער אָרעמער טייוועל,

וועלכער האָט געמוזט טראָגען זיין זומער־הוט, ווייל ער האָט ניט געהאט פּאַרוואָס צו קויפען אַ ווינטער־הוט.

אַנטקעגען דעם מאַן זיינען געזעסען עטליכע אַמעריקאַנער יונגע ווייסע חברה׳ניקעס און האָבען זיך אונטערגעשמייכעלט און אונטער־געוואונקען אויף דעם רעכנונג פון דעם מאַן אין דעם שטרויענעם הוט. דאָס אָבלאַכען איז אָבער אָנגעאַנגען שטיל און מיט אַביסעל אַנשטענדיגקייט, נור קוים האָט זיך אין וואַגאָן בעוויזען רעטצקין, און די ווייסע חברה׳ניקעס האָבען דערזעהען אַ צווייטען שטרויענעם הוט, האָט זייער פּערשטיקטער געלעכטער אַרויסגעפּלאַצט גאַנץ אָפען און ווייט ניט אַנשטענדיג...

רעטצקין האָט זיך דערפיהלט ווי אָבגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער, ער האָט גלייך בעגריפען אַז ער האָט געמאַכט אַ פעהלער מיט דעם, וואָס ער איז אַריבער אַהער, וואו עס געפינט זיך נאָך אַ פּאַסאַזשיר אין אַ שטרויענעם הוט, און ניט מאַכענדיג קיין סך מחזוקות איז ער גלייך אַרויס פון דיעזען וואַגאָן אין דעם נעקסטען, וועלכער איז שוין געווען דער לעצטער.

רעטצקין האָט געפונען אַ לעערען סיט, זיך אַוועקגעזעצט און שוין געוואָלט נעהמען אַריינקוקען אין זיין צייטונג. מיט אַמאָל ער זעהט, די טהיר עפענט זיך און עס קומט אַריין ניט קיין אַנדערער ווי דער צווייטער מאַן אין דעם שטרויענעם הוט, און טאַקע גלייך נאָך איהם אויך די גאַנצע באַנדע ווייסע חברה׳ניקעס, וועלכע האָבען אַט ערשט אַזאַ געלעכטער אויפגעהויבען פון די צוויי שטרויענע העטס.

רעטצקינ׳ען איז אין די אויגען פינסטער געוואָרען און ער האָט דערפיהלט אַזוי ווי אין דער ערד אַריין צו געהן.

נור אַט האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופען אַ סטאַנציע, די טריין האָט זיך אָבגעשטעלט און רעטצקין איז אַרויס אויף דער סטאַנציע מיט דעם רעיון צו נעהמען אַן אַנדער טריין.

עס האָט זיך שוין דערהערט דאָס אָנקומען פון דער נעקסטער טריין, ווען רעטצקין האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן נעבען זיך דעם צווייטען שטרויענעם הוט... און אויסגעקוקט האָט דאָס, אַז אויך זיין קאָלעגע אין דעם שטרויענעם הוט רעכענט זיך צו נעהמען די נעקסטע טריין.

דער געדאַנק, אַז ער צוזאַמען מיט דעם צווייטען שטרויענעם הוט

װעלען װידער אַרײנקומען אין אײן קאַר, האָט רעטצקין׳ען געמאַכט ציטערען פון קאָפּ ביז די פיס, און אום אײן מאָל פאַר אַלע מאָל רעטען זיך פון זײן ניט־געװאונשענעם נאָכפאָלגער, האָט רעטצקין בעשלאָסען צו פערליערען אַ ניקעל „פער“ און ער האָט פערלאָזען די סטאַנציע און איז אַרונטער אין סטריט מיט דעם רעיון צו געהען צו־פוס ביז דער נעקסטער סטאַנציע און נעהמען װידער אַ טרײן.

רעטצקין האָט קוים צײט געהאַט אָבצוגעהען עטליכע טריט פון סטאַנציע, װען ער האָט דערזעהן װי דער װינד טראָגט פון ערגעץ אַ שטרויענעם הוט. ער האָט גלײך פערשטאַנען, אַז דער הוט בעלאַנגט צו דעם מאַן, װעלכען ער האָט אויף דער סטאַנציע איבערגעלאָזען. רעטצקין האָט זיך פאַרגעשטעלט, װי דער מאַן פאָהרט דאָרט אין טרײן מיט אַ נאַקעטען קאָפּ און ער האָט זיך צולאַכט.

באַלד אָבער האָט רעטצקין אַ טראַכט געטהאָן, אַז זײן שטרויענער קאָלעגע האָט אפשר גאָר די אָנקומענדע טרײן ניט צײט געהאַט צו נעהמען און ער װעט מסתמא באַלד פון סטײשאַן אַרונטערלויפען צו געפינען זײן הוט. די פּראָספּעקטיװע װידער צו טרעפען זיך מיט דעם מאַן פון דעם שטרויענעם הוט האָט רעטצקין׳ען זעהר ניט געשמעקט און אום אויסצומײדען אַזאַ בעגעגעניש, האָט ער גענומען װאָס שנעלער יאָגען זיך צו דער נעקסטער סטאַנציע.

און װי ער יאָגט זיך דאָס אַזױ שנעל, טהוט אָב דער װינד אַ שפּיצעל און רײסט אַרונטער אויך פון רעטצקין׳ס קאָפּ זײן שטרויענעם הוט און — האַידאַ! איז רעטצקינ׳ס הוט אַװעקגעפלױגען אין דער זעלבער ריכטונג װאו עס האָט זיך אַרומגעטראָגען אין דער לופטען די צװײטע שטרויענע הוט...

און די צװײ שטרויענע העטס האָבען אַזױ װי צװײ געטרײע חבר׳טעס גענומען אײנע נעבען דער צװײטער אַרומטאַנצען, אַרומ־פליהען אין דער לופטען...

מיט אַ קללה אויף די ליפּען האָט זיך רעטצקין געלאָזט יאָגען נאָך זײן הוט, און באַלד האָט דער אָרימער מענש דערזעהען אַז ער איז ניט עלענד אין זײן אונגליק... דער אײגענטהימער פון דעם צװײטען הוט האָט זיך אויך געיאָגט נאָך זײן פון װינד אַװעקגערויבטען פערמעגען.

אין קאַמפּף מיט׳ן װינד האָבען די צװײ אײגענטהימער פון די

שטרויענע העטס ווילענדיג ניט־ווילענדיג איבערגעביטען זיך מיט אייניגע פראזען, און אין זייער אלגעמיינעם שטרייט בעקאנטשאפט געשלאָסען.

אויסהעלפענדיג איינער דעם צווייטען האָבען די צוויי נייע בעקאנטע געכאפט זייער שטרויענע העטס, צוזאמען אוועק צו דער נעקסטער סטאנציע, די זעלבע טריין גענומען און אין דעם זעלבען וואגאָן טאקע אָבגעפאָהרען...

עהרענהאַפּט בעפרייט

אין איינעם פון די בראָנקסער פּאָליס־קאָורטס בין איך אַמאָל פער־האַלטען געוואָרען אונטער דריי שווערע אַנקלאַגען. די ערשטע איז געווען ביגאַמיע; די צווייטע קלאַגע האָט געלויטעט, אַז איך האָב געוואָלט קידנעפּען צוויי פרעמדע קינדער; די דריטע קלאַגע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב געוואָלט מיינע צוויי קינדער אוועקלאָזען אין אַ פּאַבליק פּליים און ארויפוואַרפען זיי אַלס לאַסט אויף דער שטאָדטישער רעגיערונג...

עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז איך זאָל גענגען זיך האָבען זעהר אַ שווערע קיים, נור אַזוי ווי איך בין געווען אונשולדיג און די גאַנצע געשיכטע איז נור געווען אַ סיבה און אַ נארישער פּלאָנטער, איז מיין אונשולד טאַקע גלייך אויפ׳ן אָרט ארויפגעשוואומען ווי בוימאייל אויפ׳ן וואַסער און מען האָט מיך ענטלאַסען מיט עהרע.

די געשיכטע איז אַזוי געווען:

געוואָהנט האָב איך דאַן אין די בראָנקס. אין אַ געוויסען ווינטער פריהמאָרגען האָב איך און מיין פרוי בעדאַרפט פאָהרען צוזאַמען דאַון־טאַון! צוליעב דיעזער שמחה איז מיין פרוי אוועק אין אַ געוויסען מילינערי סטאָר צו קויפען זיך אַ העט, האָבען מיר אָבגערעדט, אַז אויף דעם און דעם סטיישאַן זאָלען מיר זיך צוזאַמענטרעפען און נאָכהער פאָהרען דאַון־טאַון.

דער וועטער איז געווען העכסט־צרה׳דיג. עס האָט געגאָסען עפּעס אַ משונה׳דיגע צומישעכץ פון שנעע און רעגען, און אַ נאַסע קעלט האָט דורכגענומען יעדעס גליעד.

איך בין געזעסען אין ווייטינג־רום פון אַן „על״ סטיישאַן און געוואַרט אויף דער נעקסטער טריין, מחמת דעם צרה׳דיגען וועטער זיינען די רעלסען געווען גליטשיג און פערפראָהרען און די טריינס האָבען צוליעב דעם ניט געקענט לויפען רעגעלמעסיג. אין ווייטינג־רום האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע מאַסע פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען, אַזוי ווי איך, געוואַרט אויף אַ פערשפּעטיגטער טריין.

צווישען די פּאַסאַזשירען האָט זיך געפונען אַ פרוי, וועלכע האָט

מיט זיך געהאט פיער קליינע קינדער. דאס עלטסטע קינד איז געוועזן א מיידעלע פון א יאהר זעקס און דאס איננסטע איז נאך געוועזן א ברוסט־קינד.

עס איז געוועזן א צער אנצוקוקען דיעזע פרוי און די פאר קליינע קינדער. אלע זיינען זיי געוועזן אנגעטהאן עפעס אין אזעלכע מאדנע שמאטעס; אלע קינדערלעך זיינען געזעסען צוגעטוליעט צו דער מוטער און עס האט געמאכט דעם איינדרוק אזוי ווי פון א בארג נאסע טראנטעס שטעקען ארויס דערפרארענע הענטלעך, בלאסע, אויס־געמוטשעטע פנים'ער.

און ווען איך האב געקוקט אויף דיזער פרוי מיט די קינדער, האט מיין הארץ געדריקט א שווער געפיהל, און איך האב אלץ געטראכט ווי שווארץ און ווי פינסטער עס מוז זיין די נויט, וועלכע טרייבט ערגעץ־וואו דיעזע פרוי און דיעזע קינדער אין אזא שוידערליכען וועטער.

א טריין איז אנגעקומען. די פאסאזשירען האבען זיך א לאז געטהאן פון ווייטינג־רום. די פרוי האט געכאפט שלעפען איהרע אלע פיער קינדער. צוויי פון די פיער זיינען אין דעם ווארימען ווייטינג־רום איינגעשלאפען ביי איהר אויף די הענד, און די איבריגע צוויי, וועלכע זיינען געזעסען אויפ'ן באנק נעבען איהר, זיינען אויך געוועזן שלעפעריג...

די פרוי האט געכאפט שלעפען די קינדער... און ווען איך האב דער־זעהן די סצענע, האט מיין הארץ צוזאמענגעדריקט א שארפער וועהטאג; איך בין צוגעלאפען צו דער דאזיגער ארימער פרוי, צוגעכאפט ביי איהר פון די הענד די צוויי קינדערלעך, און אזוי געהאלפען איהר אין טריין אריין.

די טריין איז געוועזן נעפאקט צום דערשטיקט ווערען, נור ווען מען האט דערזעהן מיך מיט די צוויי קינדער אויף די הענד, האט מען גלייך פאר מיר פלאץ געמאכט. איך האב זיך מיט די צוויי קינדערלעך אויף די הענד אוועקגעזעצט. אין איילעניש און שטופעניש האט מען די פרוי פון מיר אבגעשטופט... און זי איז אריין אין דעם צווייטען וואגאן... איך נעהם זוכען מיט די אויגען די פרוי מיט די איברינע צוויי קינדער — ניטא!...

איך וויל זיך אויפהייבען — איך קען נים... פאסאזשירען האבען מיך אזוי צוזאמענגעשטיקט, אז איך קען זיך אויף קיין פאל פון ארט

ניט א ריהר טהאָן... און די צוויי קינדערלעך האָבען צולעגט די קעפּלעך ביי מיר אויף די אַקסלען און שלאָפען זיך רוהיג...

אָט פאָהרט אָב די טריין איין סטאַנציע, א צווייטע... איך ווער צוזאַמענגעשטיקט אַלץ שטייפער און שטייפער, קוים וואָס איך האָב דעם אָטהעם געכאַפּט. אָט איז שוין די סטאַנציע, וואו איך דאַרף זיך טרעפען מיט מיין פרוי... איך זעה דורכ'ן פענסטער — זי איז דאָ, מיין פרוי: טהו איך זיך אָן א כח און גיב זיך א הויב, א שפּאַר... צולעג די שלאָפענדע קינדערלעך אויף דעם אָרט, וואו איך בין אליין געזעסען, און וויל שוין געהן... כאַפּט מיך אָן איינער ביי די אָרעמס מיט אַן אייזערנער פעסטקייט.

— העי, מיסטער, טייק יור טשילדרען!

איך טהו א קוק: דער וואָס האַלט מיך צו איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי א געזונדער פּאָליסמאַן... מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען!

— טייק יור טשילדרען! — גיט דער פּאָליסמאַן ווידער א געשריי.

א פּאָאַר סעקונדען בין איך געבליבען שטעהען פערשטומט פון איבערראַשונג און שרעק. באַלד בין איך געקומען צו זיך און איך האָב גענומען ערקלערען וואָס דאָ טהוט זיך.

קיין געבוירענער יענקי בין איך ניט, און צו יעדער צייט ווען איך רעד ענגליש, בין איך זעלבסט כמעט דער איינציגער ווער עס וויים און פערשטעהט וואָס איך רעד, און יעצט מחמת איך בין געווען זעהר דערשראָקען, האָב איך אַליין אויך ניט געוואוסט וואָס איך רעד...

דעם פּאָליסמאַנ'ס פּנים איז געוואָרען רויט פון האס און כעס... די שטיקעניש ארום מיר איז נאָך געוואָרען שרעקליכער, פון אַלע זייטען האָט מען אויף מיר געקוקט מיט בייזע אָבלאַכענדע בליקען... דער פּאָליסמאַן האָט א כאַפּ געטהאָן די צוויי קינדער, א שטעק געטהאָן זיי מיר אויף די הענד, און האַלטענדיג מיך פעסט פאַר'ן קאָלנער, האָט ער מיך פון טריין אויף דער פּלאַטפּאָרמע ארויסגעפיהרט...

און ווער קומט מיר אנטקעגען? מיין פרוי אין דער נייער העט, וואָס זי האָט ערשט געקויפט!

— היער איז מאי וואיף! — האָב איך א געשריי געטהאָן צום פּאָליסמאַן, און איך האָב שוין געמיינט אז מיין גאולה איז געקומען...

נור גלייך ווי מיין אָרימע פרוי האָט דערזעהען ווי שעהן איך קוק אויס, האָט זי ניט געמאַכט קיין ווייטערע מחזקות, און איז גלייך אויפ'ן אָרט אין חלשות געפאַלען.

איך האָב זיך נאָך מעהר פערלאָרען, און אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע איז דער טומעל געוואָרען גרעסער און גרעסער.

די פרוי, וועמעס קינדער איך האָב אין מיינע הענד געהאַלטען, איז פון טריין אַרויסגעלאָפען, און ווען זי האָט דערזעהען איהרע קינדער ביי מיר אויף די הענד, דערביי אַ פּאָליסמאַן און אַ קראַוד מענשען — האָט זי געמאַכט געוואַלדען ביז אין הימעל אַריין.

יעצט האָט זיך דער פּאָליסמאַן שוין אויך פערלאָרען, איך בין גראָדע געקומען אַביסעל צו זיך, מיין פרוי האָט מען אויך אָבגעמינ־טערט... די דערשראָקענע מאַמע פון די קינדער האָט גענומען טענה'ן צום פּאָליסמאַן, איך האָב גענומען רעדען, מיין פרוי האָט גענומען רעדען, נור דער פּאָליסמאַן האָט בשום אופן ניט פערשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר... און וואָס מעהר מיר האָבען אַלע דריי געשריען און גע'טענה'ט, דעסטאָ מעהר איז דער פּאָליסמאַן צודולט געוואָרען... עס זיינען אונטערגעקומען נאָך אייניגע פּאָליסלייט, עס איז אָנגעקומען אַ פּאַטרול־וואַגען... און מען האָט אין דעם וואָגען מיט גרויס פּאַראַד אריינגעזעצט פאָלגענדע זיעבען פּערשוינען: מיך זעלבסט, מיין ווייב אין איהר נייע העט, און די אַנדערע פרוי מיט איהרע פיער קינדערלעך.

און האידאַ! אין דעם נאָהענטסטען פּאָליס־סטיישאַן!

דער פּאָליסמאַן, וועלכער האָט דעם אַרעסט געמאַכט, האָט אַנדערש ניט געקענט פערשטעהן ווי נור פעררעכענען דיביידע אַרעסטירטע פרויען אַלס מיינע ווייבער... און געגען מיר האָט זיך שנעל פערפערטיגט אַ קלאַגע אין ביגאַמיע; וועגען די צוויי קינדער איז דער אָפּיסער געווען גאָר צודולט; אָנפאַנגס האָט ער מיך בעשול־דיגט, אַז איך האָב די צוויי קינדער געוואָלט איבערלאָזען אין טריין, נאָכהער ווען די מוטער האָט געקלאָגט און געשריען אַז די קינדער זיינען איהרע און איך בין צו זיי אַ ווילד פרעמדער, האָט מען מיך אויפ'ן אָרט בעשולדיגט אין קידנעפּען די צוויי קינדער... און אַזוי בין איך אַ ווײַלע געשטאַנען אונטער דריי געפעהרליכע אַנקלאַגען.

נאָך אַ לאַנגער דולעניש האָט דער מאַגיסטראַט ענדליך בעגריפען דעם טעות, און מען האָט מיך עהרענהאַפט בעפרייט...

ביי מיין פרוי בין איך אָבער פערבליבען אַ פערדעכטיגער מאַן... יאָהרען זיינען שוין אריבער, און מיין פרוי איז פערבליעבען אונטער דעם איינדרוק אַז יענע פרוי מיט די פיער קינדער זיינען געווען עפּעס ניט קיין גלאַטע פרוי און ניט קיין גלאַטע קינדער...

— עפּעס האָט דאָ געמוזט זיין ! — זאָגט אימער מיין פרוי, ווען נור מיר דערמאָנען זיך אָן יענער געשיכטע.

די חתונה דיזעלבע נור אַן אַנדער חתן־כלה

אין אַ געוויסען זונטאג פריהמאָרגען האָב איך בעזוכט די טשוריקס, מיינע אַ בעקאַנטע פאַמיליע, וועלכע בעוואוינט אַן אַפּאַרט־מענט אין מאָנטגאָמערי סטריט, אין אַ יארד־הויז, טאָפּ פלאָר, צו די בעק.

בעדאַרפט האָב איך זעהען טשוריק׳ען זעלבסט, נור צו הויז האָב איך געטראָפען טשוריק׳ס בעסערע העלפט, די מאַדאַם טשוריק אָדער שיינע לאה, ווי די פרוי האָט געהייסען מיט איהר ליעבען נאָמען.

די פרוי האָט געהאַלטען אין בראָשען און רייניגען אַ מענערשען שוואַרצען סוט און זי האָט אויסגעקוקט צו זיין בייז און צורייצט.

— וואָס זייט איהר אַזוי בייז? — האָב איך זיך געווענדעט מיט אַ פראַגע צו דער ווירטהין פון הויז, און איך האָב דערביי אָנגעשטרענגט אַלע מיינע קרעפטען מיין טאָן זאָל קלינגען העכסט־פריינדליך, כדי איך זאָל נאָך מעהר ניט צורייצען די בייזע פרוי. איך האָב אַזוי מורא פאַר בייזע פרויען!

— זאָל איך אַזוי וויסען פון מיין מאַן׳ס קאָפּ! — האָט מאַדאַם טשוריק געענטפערט קורץ און שאַרף.

— דעם מאַן׳ס סוט רייניגט איהר דאָס? — האָב איך גלייך געמאַכט אַ פּראָבע אַריינצוטרעטען אין אַ ווייטערען געשפּרעך.

— דערהויפּט וועט מיין מאַן האָבען אַזאַ סוט, דער האַליטרע!
— האָט מרס. טשוריק געענטפערט.

— און וואו איז אייער מאַן? — האָב איך געפרעגט.

— פּאָפּט!

— אַזוי שפּעט?

— אויף אַ חתונה געווען נעכטען, — ערקלערט מיר שיינע לאה — ביז׳ן גרויען טאָג אָבגעהוליעט. אויסגעבאָרגט דעם סוט ביי די קאַנאַרייקינס, פערפּליאַמעט, פערשמוצט. יעצט נעהם איך זיך אַרום די יאָהרען רייניגען. ער דאַרף דאָך שלאָפען.

— ביי וועמען איז דאָס געווען אַ חתונה? — בין איך נייגיעריג צו וויסען.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון זיין קאָפּ ! — האָט מרס. טשוריק געענטפערט.

אַ מיידעלע פון אַ יאהר פינף—זעקס, וועלכע האָט שווייגענדיג צוגעהערט זיך צו אונזער געשפּרעך, האָט גלייך געכאַפּט אַ שטוהל, צוגעטראָגען צום ביוראָ, געשטעלט זיך אויף דעם שטוהל, אַרונטערגענומען עפּעס אַ קאַרטעל און איז צוגעגאַנגען צו מיר.

— אָט דאָ איז דער פּאַפּאַ געוועזן. — האָט די מיידעלע געזאָגט און האָט מיר געגעבען די קאַרטעל, וועלכע זי האָט אַרונטערגענומען פון ביוראָ.

דאָס איז געוועזן אַן איינלאַדונגס־קאַרטעל צו אַ האָכצייט, וועלכע האָט געלויטעט ווי פאָלגט :

„ראָניע אַגוריק און חיים טאַראַטוטין לאַדען זיי און איהרע ווערטהע פאַמיליע העפליכסט איין צו זייער טרויאונג, וועלכע אַם זאַמסטאַג דען 24טען אָקטאָבער 1905, אום 7 אוהר אבענדס, אין גרענד אָלל טאַבעקאָ האָלל, שטאַטפינדען ווירד. וואָהנונג דער בראַוט 100 לימקים סטריט, ניו יאָרק.“

דער נאָמען פון דער כלה האָט עפּעס מיר געקלונגען זעהר בעקאַנט. איך האָב זיך דערמאָנט ווער דאָס איז און איך האָב געזאָגט :

— דאָס איז דאָך די מיידעל, וועלכע איז פאַר־אַ־יאָהרען געוועזן ביי אייך אין באָרד.

— דאָס איז זי. — האָט שיינע לאה בעשטעטיגט.

— און ווער איז דער חיים טאַראַטוטין ? — האָב איך געפרעגט אויף דעם חתן.

— איהר געדענקט, אַ קורצער יונגערמאַנטשיק מיט קליינע אויגלעך ? — האָט די פרוי מיך געוומען דערמאָנען — איהר געדענקט, ער פלעגט אַרויפקומען צו אונזער באָרדערין, אַזאַ פרעהליכער, פלעגט שטענדיג נאָכקרימען די אידישע אַקטיאָרען ?

איך האָב זיך ווירקליך דערמאָנט, ווען דער טאַראַטוטין איז, און איך האָב געזאָגט :

— אַזוי, איז דאָס ביי זיי חתונה געוועזן ? נו, איז דאָך טאַקע ניט מעהר ווי רעכט אייער מאַן זאָל געהן אויף חתונה, פאַרט אַ באָרדערין געוועזן.

— הערט־זשע, — זאָגט צו מיר שיינע לאה — איז ער דאָך אָבער געווען אויף אַן אַנדער חתונה.

— ווי הייסט אויף אַנאַנדער חתונה? — פרעג איך.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון זיין קאָפּ. הערט אַ געשיכטע, — האָט די מיסעס טשוריק אוועקגעלעגט איהר ארבייט און גענומען דער־צעהלען — הערט אַ געשיכטע: נאָך מיט אַ חודש צוריק איז די כלה ביי אונז געווען, טאַקע אינאיינעם מיט דעם חתן, מען זאָל למען השם קומען אויף החתונה, געבעטען זיך רחמים... און דאָ, מיט אַ פּאָר טעג צוריק קומט אָן פון זיי אָט די קאַרטעל. זאָג איך צו מיינעם: „באַצקעל, געה, מילא איך קען ניט געהן, איך בין אַ שוואַער מענש, איך קען אויף שמחות ניט געהן.“

— מאַמע, וואָס איז אַ שוועער מענש? — האָט אונשולדיג אַ פרעג געטהאָן די מיידעלע, וועלכע האָט מיר פריהער די קאַרטעל דערלאַנגט.

די אָרימע פרוי האָט זיך שטאַרק פערשעהמט, רויט געוואָרען, האָט אוועקגעטריעבען די מיידעלע אין אַנאַנדער צימער און זי האָט ווייטער גערעדט:

— זאָג איך צו מיין צרה'דיגען מאַן: „געה! אַ רחמנות, זי איז דאָ אין גרויס עלענד, קיין קרוב, קיין גואל און פּאָרט אַ באָרדערין געווען, געה.“ בקיצור, מען האָט זיך געשונדען אַ פּאַס פון לייב, געקויפט פאַר אַ דאָלאַר אַ פיינעם דרשה־געשאַנק, פערפּוצט איהם אין עסיג און אין האָניג, געגעבען דעם אונגליק נאָך אַ האַלבען דאָלאַר מיט זיך, און ער איז מיט מזל אוועק. און הערט איהר! זאָל איך אַזוי וויסען פון זיין קאָפּ און מיר אַלע זאָלען אַזוי וויסען פון צרות, ווי איך וויים וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהאָן. נאָר ווי איך פערשטעה, האָט ער געמוזט פערקריכען אויף אַן אַנדער חתונה. וואָלט ער כאָטש דעם דרשה־געשאַנק ניט אָבגעגעבען!

— עס איז די זעלבע חתונה. — האָט זיך דערהערט טשוריק'ס פערשלאָפען קול.

— אָט האָט איהר דעם בעל־שמחה אַליין! — ציינגט מיר שיינע־לאה מיט'ן פינגער. איך האָב זיך ארומגעקוקט, טשוריק איז ערשט ארוים פון בעד־רום. דער העלד האָט אויסגעקוקט זעהר פערשלאָפען, ארויס איז ער אין די זאָקען, און די הויזען, במחילה, האָט ער צוגעהאַל־טען מיט אַ האַנד, זיי זאָלען ניט ארונטערפאַלען.

— עס איז ניט אמת, — האָט טשוריק געגענעצט — עס איז די זעלבע חתונה, אויף וועלכער מען האָט אונז איינגעלאַדען.

— געהערט די זעלבע, — האָט שיינע־לאה איבערגעקרימט איהר פערשלאָפענעם מאַן — די זעלבע חתונה, נור אַ חתן אַן אַנדערער און אַ כלה אַן אַנדערע.

— אָט איז אַ פערד בצורת בהמה, — האָט טשוריק אַנגעצייגט אויף זיין ווייב — הונדערט מאָל דערצעהל איך איהר ווי דאָס איז געווען, און כאָטש קיי די ערד, רעדט זי איהר זאַך; כאָטש שים איהר אין מח, וויל זי מיר ניט גלויבען.

— האָסט דערזעהן אַן אַנדער כלה, אַן אַנדער חתן, צו וואָס האָסטו דעם דרשה־געשאַנק געגעבען? הא, שלים־מזל, איך פרעג דיר? — האָט זיך שיינע־לאה בייז און צורייצט געוואָרפען אויף איהר מאַן.

— האָב איך אַזוי געוואָלט! — האָט טשוריק אויסגעשריען, וויל ער איז שוין אויך בייז געוואָרען.

— טאַקע, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? — האָב איך געפרעגט, און איך בין ווירקליך געווען נייגיעריג צו וויסען, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ חתונה, וועלכע איז געווען די זעלבע חתונה, נור חתן־כלה זיינען געווען אַנדערע.

טשוריק האָט זיך גוט אויסגעגענעצט און גענומען דערצעהלען:

— איהר הערט, איך בין דאָך עפּעס ניט קיין גרינער, ב"ה, ווייס איך דאָך אַז אין ניו יאָרק איז דאָ נור איין „גרענד אָלל טאָבעקאָ" האָלל, געה איך מיר אַוועק צום האָלל. פון דעסטוועגען פערגעה איך אויפ'ן סטופּ אין סאַלון און פרעג אויב דאָ אין האָלל איז היינט אַ חתונה.

— שור! — זאָגט מען מיר. צייג איך מיין „אינוויטיישען" און פרעג:

— איז דאָס די חתונה?

— יעס, — ענטפערט מען מיר — דאָס איז די חתונה. נו, דאַרף מען בעסער? וויל איך שוין געהן, זעהט דער בעל־הבית פון האָלל, אַז איך טראָג אַ פּעקעלע, פרעגט ער מיך, אויב דאָס איז אַ פּרעזענט פאַר חתן־כלה, זאָג איך: יא. זאָגט מיר דער סאַלון־קיפּער, איך זאָל אויפ־צייכענען אויף דעם פּרעזענט מיין נאָמען און איך זאָל דאָס טאַקע דאָ איבערלאָזען, וויל אפּסטעז, וואו די חתונה דאַרף זיין, איז ניט שעהן אַרויפצוגעהן מיט אַ באַנדעל. אָלל־ראַיט! האָב איך אַזוי

געטהאָן, און איך בין אַפּסטעז ארויף שוין אַ לעדיגער. בקיצור, איהר ווייסט דאָך, ווען מען דערזעהט אַ חתונה, ווערט מען אביסעל צודולט. די עלעקטריק ברענט, עס איז אזוי ליכטיג, און מענער און פרויען אָנגעטהאָן, פערפּוצט. איך הער מען געהט אום, מען רעדט עפּעס, מען לאַכט, מען ליאַרעמט, וואָס ווייס איך? די טישען זיינען געגרייט און אזוי שעהן, פון כל טוב. דאָ געהט צו צו מיר עפּעס אַ מאַן, פיהרט מיך צו צו אַ געגרייטען טיש, זעצט מיך אוועק און זאָגט צו מיר:

— נו, מחותן, לאָזט זיך ניט בעטען.

האָב איך זיך ניט געלאָזט בעטען, און האָב פיין אריינגעגאָסען, און פיין פערביסען. דערווייל זעה איך חתן־כלה קומט אריין פון אַ זייטיגער טהיר. אַלע זאָגען: מזל טוב! איך טהו אַ קוק, וואָס טהוט זיך דאָ? עס איז ניט אונזער ראָניע און ניט טאַראַטוטין. ווילד־פרעמדע מענשען. לויף איך ארויס פון טיש, פליה אַרונטער דאָון־סטעז צום סאַלון־קיפּער און זאָג איהם — עס איז אַ מיסטייק, עס איז ניט די חתונה. טענה'ט ער, אז עס איז יאָ די. זאָג איך, אז עס איז גאָר אַן אנדער חתן, אַן אנדער כלה. זאָגט דער סאַלונקיפּער, אז חתן־כלה זיינען טאַקע אַנדערע, נור די חתונה איז דיזעלבע. קוק איך איהם אָן ווי אַ משוגענעם, און בין ניט פויל און בעט מיין פּרעזענט צוריק. צושרייט ער זיך אויף מיר: מען האָט פון מיינטוועגען געגרייט אַ סאַפּער, איך האָב שוין געגעסען און געטרונקען, זאָל איך בעצאָהלען דערפאַר, וועט מען מיר מיין פּרעזענט צוריק אָבגעבען. בקיצור, איך בין ארויף אַפּסטעז און הערט וואָס איך האָב זיך דערוואוסט. אונזער ראָניע האָט עס אויף איהר אייגענעם חשבון צוגעגרייט די גאַנצע חתונה, פערספּענדט, נעבעך, ביז דער לעצטער פּעני; הערט, צוויי טעג פאַר דער חתונה נעהמט דער חתן, אָט דער טאַראַטוטין, און מאַכט אַ ויברח. וואָס טהוט מען? דאָ איז שוין צוגעגרייט אַלעס צו דער חתונה. זאָגט מען אָן דעם סאַלון־קיפּער, אז עס איז דאָ אַן אנדער חתן, וועלכער איז צופריעדען געהן צו דער חופּה. מען האָט עס אָנגעזאָגט דער כלה, די האַרץ איז ביי איהר געוועז, נעבעך, צובראָכען: די געלד געספּענדט, און דאָ די חרפּה, די שאַנדע, זאָגט זי: איהר אַרט ניט... איינס און צוויי און עס איז ווייטער געוואָרען חתן־כלה... בקיצור, עטליכע שעה פאַר דער חופּה האָט זי חרטה, די משוגענע ראָניע, און יעצט איז זי שוין אַנטלאָפען און דער חתן איז געבליעבען אָהן אַ כלה. און דאָ

איז שוין דער סאַפּער פּאַרטיג, די טישען געגרייט, בקיצור, מען האָט גענומען זוכען אַ כלה. נו, וואָס דענקט איהר, עס איז שווער צו קריגען אַ כלה אין ניו יאָרק? אין צוויי שעה צייט איז געוואָרען אַ כלה. אַט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

— און וואָס האָבען געטהאָן די איבריגע מחותנים? — האָב איך געפרעגט.

— גאָר ניט, — האָט טשוריק געענטפערט — קיין קרובים זיינען ניט געווען. ניט דער חתן האָט דאָ קרובים, ניט די כלה, וואָס דען? לאַנדסלייט און בעקאַנטע, נו, האָט מען זיך אַביסעל געהאַמפּערט און מען איז בעסער געוואָרען, און מען האָט פערבראַכט זעהר אַ פיינע נאַכט.

טשוריק האָט זיך איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן. שיינע־לאה האָט אָװעקגעטראָגען דעם אויסגעבאָרגטען סוט. מיר האָבען נאָך אַ ווײַלע גערעדט וועגען דער חתונה און נאָכהער זיינען מיר אַריבער צו אונזערע אייגענע געשעפטען.

אויפ'ן לינקען זייט.

„אויפ'ן לינקען זייט" — דאס האט געזאלט זיין דער נאמען פון אזא מין מוסר ארטיקעל, וועלכען מיסטער זאזין האט געטראכט אנצושרייבען. דער ארטיקעל איז אבער ניט אויפגעשריעבען געווארען... און פאסירט האט עס אזוי און אזוי...

זאזין שרייבט פאר א צייטונג, ער איז אן אויטסייד האנד, דאס הייסט, ער דארף ניט זיצען אין דער רעדאקציע, נור ער דעליווערט זיין סחורה פארטיגערהייט און ער מעג שרייבען וואו ער וויל און ווען ער וויל...

זאזין האט אנצושרייבען דורך דער וואך פינף ארטיקלען; פאר יעדען ארטיקעל קריגט ער דריי דאלאר — האבען מיר א סומע פון פופצעהן דאלאר א וואך.

איז זאזין געזעסען ביי זיך צו הויז אין דיינינג רום ביים גרויסען טיש (קיין דעסק פערמאגט ניט זאזין). ער איז געזעסען ביים טיש מיט דער פעדער אין האנד און דער מענש האט זיך דעם מוח געבראכען אויף אויפצושרייבען אן ארטיקעל.

דאס האט זאזין בעדארפט דעליווערען דעם לעצטען ארטיקעל פון דער וואך. עס איז אבער אויך געווען דער לעצטער טערמין און ביי דעם שרייבער איז שיער דער מח ניט צושפאלטען געווארען פון אנשטרענגונג.

אין דער זעלבער צייט, וואס זאזין איז געזעסען ביים טיש און זיך געבראכען זיין ארעמען קאפ צו אויסטראכטען עפעס אן ארטיקעל פאר דער צייטונג, איז דעם שרייבער'ס פרוי געלעגען אין פראנט־רום אויפ'ן פלאר און מיט א נאדעל און פאדים האט זי געפרופט ווי־עס־איז צערעכטמאכען דעם צוריסענעם, צופליקטען שטיקעל קארפעט.

נור אט איז ענדליך געקומען די מוזע צו אונזער שרייבער, זיין פאנטאזיע האט זיך צושפיעלט.

ניט אין דייניגג־רום זיצט שוין זאזין, אויפ'ן הימעל איז זיין נשמה, ניט קיין איינפאכער לוין־שקלאף איז ער, וועלכער עס דארף פון זיך אויסמאטערען פינף ארטיקלען א וואך פאר פופצעהן דאלאר...

אַ נביא איז ער געוואָרען, און זיין נשמה ווערט פול מיט אַ שמערצליכען פערדרוס אויף דעם, וואָס גוטע, בראַווע מענשען, וועלכע עס קומען אהער אריבער פון יענער זייט ים, ווערען דאָ פערדאָרבען, רייגע נשמות ווערען פערבלאָטיגט אין דעם קאַמפּף פאַר'ן שטיקעל ברויט, זויבערע הערצער ווערען פערכאַפּט אין דער אַמעריקאַנער אייביגער יאָגעניש נאָך געלד. אַלעס, אַלעס ווערט דאָ איבערגעקעהרט פון רעכטס אויף לינקס...

און דער שרייבער זעהט מיט זיין פאַנטאַזיע טויזענדער בילדער, און זיין הארץ ווערט פול מיט מוסר, זיין נשמה ווערט פול מיט נבואה... ער גיט אַ נאָמען וואָס ער געהט שרייבען: „אויף דער לינקער זייט“. ער שרייבט אויף די עטליכע ווערטער, און לעזט עס דורך פערטראַכטערהייט: „אויף דער לינקער זייט“.

— עס וועט ניט העלפען — טהוט זיך אַ זאָג דעם שרייבער'ס פרוי פון פראָנט־רום — אויפ'ן לינקען זייט וועט אויך ניט העלפען.

— וואָס רעדסטו דאָרטען? — טהוט אַ פרעג דער בעגייסטערטער פּערפאַסער.

— זאָגסט דאָך אויפ'ן לינקען זייט — מאַכט דעם שרייבער'ס פרוי.

— וואָס אויפ'ן לינקען זייט?

— זאָגסט דאָס ניט צו מיר? — פרעגט זאַזין'ס פרוי.

— וואָס עפּעס צו דיר? דאָס שרייב איך אַן אַרטיקעל.

— אַן אַרטיקעל גאָר? און איך האָב געמיינט, דו גיסט מיר אַן עצה, איבערקעהרען דעם קאַרפּעט אויפ'ן לינקען זייט.

ווילענדיג ניט־ווילענדיג פאַלען דעם שרייבער'ס בליקען אויף דעם צוריסענעם קאַרפּעט... עס ווערט איהם אביסעל וואָכעדיג אויף דער נשמה — זיין נבואה ווערט בלאַסער.

— איך מאַטער זיך מיט'ן טוידט גלייך און איך קען גאָר ניט אויפטהאָן — רעדט ווייטער דעם שרייבער'ס פרוי — איך קען אַלע לעבער ניט צוזאַמענציהען...

דעם שרייבער'ס נשמה לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, ופט אַרונטער פון די הימלען אין פראָנט־רום אריין אויפ'ן צופוילטען, פערשטויבטען שטיקעל קאַרפּעט.

איז דעם פערפאַסער'ס נשמה שוין אין אַזאַ פּראָזאַאישען אָרט,

קריגט זי א פּראָזאאישע שטימונג און הויבט גאָר אָן צו ריידען צום שרייבער מיט אַט אַזאַ מין לשון:

וואָס גערהסטו מוסר׳ן א וועלט? וואָס? ווען? קוק זיך צו, וואָלט ניט געווען בעסער, אז דו זאָלסט אויך אביסעל טראַכטען וועגען מאַכען א דאָלאַר? וואָלט דיין ווייב ניט געדאַרפט זיך וואַלגערען אויפ׳ן פלאָר און צירעווען דעם פערפּוילטען קאָרפּעט... „אידעאַלען, סמעאַלען“? ווייס איך וואָס? ווער עס האָט דעם דאָלאַר, יענעם איז טאַקע גוט און וואויל... מען ווייס וואָס עס הייסט לעבען אויף דער וועלט, אפילו דיינע גרעסטע אידעאַליסטען, דיינע זויבערסטע נשמות, פון וועלכע דו שעפּסט בעגייסטערונג עמערס־ווייז, אַז זיי דערזעהען א נגיד, האָבען זיי פּאַר איהם אויך דרך ארץ, און טאַקע אין דיינע ניו יאָרקער סאָציאַ־ליסטישע קעמפּפענדע רייהען, ווער פערנעהמט דעם אויבענאָן? טאַקע ווייטער דער דאָלאַר!

אז עס קומט ארונטער אהער אין דער גאָלדענער מדינה א פּאָר־שטעהער פון דער הייליגער רוסישער רעוואָלוציאָן און מען אָרגאַני־זירט לכבוד דעם פאָרשטעהער אַן אונטערנעהמונג, ווער פערנעהמט דעם אויבענאָן? טאַקע ווייטער דער דאָלאַר! ריעל־עסטייטניקעס, סאָציאַליסטישע באָסעס, עקספּלואַטאַטאָרס, לענדלאָרדס, וואָכער־ניקעס... און דו, מיט דיינע זויבערע אידעאַלען, ליגסט במחילה פער־שטעקט ערגעץ אין א קאָרנער אונטער׳ן בוידעם... מען דאַרף דיך האָבען אויף אַלע שווארצע יאָהר...“

דעם שרייבער ווערט אביסעל קאַלעמוטנע אויפ׳ן הארצען, ער פערטראַכט זיך אויף א ווייל, נעהמט די פּען און וויל מיט א שווארצען שטריך פערמעקען „אויפ׳ן לינקען זייט“, קען ער דאָס עפּעס ניט טהאָן... נאָך אַלעמען איז דאָך גאַנץ אנגענעהם צו זאָגען מוסר א צווייטען, ווען מען האָט אפילו אליין זינדיגע רעיונות. וויל ער נעהמען שרייבען, עס שרייבט זיך אָבער דאָך ניט... געה רייד וועגען הויכע שטרעבונגען, וועגען הימעלשע אידעאַלען, אז די אייגענע נשמה ליגט אויסגעצויגען אויף א שטיקעל פערפּוילטען, פערשטויבטען קאָרפּעט....

קען דער שרייבער ניט שרייבען!

— דו הערסט? —טהוט דערוויילע א זאָג דעם שרייבער׳ס פרוי— עס איז שוין בעסער צו זיין אַן אַנדערטייקער איידער א שרייבער.

— אנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — פרעגט זאזין.

— אַט אונזער שכן איז אַן אַנדערטייקער — ערקלעהרט זאַזין׳ס פרוי, צו וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ בעהויפּטונג — וואָלסטו בעדאַרפט זעהן ווי שעהן ביי זיי איז אין הויז... אַ קאַרפּעט ליגט אין פראַנט־רום, עס קאָסט אפשר הונדערט דאָלאַר... אין דיינינג־רום ליגט אַ ראָג, איז ער אויך מעהר ווערטה, וויפיעל מיר האָבען אמאָל בעצאָהלט פאַר אונזער שמאַטע... היינט די פאַרניטשור? האָסט בעדאַרפט זעהן אַ שפּיעגעל... אַ סעט אין פראַנט־רום! אַ פּיאַנאָ! לעבען שפּיעגעל צוויי טערקישע בלומען־טעפּ... אריינצוגעהן אהין איז צו בוקען זיך, עס איז דאָ אַ דיענסט אין הויז, און אונזער שכן׳ס ווייב לעבט אביסעל אַ בעסערען טאָג איידער איך, — מיסטער זאַזין׳ס ווייב...

דעם שרייבער׳ס נשמה איז אויך ניט קיין רעטעך, דער ווייב׳ס ווערטער דערנעהמען איהם אין פינפטען ריפּ אריין און ער טהוט אַ זאָג טרוקען און צזרייצט:

— נו, ניט אַלע קענען דאָך זיין אַנדערטייקערס.

זאַזין׳ס פרוי האָט אויף דעם ניט וואָס צו ענטפערען. זי בלייבט אַ ווייַלע שטיל, פערצירעוועט נאָך אַ ריס אין דעם קאַרפּעט און טהוט אַ זאָג מיט אַ טרויעריגער שטימע:

— היינט טאָמער פאָרט אויפ׳ן לינקען זייט.

— הא? — טהוט זיך אַ כאַפּ דער פערטראַכטער שרייבער.

— דעם קאַרפּעט, מיין איך, וואָלט אפשר פאָרט בעסער געווען אויפ׳ן לינקען זייט.

— אויב אויפ׳ן לינקען זייט איז בעסער, טאָ זאָל זיין אויפ׳ן לינקען זייט — איז דער שרייבער מסכים אויף זיין פרוי׳ס פאָרשלאָג.

— טאָ העלף־זשע מיר, זאַזין, איך קען אַליין די שמאַטע פון אָרט ניט ריהרען.

און אָנשטאָט אויפשרייבען דעם ארטיקעל: „אויפ׳ן לינקען זייט“, שטעהט אויף דער שרייבער פון טיש און נעהמט העלפען זיין פרוי איבערלעגען דעם קאַרפּעט אויפ׳ן לינקען זייט.

נור אַט ענדיגט דער שרייבער דעם דזשאָב מיט׳ן קאַרפּעט און אַ פערשטויבטער פון קאָפּ ביז די פיס נעהמט ער זיך וויעדער פאַר דער פעדער.

— זעהסטו, אויפ׳ן לינקען זייט איז טאַקע בעסער — חידוש׳ט זיך זאַזין׳ס פרוי מיט דעם איבערגעקעהרטען קאַרפּעט.

— יעס, אויפ'ן לינקען זייט איז גלייכער... — ענטפערט דער שרייבער פערביטערט און גיפטיג... און ער פיהרט דורך א דיקען שווארצען שטריך אונטער'ן קעפעל פון דעם ארטיקעל, וועלכען ער האט געוואלט שרייבען.

ער זעצט זיך ווייטער טראכטען, נור די געדאנקען קריכען ניט אין קאפ און אזוי געהען אריבער די לעצטע פאר שטונדען... אט איז געקומען די לעצטע מינוט; זאזין דארף שוין פאהרען אין דער רעדאקציע נאך זיינע וועכענטליכע ווידזשעס...

און דעם מוסר־ארטיקעל: „אויף דער לינקער זייט" איז ניט באשערט געווען צו ערשיינען.

און זאזין וועט דיעזע וואך בעקומען מיט דריי דאלאר וועניגער ווידזשעס, פאר דעם פערפעהלטען פינפטען ארטיקעל.

אַ העלד אָהן הויזען.

עס איז געווען אין אַ שעהנעם זומער־פריהמאָרגען. די מאַדאַם פּיעטוכין האָט פּערפּוצט זיך און איהרע צוויי קינדערלעך און האָט זיך צוגעקליבען געהן מיט איהר ביסעל בלוט אין אַ נאָהענטען פּארק דערביי.

פּיעטוכין מאַכט אַ לעבען פון דעם, וואָס ער פּערפּאַסט וואָדעווילס און מוזיקאַלישע סקעטשעס פאַר פערשיעדענע אידישע מוזיק־האָלס און וואַרייעטי הייזער.

איז פּיעטוכין געזעסען ביי זיך אין צימער, געווען שטאַרק ביזי אַרויסענדיגענדיג אַ געוויסען וואָדעוויל, און דער גליקליכער מחבר האָט געהאַלטען אין איין קייקלען זיך פון געלעכטער, הפּנים פון זיין אייגענעם וואָדעוויל.

— פּיעטוכין — האָט עלים געזאָגט צו איהר מאַן — איך געה מיט די קינדערלעך אין פּאַרק אַריין.

— געה זיך דיר — האָט פּיעטוכין געענטפּערט און האָט ווייטער געלאַכט.

— וועסט בלייבען אין דער היים? — האָט עלים געפּרעגט.

— נאָ, נאָ — האָט זיך פּיעטוכין אַ כאַפּ געטהאָן — וואָס הייסט אין דער היים? איך מוז דאָך באַלד פאָהרען דאַן־טאַון אָוועקפיהרען אַ וואָדעוויל צום לעזען.

— זאָל איך די שליסלען פון טהיר נעהמען מיט זיך? — האָט עלים געפּרעגט.

— יעס, נעהם מיט זיך.

ווען פּיעטוכין'ען העלפּט גאָט און ער קריגט בעצאָהלט פאַר אַ וואָדעוויל, ברענגט ער די פאַר דאָלאַר אַהיים און גיט עס אָב זיין בעסערער העלפט, און ווען דער פרעהליכער מחבר דאַרף האָבען אַ פּאָר פּענים אויף עקספּענסעס, ווענדעט ער זיך נאָך דעם צו זיין פרוי, און עלים אַסיגנירט פאַר איהם די נויטיגע סומע. אַזוי און אַזוי פיהרט מען זיך ביי די פּיעטוכינס.

אויך דיעזען מאָל, ווען עלים האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן פון הויז, האָט פּיעטוכין צו איהר אַ זאָג געטהאָן:

— עלים'ל, איך דאַרף דאָך פאָהרען דאַן־טאַון, לאָז מיר איבער עטליכע פּענים.

— וויפיעל? — האט עלים געפרעגט.

— עטליכע סענט.

— א דיים וועט גענוג זיין?

— א דיים קאסט דאך דער פאהרען הין און צוריק — האט פיעטוכין א זאג געטהאן שטארק ניט צופריעדען — גיב מיר נאך עטליכע סענט.

— אויף וואס? — האט עלים געפרעגט ניט מיט קיין פריינדליכען טאן — אויף וואס דארפסטו געלד?

— איך געה צווישען מענשען... מאלע וואס עס קען זיך מאכען?— האט פיעטוכין ערקלעהרט אויף וואס ער וויל די איבעריגע עטליכע פענים — אפשר דארף מען אריינגעהן אין א רעסטאראנט... א... אמאל... איך ווייי... וואס... זוי פאהרט מען דאס אהן א סענט אין פאקעט?

— א קוואדער וועט זיין גענוג? — האט עלים טרוקען געפרעגט.

— זאל זיין א קוואדער.

עלים האט בעוויליגט פאר איהר מאן די בעטרעפענדע סומע און זי איז מיט איהרע צוויי קינדער אוועק אין פארק.

פיעטוכין האט געענדיגט זיין וואדעוויל, פערפוצט זיך, גענומען דעם קוואדער, ארויס פון הויז, פערהאקט אהינטער זיך די טהיר. און דער מחבר האט זיך מיט שנעלע טריט אוועקגעלאזט צום סטיישאן אום צו נעהמען די טריין און פאהרען דאן־טאון.

ווען פיעטוכין איז שוין געווען ביי די טרעפ פונ'ם סטיישאן, האט ער עפעס אזוי ווי פלוצלינג בעמערקט אז זיינע הויזען זיינען שטארק פערפלעקט און פערשטויבט, און ער האט זיך אבגעשטעלט און פער־טראכט זיך.

דאס האט דער וואדעוויל־שרייבער געטראכט וועגען זיך, וועגען זיינע פערפלעקטע הויזען און וועגען די ארטיסטען, פאר וועלכע ער געהט עס יעצט ערשיינען מיט זיין פרעהליכער פערפאסונג... אזוי טראכטענדיג, האט זיך איהם פארגעשטעלט ווי ער זיצט און לעזט זיין חיבור און די קינסטלער קוקען אויף זיינע הויזען... קוקען זיך דורך צווישען זיך מיט אבלאכענדע בליקען און ווינקען זיך דורך פרעך און ציניש...

דער ארימער פיעטוכין האט דערפיהלט ווי די בלוט האט איהם

א קלאַפּ געטהאָן אין פּנים, און, וואַרפענדיג א העכסט פערצווייפעלטען בליק אויף זיינע הויזען, איז ער געבליבען שטעהן ווי א צוגעשמידעטער צום אָרט.

ווען דער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזעהן פאַר זיינע אויגען א שניידער־סטאָר. אין דער הויף איבער דעם סטאָר איז געהאַנגען א שילד, אויף וועלכען מען האָט צווישען די איבעריגע ליינס אויך געקענט לעזען, אַז פּרעסען און קלינען הויזען קאָסט נור פופצעהן פעניס.

— פונקט נאָך מיין קאַפּיטאַל נאָך — האָט פּיעטוכין א טראַכט געטהאָן; עס איז איהם אַרונטערגעפאַלען א שווערע, שווערע משא פונ׳ם הארצען און באַלד איז דער בערוהיגטער מחבר שוין געווען אין שניידער־סטאָר.

דער אייגענטהימער פון דער שניידער־סטאָר, אַן עלטערער איד, מיט א פּאָר מעשענע ברילען אויפ׳ן שטערען, האָט מיט א העכסט פריינדליכען שמייכעל בעגעגענט דעם אריינקומענדען.

— קענט איהר מיר אַביסעל א קלין געבען מיינע הויזען? — האָט פּיעטוכין געפרעגט דעם שניידער.

— אויב איך קען? א פיינע שאלה אַביסעל — האָט דער שניידער געענטפערט מיט א קלינגענדער, שטאַלצער שטימע.

— אָבער איך מוז עס גלייך האָבען — האָט פּיעטוכין געזאָגט זיין דרינגענדע בעדינגונג.

— אויף רעכט — האָט דער שניידער איינגעווילינגט.

— איז ווי וועט זיין? — האָט פּיעטוכין געפרעגט.

— געהט אריין, אָט דאָ, אין הינטער צימער, טהוט זיך אויס און איהר וועט א ווייל׳ע אויפציהען ביז איך וועל פערטיג ווערען — האָט דער שניידער ערקלעהרט, וואָס זיין קאַסטאָמער האָט צו טהאָן.

פּיעטוכין האָט געפאָלגט די אינסטראַקשאָנס פון דעם פריינדליכען אַלטען שניידער. ער איז אריין אין הינטער צימער, האָט געטהאָן וואָס מען בעדאַרף. דער שניידער האָט צוגענומען די הויזען און דער פערפאַסער מיט זיין מאַנוסקריפּט אין האנד, איז געבליבען זיצען אין איינע אונטערהויזען, איך בעט אייך איבער אייער כבוד.

און עס איז געקומען די ערוואַרטעטע צייט.

— פארטיג, מיסטער — האט דער שניידער אריינגעטראגען דעם שרייבער׳ס הויזען אין הינטער צימער.

— א שעהנעם דאנק! — האט זיך פיעטוכין זעהר העפליך פערנייגט.

— זעהט נור א שטיקעל ארבייט! — האט זיך דער שניידער גע׳חידוש׳ט מיט די הויזען.

— טאקע פיין — האט דער שרייבער צוגעגעבען.

— זעהט נור, וואס איך האב אביסעל אויפגעטהאן — האט דער שניידער גענומען ביזנעס פערהאנדלען — קוקט זיך נור צו... אט דא האב איך צוויי לייסטלעך אונטערגעגעבען... איהר זעהט, דא איז געוועזען א לעכעל, האב איך עס פיין פערצויגען.

פיעטוכין האט גלייך בעגריפען מיט וואס אזא געשיכטע שמעקט... א סקרוך איז איהם אריבער איבער׳ן גאנצען לייב. ער האט גלייך איבערגעשלאגען דעם צוהיצטען שניידער און האט פערציטערט א פרעג געטהאן:

— וויפיעל וועט עס קאסטען?

— א נאטהינג! — האט דער שניידער א זאג געטהאן — פינף־און־זיעבעציג פענים, ניט מעהר!

דער שרייבער האט דערפיהלט, ווי ער וואלט געוועזען מיט קאלטע וואסער אבגעגאסען.

— ווער האט אייך געבעטען? — האט פיעטוכין גענומען שטאמלען.

— וואס געבעטען? — האט זיך גאר צום נאר געמאכט דער שניידער, און די פריינדליכקייט, וועלכע עס איז געוועזען צוגאסען איבער זיין פנים, האט עפעס אזוי ווי מיט די הענד אבגענומען.

— איך האב נור געמיינט אביסעל אויסקלינען — האט פיעטוכען אימער אבהענדיג געשטאמעלט.

— אום גאטעס ווילען! — האט דער שניידער גענומען ריידען מיט א הארטער, קאלטער שטימע — איך וועל דאך ניט געהן פרעסען הויזען און לאזען זיי צוריסען און צושליסען... אויף דעם בין איך דאך עפעס א פאכמאן.

— איך האב אבער מיט זיך קיין געלד ניט גענומען — **איז פיע־**טוכין געקומען צו דעם סאמע קריטישען פונקט...

דעם שניידער'ס געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען. ער האָט אָנגעטהאָן די ברילען אויף די אויגען... דורכגענומען דורך־און־דורך דעם אָרימען פּיעטוכין'ען, וועלכער איז געשטאַנען אין אונטערהויזען, און דער פּער־וואַלטער פון דעם קליינינג געשעפט האָט אַ זאָג געטהאָן ווי אַן איינ־פּאַכער, קאַלטער גזלן:

— אָהן געלד קריגט איהר ביי מיר ניט קיין הויזען!

טו וואַס־זשע זאָל איך טהאָן? — האָט פּיעטוכין פּערצווייפּעלט געפרעגט — איהר וועט דאָך מיך ניט לאָזען ארויסגעהן פון אייער סטאָר אָהן הויזען...

— פון מיינטוועגען כאָטש אַ נאַקעטער... — האָט דער שניידער אָבגענטפערט קאַלט און גרויזאַם, און האַלטענדיג די הויזען גאַנץ פעסט אין די הענד איז ער ארוים פון דעם הינטער־צימער אין סטאָר אריין.

פּיעטוכין האָט דערפיהלט, ווי קאַלטע טראָפּענס שוויים גליווערען זיין גאַנצען קערפּער; אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי פּאַראַליזירט פון שרעק און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. נור אָט איז איהם ארויף אַ געדאַנק, צו פּרובירען ראַטעווען זיך מיט דער הילף פון זיין אָנגעשריבענעם וואָדעוויל, און מיט אַ רחמנות'דיגער שטימע האָט ער אַ רוף געטהאָן דעם שניידער:

— מיסטער, קומט נאָר אריין אהער אַ ווײַלע!

דער שניידער איז אריין אין הינטער־צימער, אָבער פּיעטוכין'ס הויזען האָט ער שוין מעהר אין די הענד ניט געהאַלטען; דער אַלטער האָט דעם שרייבער'ס פּערמעגען ביי זיך אין סטאָר איבערגעלאָזען.

— איהר זעהט, מיסטער — האָט פּיעטוכין אָנגעצייגט דעם שניידער אויף זיין מאַנוסקריפּט — איהר זעהט אָט די בלעטלעך?...

— נו, איז וואָס? — האָט דער שניידער געפרעגט — נו, איז וואָס איז דאָרטען, אז איך זעה..

— דאָס איז אַ וואָדעוויל...

— אַ וואָס?

אזא טהעאַטער־שטיק — האָט דער שרייבער ערקלעהרט.

— נו, וואָס איז דאָס שייך צו מיר? — האָט דער שניידער נייגעריג געפרעגט.

— אַט דאָס פּיהר איך יעצט דאָן־טאַון און איך דאַרף דערפאַר קריגען אַ פיינע אַפּותיקאַ...

דער שניידער האָט געוואָרפען אַ פערדעכטיגען בליק אויף זיין קאָסטאָמער, און האָט געפרעגט וויעדער דיזעלבע פראַגע:

— אָבער וואָס געהט זיך דאָס אָן מיט מיר?

— איך וועל דאָס איך איבערלאָזען אַלס אַ משכון — האָט נעשטאַמעלט פּיעטוכין מיט ניט קיין גאַנץ זיכערע שטימע, — איך וועל אַ לויף טהאָן אַ היים און ברענגען אייך אייער געלד.

— טהוט נור אַ לעז, לאָמיך הערען — האָט דער שניידער אָנגעצייגט זיין קאָסטאָמער אויף דעם מאַנוסקריפּט, וועלכען דער לעצטער האָט אין די הענד געהאַלטען.

און אַזוי שטעהענדיג אין זיינע אונטערהויזען, במחילה, האָט אונזער העלד גענומען לעזען זיין ווערק...

אַ ווײַלע האָט זיך דער שניידער צוגעהערט און באַלד האָט ער דעם פאַרלעזער איבערגעשלאָגען:

— וואָס טויגען מיר אָט די אַלע גליקען? איך וויל קעש...

נאָך אַ לאַנגען, ביטערען דורכשמועסען זיך זיינען די צוויי צדדים ענדליך געקומען צו אַ פּשרה:

דער שניידער האָט אָבגעגעבען זיין קאָסטאָמער די הויזען; נור פּיעטוכין האָט געמוזט איבערלאָזען זיין ראָק אַלס אַ משכן. און אַזוי, אָהן אַ ראָק, נור מיט שעהן געפּרעסטע הויזען, האָט זיך פּיעטוכין אַוועקגעלאָזט אין פּאַרק זוכען זיין פּרוי.

די בעגעגעניש צווישען מאַן און פּרוי איז געווען אַ העכסט דראַמאַטישע. נור וואָס דאָרטען איז שוין ניט פאָרגעקומען, פּיעטוכין האָט געקראָגען די קעש, אויסגעלייזט זיין משכון און נאָך אין דעם זעלבען טאָג איז ער געווען דאַן־טאַון און האָט פאַרגעלעזען זיין וואָדעוויל פאַר די, וועלכע עס האָבען די סחורה בעדאַרפט האַנדלען.

מען קען ניט זאָגען אויף זיכער, אויב דער שניידער, וועלכער עס האָט געפּיקסט פּיעטוכין'ס הויזען, איז געווען אַ גוטער קריטיקער פון ליטעראַטור, נור הײַנטיגען מאָל האָט ער זיך ניט גענאַרט...

דעם וואָדעוויל האָט מען ניט געקויפט.

אַן אויסגעבעסערטע פּיעסע

אַט אַזאַ מזל האָט שוין יענע פּיעסע געהאַט — די מענעדזשערס און די שוישפּילערס, און ווער עס האָט נור געהאַט אַ געלעגנהייט — אַלע האָבען געהאַלטען אין איין אויסבעסערען מיין אָרימע, פּערוואָגעלטע פּיעסע.

דער קאַסירער פון טהעאַטער האָט געגעבען עצות ווי אַזוי אויסצופּיקסען די פּיעסע, און די מעהרסטע פון דעם קאַסירער׳ס „סאַדזשעסטשענס“ זיינען אָנגענומען געוואָרען. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דער סמאַרטער קאַסירער האָט גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען וואָס אין דער פּיעסע האַנדעלט זיך, און ווען איך האָב דעם מאַן געפרעגט:

— וואָס מישט איהר זיך? איהר האָט דאָך די פּיעסע גאָר ניט געלעזען, און האָט אפילו ניט געהערט ווי מען לעזט זי פאָר?

האָט מיר דער קאַסירער געענטפערט איינפאַך און ערנסט:

— איך דאַרף אַ פּיעסע ניט לעזען. איך ווייס אַזוי אויך וואָס מען דאַרף צו אַ פּיעסע...

— וואָס הייסט איהר ווייסט?

— איך ווייס, איך בין אַ טהעאַטער־מענש... איך שטעה ביי דער קאַסע, און ווייס מעהר פון אַלע פערפאַסער און אַלע אַקטיאָרען צוזאַמען, וואָס דער עולם וויל און וואָס דער עולם דאַרף — אַזוי האָט מיר אָבגעענטפערט דער קאַסירער.

דער דאָר־קיפּער פון טהעאַטער, דער שעריף, דער ספּעקולייטאָר, אפילו דער הויזקיפּער — האָבען געגעבען „סאַדזשעסטשענס“ ווי אַזוי די פּיעסע אויסצובעסערען. מיט איין וואָרט, אַלע טהעאַטער־אָנגעשטעלטע האָבען איינפאַך דאָס לעבען אַוועקגעלעגט, אום צו פערזיכערען די פּיעסע מיט אַן ערפאָלג.

מילא, דער „סטאַר“ און די „סטאַריכע“ האָבען די וועלט איינגעלעגט, נעכט און טעג האָט מען „געשטודירט“ די פּיעסע, געהאַלטען זי אין איין איבערפיקסען, און פאָלגענדע אויסבעסערונגען זיינען אין מיין פּיעסע געמאַכט געוואָרען:

צווישען די האַנדלענדע פּערזאָנען, האָט זיך אין דער פּיעסע

געפונען א יונג מיידעל פון א יאָהר אכצעהן, א קראַנקע, א שוואַך־זיניגע און אויך א רעדאַקטאָר פון א צייטונג. און דיעזע צוויי פּערזאָנען האָט מען „געקירצט“. די אָרימע מיידעל האָט מען געמאַכט דעם טוידט אין ערשטען אקט, און דעם רעדאַקטאָר האָט מען אין גאַנצען ארויסגעשמיסען.

דער מיידעל האָט דער׳הרג׳עט די „סטאַריכע“, און ווען איך האָב געפרעגט קשיות, האָט די שוישפּיעלערין מיר געענטפערט:

— איהר האָט דער מיידעל געגעבען א צו־גרויסע ראָלע, מען זאָל עס קענען דורכפיהרען... איין גרויסע פּרויען־ראָלע איז אין דער פּיעסע גענוג. איך האָב דאָך די הויפּט־ראָלע, צו וואָס דאַרפט איהר, אז עס זאָל זיך נאָכשלעפּען נאָך א ראָלע?

און עס איז אַזוי אויסגעקומען, אז ווען ביי מיר האָט זיך דער ערשטער אקט געדאַרפט ענדיגען מיט דעם תנאים פון דער קראַנקער מיידעל, האָט מען גאָר די תנאים געענדערט אויף א לויה.

דעם רעדאַקטאָר האָט דער סטאַר ארויסגעוואָרפען, געבענדיג דערביי פאָלגענדע ערקלעהרונג:

— ווען מען פיהרט אויף א נייע פּיעסע, ליגט מען ביי צייטונגען אין די הענד, און ווען מען זאָל פאָרשטעלען א רעדאַקטאָר, קען זיך נאָך אימיצער אין די צייטונגען פיהלען בעליידיגט, און דאָס קען דער פּיעסע שאַדען ברענגען.

אין ערשטען און אין לעצטען אקט האָט מען אין דער פּיעסע א כאָר אריינגעפיהרט: אין ערשטען אקט האָט דער כאָר געזונגען און געטאַנצט צו דער לויה, און אין לעצטען אקט איז דער כאָר גלאַט אריינגעקומען, אום דער פאָרהאַנג זאָל זיך ארונטערלאָזען מיט געזאַנג.

ווען איך האָב געפרעגט: צו וואָס דאַרף מען דעם כאָר? האָט דער מענעדזשער מיר ערקלעהרט:

— ערשטענס, איז דאָ א כאָר, ווועמען מען צאָהלט גוטע געלד, פאַר וואָס זאָלען זיי ניט ארבייטען? צווייטענס, האָט טאַקע דער עולם ליעב אביסעל געזאַנג און א טענצעל.

אין מיין פּיעסע איז געווען א שעהנער מאָנאָלאָג, וועלכען עס האָט געדאַרפט זאָגען דער הויפּט־העלד פון דער פּיעסע, א דאָקטאָר פילאָזאָפיע. דעם „סטאַר“ איז מיין מאָנאָלאָג זעהר געפעלען געוואָרען, נור וואָס דען, ער האָט גערעכענט אז דער מאָנאָלאָג איז צו לאַנג; איך

האָב זיך אָנגעבאָטען דעם מאָנאָלאָג צו קירצען, האָט זיך אריינגעמישט דער מענעדזשער מיט אזא מין גערעכטער טענה:

— וואָס הייסט קירצען? די פּיעסע קאָסט גוטע געלד. עס קען זיין אַז אָט דער מאָנאָלאָג קאָסט אַ פיינע פּאָר דאָלאַר. ווער וואַרפט זיך מיט אַ זאַך וואָס קאָסט געלד?

דער מאָנאָלאָג איז אָבער דאָך געווען צו לאַנג. איז אונטערגעקומען דער הויזקיפּער מיט אַ „סאָדזשעסטשען", מען זאָל דעם מאָנאָלאָג שפּאַלטען אויף צווייען: איין העלפט זאָל טאַקע זאָגען דער „סטאַר", און די צווייטע העלפט זאָל דערזאָגען דעם הויפּט־העלד'ס שוויגער.

דעם הויזקיפּער'ס „סאָדזשעסטשען" איז אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס ענטציקונג.

די האַנדלונג פון דער פּיעסע איז פאָרגעקומען אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטאַ. האָט זיך אריינגעמישט דער שעריף פון טהעאטער און האָט אַזוי געזאָגט:

— וויל מען אַז אַ פּיעסע זאָל האָבען אַ סוקסעס, זאָל זיך דאָס נור האַנדלען אין אַמעריקאַ.

דעם שעריף'ס עצה האָט אויף דעם מענעדזשמענט אַ טיעפען רושם געמאַכט. מען האָט ניט געמאַכט קיין צופיעל מחזקות און מען האָט די האַנדלונג איבערגעמופט נאָך אַמעריקאַ.

אין דער פּיעסע איז געווען אַ סצענע אַ שטאַרקע, אַ דראַמאַטישע סצענע צווישען דער הויפּט־העלדין און איהר ברודער. די ראָלע פון דעם ברודער האָט געדאַרפט געשפּיעלט ווערען פון אַן אַקטיאָר, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין צופיעל חן אין די אויגען פון דער מענעדזשמענט, און די „סטאַריכע" איז געפאַלען אויף אַ סברא און געמאַכט אין דער פּיעסע אַן אויסבעסערונג, נעמליך: זי האָט די דראַמאַטישע סצענע, וועלכע זי האָט בעדאַרפט שפּיעלען מיט איהר ברודער, טראַנספערירט צו איהר מאַן.

ווען איך האָב גענומען פּראָטעסטירען, האָט די שוישפּיעלערין מיר געענטפערט:

— איהר דאַרפט זיך אין דעם דורכאויס ניט אריינמישען. איהר שרייבט די פּיעסע, מיר דאַרפען זי אויפפיהרען און מיר ווייסען בעסער פון אייך וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

— אָבער די סצענע מוז פּאַרקומען צווישען אייך און אייער ברודער, ווען ניט איז דאָס אַן אונזין! — האָב איך גע׳טענה׳ט.

— אָה, וואָס ווייסט איהר? — האָט די שוישפּיעלערין זיך געקאָכט — מען קען ניט דערלאָזען אַז אַזאַ וויכטיגע סצענע זאָל געשפּיעלט ווערען איך ווייס פון וועמען.. איבער אַזאַ מעשה קען די פּיעסע דורכפאַלען.

פּיעלע אַנדערע אימפּראָוואָמענטס זיינען אין יענער פּיעסע געמאַכט געוואָרען, נור דער גרעסטער סורפּריז האָט מיך ערוואַרטעט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג.

איך זיץ אין באָקס מיט אַ פּערציטערטע האַרץ. עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, די האַנדלונג הויבט זיך אָן. איך זעה אַן איבעריגע פּערזאָן בלאַנקעט זיך אַרום איבער דער ביהנע. עפּעס איינער וואָס איז טויב און שטום און הינקט צו אויף אַ פוס... איך ווייס אַז אין דער פּיעסע קומט גאָר ניט פאָר אַזאַ וויסטער קריפּעל. איך זיץ אַ ווײַלע אַן ערשטוינטער.. איך זעה דער קריפּעל לעגט איין וועלטען... מאַכט מיאוס׳ע גרימאַסען... פּישצעט, רעדט אויף שטום־לשון, הינקט כסדר אויף אַ פיסעל...

„געוואַלד, רבונו של עולם!“ טראַכט איך ביי זיך, „וואָס טהוט זיך דאָ? ווער איז דאָס דער קריפּעל?“ איך לויף אַרויס פון באָקס, לויף אַהינטער די קוליסען און פרעג דעם הויפּט־סטאַר:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קריפּעל אין דער פּיעסע?

— איהר הערט, — מאַכט צו מיר דער סטאַר מיט אַ פריינדליכען שמייכעל — איהר מעגט זיך דאָס ווינשען פּערדיענען יעדע וואָך וואָס דער קריפּעל קאָסט אונז אָב.

קוק איך ווי אַ האָהן אין בני אדם און פערשטעה ניט וואָס מען רעדט צו מיר.

און איך קריעג די פאָלגענדע ערקלערונג: די מענעדזשמענט האָט איינגעזעהן אַז אין דער פּיעסע איז דאָ ווענינ צום לאַכען. איינער אַ שוישפּיעלער האָט אין אַן ענגלישער וואָדעוויל־הויז געזעהען ווי אַן איירישער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ קריפּעל און דער עולם האָט פון דעם דאָזיגען קריפּעל זעהר געלאַכט. דער געטרייער שוישפּיעלער וועלכער האָט מיין פּיעסע געהאַט זעהר נאָהענט צום האַרצען, האָט

גערעדט מיט דעם איירישמאַן און האָט אויסגעפונען אַז מען קען איהם קריעגען צו שפּיעלען אין מיין פּיעסע.

דער מענעדזשער האָט זיך פאַר אַזאַ מין געלעגענהייט אָנגעכאַפּט ווי פאַר אַ הייסען שטיין... און אום צו פערשטאַרקערען „דעם געלעבּ־טער“ אין מיין פּיעסע, האָט מען אריינגעשטעלט צו שפּיעלען דעם איירישמאַן. אבער אַזוי ווי אַן איירישער קען דאָך ניט שפּיעלען קיין אידיש און אַז ער זאָל אין גאַנצען שווייגען טויג דאָך עפּעס אויך ניט, האָט מען איהם געמאַכט פאַר שטום און טויב..

און אַזוי האָט מיין אויסגעבעסערטע פּיעסע צוגעקראָגען פון דער מענעדזשמענט אַ נייע פערזאָן.

די דאָזיגע פּיעסע איז נאָך אַלעמען מיאוס דורכגעפאַלען. נור וואָס דען? די קריטיק איז געווען דורכאויס אַ גינסטיגע. כמעט אַלע קריטיקער האָבען איינשטימיג צוגעגעבען, אַז די גאַנצע פּיעסע איז אויסגעגאָסען פון מיין סאַמע נשמה, אַז אַלעס איז זעהר לאָגיש און נאַטירליך, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

אַ וואַנד

ניט די שרעקליכע באַסטיליע איז געפאַלען, ניט אַ מחנה רעוואָלוציאָנערען האָבען בעגעגענט דעם פאַל מיט הילכענדע פריידענס־געשרייען — עס איז אַמעריקאַ, ניו יאָרק, אַ פרייע שטאָדט און אַ פרייע מדינה; ניטאָ דאָ קיין באַסטיליע, ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערען... נור עס איז איינגעבראָכען געוואָרען אַ גרויסע, פינסטערע, פינף־גאָרענדיגע טענעמענט חורבה. איינגעבראָכען האָבען די געביידע בעצאָהלטע אַרבייטער, געדונגען פון דעם אייגענטהימער פון דעם הויז, און אָראָבגעוואָרפען האָט מען די חורבה דאַפיר, ווייל זי האָט זיך שוין איינגעמיעדט צו שטעהן און וואָלט געווים ניט געלאָזט לאַנג בעטען זיך און אַליין איינגעפאַלען, ווען מען וואָלט איהר ניט אויסגעהאָלפען בעצייטענס, און אויך דאַפיר ווייל דער לענדלאָרד האָט שוין אַזוי פיעל רענט אָנגע׳גזל׳ט, אַז ער איז געווען בכח אויפצושטעלען אַ נייע חורבה, אַ גרעסערע, אַ טיעפערע, אַ העכערע מיט פיעל, פיעל מעהר טענעמענט־גריבער איידער די אַלטע האָט פערמאָגט און נאָכדעם שאַרען מעהר רענט, מעהר און מעהר דאָלאַרס... רענט! רענט!

דערווייל איז איינגעבראָכען געוואָרען אַ טענעמענט־חורבה און די בעק־וואַנד, וועלכע איז געהאַנגען אויפ׳ן רעכטען נאָז פון דעם אַנטקעגענדיגען טענעמענט־הויז און האָט אַוועקגערויבט די לופט און דאָס ליכט פון פיעלע, פיעלע שוואַכע און בלאַסע אביונים — דיעזע שרעקליכע וואַנד איז אַרונטערגעוואָרפען געוואָרען... גאָטעס ליכט האָט פלוצלונג אַריינגעקוקט אין פיעלע פינסטערע חדרים. אַ ביסעלע לופט האָט אַריינגעאָטהעמט אין די לופטלאָזע דעמפיגע קברים דורך די אָפענע פענסטער... און פערפינסטערטע מענער, בלאַסע פערצאָגטע פרויען, אויסגעאַנגענע קינדערלעך האָבען אַרויסגעקוקט פון די פענסטער, האָבען מיט בעוואונדערונג אָבער מיט פרייד און מיט גליק געקוקט אויף דעם אָפענעם שטיקעל פּלאַץ, האָבען געזשמורעט די אויגען, ניט־זייענדיג געוועהנט צו ליכט און האָבען אַריינגעאָטהעמט לופט. אַ נחת!... אוי, אַ מחיה!... לופט אין פענסטער!

דאָס איז געווען אין מיטען זומער. די צייט איז געווען אַ

ברענענדע, אַ זודיגע, און דאָ איז אַ ווינטעלע אין פענסטער — אַ פערגניגען! אביונים זופּען נחת און זייערע קינדערלעך זיינען מלא שמחה.

— אוי, זעה, מאַמעלע, ליכטיג! — פרעהט זיך אַ קינד.

— אוי, די גאַס! זעה, אַט זעהט זיך אַ סטריט...

— ליכטיג!... ליכטיג!... אַט זיינען אַנקעלס, ענטים. — פּלאַ־פּעלט ענטציקט אַ בייבעלע צו איהר מוטער.

— אַ ווינטעלע... אַ ווינטעלע... — רעדט אַ צווייטע קינד.

און הערשמאַן דער ביגלער זאָגט, אַז ער וועט שוין היינט ניט שלאָפען אויפ׳ן רוף, אַז אין הויז איז שוין אויך גוט. און אברהם דער פעדלער רעכענט, ער וועט שוין היינט ביינאַכט ניט געהען אויף דעם דאַך אַ כאַפּ געבען דעם אָטעהם. ער וועט דאָ זיצען נעבען דעם אָפענעם פענסטער און וועט זיך אָטהעמען און הוסטען רוהיג און געמיטהליך... מאָררים דעם סוספּענדער־מאַכערס אידענע איז ביזי: זי מופּט דאָס בעט אין פראָנט־רום נעבען די פענסטער, און עס קעהרט אַ וועלט... אביונים זיינען גליקליך... קינדערלעך טאַנצען פאַר פרייד... אַ וואַנד פון אַ טענעמענט־הויז איז איינגעבראָכען געוואָרען. עס איז געוואָרען ליכטיג... עס איז דאָ אַ טראַפּענדעל לופט.. גוט! אַך, ווי גוט!

צווישען די קבצנים, אויף וועלכע עס איז אויסגעפאַלען דער פּלעצליכער גליק, האָט זיך אויך געפונען דער מיסטער חיים גאַרבער.

חיים גאַרבער וואוינט שוין אין דעם זעלבען הויז באַלד דריי יאָהר, און אוי, ווי די וואַנד האָט איהם דערעסען די יאָהרען און די טעג!

חיים גאַרבער איז אַ פּייפּערבאָקס־מייקער. ווען עס איז דאָ אַרבייט מאַכט דער מאַן זיינע זיעבען דאָלאַר די וואָך, אַרבייטענדיג רעגעלע סוועטשאַפּ־שטונדען — פון פיער דעם זייגער פריהמאָרגענס ביז צעהן אין דער נאַכט אריין, און ווען עס איז סלעק פערדיענט ער נאַטירליך דאָס אויך ניט. באַסעס צאָהלען אומזיסט קיין געלד ניט.

חיים האָט אַ ווייב — אַ הויכע, אַ דאַרע, בייזע, שווינדזיכטיגע אידענע און צו דעם האָט ער ביי היינטיגען טאָג פינף קינדערלעך. דאָס איינגסטע איז אַלט דריי מאָנאַט.

מחמת דער וואַנד, וועלכע מאַכט נאַכט־פינסטער אין זיינע רומס, קאָסט איהם רענט ביליגער. דריי רומס פערוואוינט ער און צאָהלט

אין גאנצען זעקס און א האלב דאָלאר א חודש. חיים גארבער ווייס, אז אזעלכע ביליגע רומס קען מען גאָר ניט קריגען, און ער האלט טהייער די דירה און ער גיט אָב דעם לענדלאָרד גרויס כבוד. ווען עס קומט דער ערשטער און מען דארף איינצאָהלען די זעקס און א האלב דאָלאר רענט עקט זיך דער לעבען. ביי איהם אליין נעהמט שווינדלען אין קאָפּ, ער ווערט עפּעס ווי צומישט און אפילו ווען ער שלאָפט זעהט ער שרעקליכע חלומות און כאפּט זיך אויף ביינאכט מיט געוואלדען, און זיין אידענע — זיין גאָלדע — איז צו יעדען רענט צאָהלען גאָר א חורבה. עס עפענט זיך איהר דער טרוקענער הוסט, אין די אויערען נעהמט קלינגען ווי אין א קלויסטער און זי ווערט פון צרות א ביסעל מטושטש, מיט איין וואָרט, מען זעגענט זיך מיט דעם לעבען. נו, ווייס שוין חיים צו גוט אז מעהר ווי זעקס און א האלב דאָלאר רענט קען ער ניט צאָהלען, און דערפאר האָט ער זיך איינפאך געטרייסעלט איבער זיין דירה.

נור די וואנד, די וואנד וואָס הענגט אויף דעם פענסטער. אי, די וואנד, די וואנד דערעסט דעם לעבען... פינסטער! תמיד, תמיד פינסטער. עס וואָרפט אָן אן אומעט, א מין מרה־שחורה, און אָן אנדערס מאָל ווילט זיך פשוט ארויסוואָרפען פון פענסטער קוקענדיג אויף דער פינסטערער וואנד... די קינדערלעך האָבען אלע שוואכע אויגלעך, מחמת דיעזען שטענדיגען חושך... זיין גאָלדע איז אפשר דער־פאר אזוי בייז און קראנק. אבער וואָס קען מען העלפען? חיים זעהט בעשיינפערליך, אז די וואנד שפּאָרט איהם איין א פּאָר דאָלאר יעדען חודש און ער קוקט אויף דער וואנד ווי אויף א נויטווענדיגקייט אין זיין לעבען, און ער זינדיגט ניט: און אָן אנדערס מאָל איז ער זאָגאר שטארק דאנקבאר דער וואנד... נאַטירליך ווען עס זאָל קאָסטען די זעלבע רענט וואָלט חיים׳ן ניט אַרען אז די וואנד זאָל איינגעזונקען ווערען צעהן קלאָפטער אין דער ערד אריין, אבער ער פערשטעהט אז דאָס קען ניט זיין. ליכטיגע רומס קאָסטען אין אמעריקא טהייער — פאר דער זון צאָהלט מען גוטע, גוטע געלד. און גאָרנישט. חיים אזוי גוט ווי גאָלדע זיינען שוין געווען אזוי פיעל איינגעוועהנט מיט דער וואנד, אז אפילו ווען זיי פלעגען זיין דרויסען פלעגט זיך זיי דאכטען אז א וואנד שוועבט זיי פאר די אויגען.

און פּלוצלינג, גאָר אונגעריכטערהייט, קומט מען און מען וואָרפט

אַרונטער די וואַנט און עס ווערט ליכטיג, און ווען מען עפֿענט די פֿענסטער פּיהלט זיך אַ ווינטעל און וואָס פּאַר אַ פֿערגעניגען!

די גאַרבערס זיינען צו דעם גאָר ניט געוועהנט געוואָרען און זיי גלויבען פּשוט זייערע אויגען ניט. אָבער די וואַנט איז דאָך ניטאָ און גאַרבער און זיין קראַנקע גאָלדע און די קינדערלעך, אַפּילו די בייבי, זיינען אַלע עפּעס ווי ניי געבאָרען.

גאַרבער׳ן אַליין שווינדעלט ניט אין קאָפּ, כאָטש דער שרעקליכער „ערשטער“ פּליהט שוין אָן אויף זיינע שרעקליך שוואַרצע פֿליגלען. גאָלדע איז געוואָרען פּיעל מילדער און זי שילט ניט אזוי ווי אַמאָל און רייסט ניט און קנייפּט ניט די קינדער... זי אָטהעמט גאָר לייכטער און די קינדערלעך זיינען אויך גאָר אַנדערע געוואָרען... פֿרעהליכער, לעבעדיגער.

ווי עס איז נור געוואָרען ליכטיג האָט די בלאָטע, וועלכע האָט זיך איינגעגעסען אין הויז, גענומען רייסען די אויגען און גאָלדע און חיים האָבען געאַרבייט מיט די זייטען און ריין געמאַכט די הויז.

גאָלדע האָט צוואַוואַשען די פּלאָרס און חיים האָט אַרויסגעשלעפּט אין סטריט אפשר הונדערט פּוד טראַנטעס און שמאַטעס און איינפּאַכע בלאָטע אויף אַ היבשע ביסעל.

— עס איז גראַמער געוואָרען אין שטוב... — מאַכט גאָלדע, ווען זי האָט געענדיגט מיט רייניגען.

— אַ קליינינקייט, — ענטפֿערט חיים — אזוי פּיעל שמאַטעס, אזוי פּיעל בלאָטע אַרויסגעטראָגען.

— פֿון וואַנען האָט זיך דאָס צוזאַמענגעקליבען? — מען האָט דאָס דאַכט זיך גאָר ניט אָנגעזעהן... — וואונדערט זיך גאָלדע.

— עס איז געווען פֿינסטער, האָט מען ניט געזעהן. — פֿער־ענטפֿערט חיים.

— גאָר אַנדערע רומס... — בעטראַכט גאָלדע צופֿריעדען די הויז.

— ליכטיג, אַ קליינינקייט, ליכטיג! — ענטפֿערט חיים.

*

עס איז געווען שבת פֿריהמאָרגען, דער דריטער ליכטיגער טאָג. חיים האָט שבת ניט געאַרבייט, האָט ער זיך אין שאַפּ ניט געאיילט און איז געזעסען נעבען אָפֿענעם פֿענסטער און מיט גרויס פֿערגניגען געקוקט אויף גאָט׳ס וועלט פֿערטראַכטערהייט.

די קינדערלעך זיינען אַלע געשלאָפען אויפ'ן פלאָר נעבען פענסטער און גאָלדע האָט פערקאָכט טהעע.

— חיים, קום טרינקען טהעע! — האָט גאָלדע אָבגערופען איהר טיעף־פערטראַכטען מאַן.

חיים האָט ניט געהערט זיין ווייב און ער האָט גאָר ניט געענט־פערט.

אין די „פינסטערע" צייטען וואָלט ער זיך אין אַזאַ געלעגענהייט שוין ניט אויסגעדרעהט פון גאָלדע'ס אַ פּאָר קללות. יעצט איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם גוטמוטהיג אָבגערופען:

— חיים, קום טהעע טרינקען.

— האַ? — האָט זיך חיים אָבגערופען.

— וואָס ביזטו אַזוי פערטראַכט? — האָט גאָלדע מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— איך טראַכט — זאָגט חיים — ווי גוט עס איז צו זיין אַ נגיד.

— אַנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — האָט גאָלדע געפרעגט, געקוקט אויף איהר מאַן און געשמייכעלט.

— זעהר נאָר וואָס פאַר אַ פערגניגען עס איז! — האָט חיים גערעדט, אימער קוקענדיג אין פענסטער אריין — וואָס פאַר אַ מין נחת עס איז צו וואוינען אָהן אַ וואַנד אויף די רעכטע פענסטער.

— ווער פערשטעהט עס ניט? — האָט גאָלדע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און חיים רעדט ווייטער.

— זעה נור, קוק נור... מען זעהט אַ וועלט... מען זעהט אז מען לעבט... מענשען... פערד... מען געהט... מען פאָהרט... מען רעדט... אַ לעבעדיגע וועלט.

— געה, משוגענער, טרינק אַ גלעזעל טהעע — מאַכט גאָלדע גוטמוטהיג און נעהמט אויך קוקען אין פענסטער.

— אַ פערגניגען! — הערט ניט אויף זיך צו קוויקען חיים.

— אָבער, ווער ווייס אויף ווי לאַנג? — זאָגט גאָלדע מיט אַ זיפץ — מסתמא וועט מען באַלד ארויפשטעלען אַן אַנדער בילדינג.

— עט, עס קען אַזוי דער זומער אריבער... — טרייסט חיים זיין פרוי — און ווייטער וויפיעל דאָס זאָל ניט געוועהרען איז אַ דאַנק גאָט. מיר לעגען צו דעם גאָרניט צו.

— ווערסט עפּעס עסען צום טהעע? — פרעגט גאָלדע.

— יעס, — ענטפערט חיים — גיב אַ שטיקעל ברויט ; עס ווילט זיך עסען.

— זייט עס איז ליכטיג אין הויז עסט זיך גאָר מעהר. — זאָגט גאָלדע און דער־לאַנגט איהר מאַן אַ גלעזעל טהעע מיט אַ שטיקעל ברויט צום פענסטער.

זי נעהמט אויך אַ גלאָז טהעע און זעצט זיך אויך אַוועק נעבען דעם פענסטער.

די אביונים טרינקען טהעע, עסען ברויט, קוקען אין פענסטער און האָבען שטאַרק הנאה.

די קינדערלעך האָבען גענומען אויפשטעהן און גלייך צו די פענסטער... און קלייבען התפעלות.

— בעטען גאָר ניט עסען... — זאָגט גאָלדע און קוקט מיט ליעבע אויף די נאַקעטע בלאַסע קבצנים'לעך.

— די ליכטיגקייט, — זאָגט חיים עפּעס אַזוי ווי פילאָזאָפיש — דאָס איז הפּנים זיי טהייערער ווי דאָס עסען.

מען האָט אַנגעקלאַפּט אין טהיר און אין הויז איז אריינגעקומען די מיסעס הערשמאַן, אַ שכנה פון דעם פערטען פלאָר.

— אַ גוטער מאָרגען ! — מאַכט די מיסעס הערשמאַן.

— אַ גוטען מאָרגען, אַ גוטען מאָרגען ! — ענטפערען חיים און גאָלדע ביידע גלייך — קומט זיצען.

— איהר האָט הנאה פון דער סטריט ? — פרעגט די מיסעס הערשמאַן און טהוט עפּעס אַ מאָדנעם שמייכעל דערביי.

— נו, זאָגט אדרבא, — רופט זיך אָב גאָלדע — זאָגט, מיסעס הערשמאַן, איז ניט אַ ליכט אין די אויגען ?

—יעס, געווים, — ענטפערט די מיסעס הערשמאַן — אבער ניט לאַנג וועט אונז זיין ליכטיג אין די אויגען.

— מען וועט בויען באַלד ? — פרעגט חיים, און ביידע, אי חיים אי גאָלדע קוקען עפּעס אַזוי ווי דערשראָקען אויף דער מיסעס הערשמאַן.

— בויען וועט מען דאָ ניט אַזוי גיך, עס קען אַזוי איבערגעהן פיינע עטליכע חדשים — נור...

— נור וואָס דען ? — שלאָגען איבער חיים און גאָלדע, ביידע אין איינמאָל, דער מיסעס הערשמאַן און קוקען אויף איהר מיט ברייטע אָפענע אויגען.

— נור מען וועט רייזען רענט צו א דאָלאַר א האַלב א חודש צו אַלע בעק־טענער פאַר די ליכטיגקייט.

חיים און גאָלדע האָבען גאָרניט געענטפערט, נור א שווערער שאָטען האָט בעדעקט זייערע ביידענס געזיכטער, און ביידע זיינען א ווײַלע געבליבען זיצען ווי פערגליווערטע...

— מיר וועלען שוין מוזען שטאַרבען מיט א וואַנד אויף די אויגען... — האָט חיים דער ערשטער איבערגעריסען די שווערע שטילקייט.

— עס קלינגט שוין מיר אין די אויערען... — האָט מיטגעטהיילט גאָלדע — קלינגען זאָל מען נאָך דעם לענדלאָרדס מיתה.

— געהט, פרעסען, ממזרים! — האָט די דאַרע, הויכע אידענע א קאָמאַנדעווע געטהאָן צו איהרע קינדער.

—לאָז זיי קוקען... — האָט חיים געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל — מיר וועלען שוין אין גיכען האָבען אַן אַנדער וואַנד, מען וועט מוזען מופען... אבט דאָלאַר א חודש קענען מיר ניט צאָהלען...

זונטאָג האָבען די גאָרבערס בעקומען די טרויעריגע נייעס וועגען העכערע רענט אָפיציעל דורכ'ן הויזקיפּער, און אויף מאָרגען איז חיים מיט זיין ווייב אַוועק זוכען אַן אַנדער דירה.

נאָך א האַלבען טאָג זוכענים האָבען די גאָרבערס געפונען רומס פאַר די זעלבע רענט, וואָס זיי האָבען געצאָהלט אין דער אַלטער דירה.

איך דריי פינסטערע חדרים מיט א וואַנד הענגענדיג אויף די רעכטע פענסטער נאָך נעהנטער איידער די ערשטע וואַנד.

— צו וואָס האָב איך דאָס נאָך בעדאַרפט רייסען די גערערים און רייניגען די רומס? — פערדריסט גאָלדע'ן געהענדיג אהיים.

— און איך האָב אזוי פיעל בלאָטע אַרויסגעשלעפּט! — פער־דריסט אויך חיים'ן.

(ענדע ערשטער בוך.)